# יקאָלאַי לענין

UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 16 07 25 09 002 8



THIS BOOK BELONGS TO
LEN WAGA

אין אָנדענק פון באָרים ליטמאַן
און ריטאַ בערגשטיין־ליטמאַן

IN MEMORY OF BORIS LITMAN
AND RITA BERGSTEIN-LITMAN

# ארבייטער און פרייהייט

# אַרבייטער און פרייהייט

פון

## ניקאָלאי לענין

איבערזעצט פון

ה. בורגין און מ. אָשעראָוויטש

ארויסגעגעבען פון
אפ-טו-דייט פּאָבלישינג קאָמפּאני,
195 קאָנעל סט., ניו יאָרק
1921




ניקאלאי לענין

Digitized by the Internet Archive
in 2011 with funding from
University of Toronto

http://www.archive.org/details/arbeyerunfreyhey00leni

# אינהאַלט:


זייט

ניקאָלאַי לענין (זיין ביאָגראַפיע אַלס רעוואָלוציאָנער) — 9

פאָררעדע פון ס. נואָרטעוואַ — — — — — — — — — — 23

די יעצטיגע אויפגאבע פון דער סאָוועטען רעגירונג — — 27

א) די נייע פאָרמע פון קאַמף מיט דער בורזשואַזיע — 38

ב) די באַדייטונג פון קאַמף פאר אלגעמיינע קאָנטראָלע 51

ג) העכערונג פון אַרבייטס שאַפונגס־קראַפט — — 56

ד) די שטרעבונג צו איבערשטייגענעם — — — — — — 61

ה) אַרבייטס־פעהיגע אָרגאַניזאַציאָנען און דיקטאַטור 67

ו) די ענטוויקלונג פון סאָוועט־אָרגאַניזאַציאָן — — 82

דער מוסר השכל פון דער רעוואָלוציע — — — — — — 93

איינע פון די וויכטיגסטע פראגען פון דער רעוואָלוציע — 119

וועגען „ענטוואַפנונג“ — — — — — — — — — — — 134

די אויפגאבע פון פראָלעטאַריאט אין אונזער רעוואָלוציע — 151

די לאַגע אינ׳ם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל — — — 163

דער שטאַט און די רעוואָלוציע:

ערשטער קאַפיטעל—די קלאסען געזעלשאפט און דער שטאַט — — — — — — — — — — — — 177

צווייטער קאפיטעל—דער שטאַט און די רעוואָלוציע 202

דריטער קאַפיטעל—די ערפאהרונג פון דער פאריזער קאָמונע אין 1871טען יאהר — — — — — — — 214

פערטער קאַפיטעל — ווי די אָפּאָרטוניסטען האָבען צו־קאַליעטשעט מאַרקס׳ן — — — — — — — — 244

שלוס־וואָרט — — — — — — — — — — — — — 270

# ניקאָלאַי לענין

## זיין ביאָגראַפיע אלס רעוואָלוציאָנער.

### פון ה. יבורגין.

ניקאָלאַי לענין... דאָס איז ניט דער ריכטיגער נאָמען פון פּרעזידענט פון די רוסישע פּאָלקס־קאָמיסארען. דאָס איז איינער פון די פילע פּסעוודאָנימען (צונעמעניסען), אונטער וועלכע דער פאָטער פון זבאָלשעוויזם איז אין פארשידענע צייטען געווען באוואוסט.

זיין ריכטיגער נאָמען איז אוליאנאָוו, — וולאדימיר אילאיטש אוליאנאוו. ער האָט באלאנגט צו א פאמיליע מיט רעוואלוציאנערע טראַדיציעס. זיין פאָטער, איליא אוליאנאָוו, פון פויערשען שטאַנד, איז אפילו געווען א טשינאָווניק — דירעקטאָר פון די פּאָלקס־שולען אין סימבירסקער גובערניע. אָבער זיין ברודער איז געווען א רעוואָלוציאָנער און איז אין 1887 אומגעקומען אויף דער תליה פאר׳ן אנטייל אין פארזוך אויפ׳ן לעבען פון אלעקסאנדער דעם דריטען. און דאָס האָט געהאט א שטאַרקע ווירקונג און געמאכט א טיעפּע איבערקעהרעניש אין די געדאַנקען פון דער פאמיליע.

לענין איז ניט געווען דער פאָטער פון סאָציאל־דעמאָקראטישען געדאַנק אין רוסלאַנד: דיזע ערשטע באלאנגט צו אן עלטערען דור פון רוסישע רעוואָלוציאָנערען — צו דער „גרופּע פון באַ־פרייאונג פון ארבייט", וועלכע איז אין 1883 געגרינדעט געוואָרען פון פארשטארבענעם ג. פּלעכאנאָוו, פּ. אקסעלראד, ל. דייטש, ווערא זאסוליטש און איגנאטאָוויטש. אָבער לענין האָט געשפּיעלט די וויכטיגסטע ראָלע אין באַפרוכפּערען דאָס פּראָלעטאריש־רוסישע פעלד מיט׳ן סאָציאל־דעמאָקראטישען געדאַנק. ער איז געווען ענג, זעהר ענג פארבונדען מיט יעדער פאזע, מיט יעדער שטופּע,

וואָס די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראטישע באַוועגונג האָט דורכ־געמאַכט. און וועגען לענינ׳ען קען מען דארום ניט רעדען אַנדערש, ווי אין פארבינדונג מיט דער ענטוויקלונג פון דער רוסלענדער סאָ־ציאַלדעמאָקראטישער באַוועגונג.

מיר וועלען זיך ניט פארנעמען מיט איינצעלהייטען פון לענין׳ס לעבען פריהער אין גימנאַזיע, נאכהער אין קאזאַנער אוניווערסיטעט, פון וואנען ער איז אויסגעשלאָסען געוואָרען אַלס רעוואָלוציאָנער. מיר וועלען אָנפאַנגען פון זיין עפענטליכער טעטיגקייט.

צום ערשטען מאָל האָט לענין — אונטער אַנאַנדער נאָמען — געלאָזט פון זיך הערען אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט פון רוס־לאַנד אין 1894 (אפשר 1895). יענע יאהרען — די ערשטע יאָהרען פון די 90־ער פון פאָריגען יאָהרהונדערט — זיינען געווען אַ אינ־טערעסאַנטע עפּאָכע אין דער היסטאָריע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. דער וואָרט „רעוואָלוציאָנער“, אַזוי גוט ווי דער וואָרט „סאָציאַליסט“, איז, נאַטירליך, געווען דאַן טריף. און די רעוואָלוציאָנערען פלעגען זיך דאַן רופען „מארקסיסטען“ און „נאראָדניקעס“ (פּאָפּוליסטען, פאָלקיסטען). די מארקסיסטען דאָס זיינען געווען די סאציאַל־דעמאָקראטען, און די „נאראָדניקעס“ — די צוקונפטיגע סאציאַליסטען־רעוואָלוציאנערען, פאָלקס־סאָ־ציאַליסטען, „טרודאָוויקעס“, א. ד. גל.

צווישען די „מארקסיסטען“ און די „נאראָדניקעס“ איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמפף — אין דער ליטעראַטור, נאַטיר־ליך, — איבער דער פראַגע, ווען עס איז באַשערט אין רוסלאַנד צו זיין דער טרעגער פון סאציאַליזם. דער „נאראָדניק“ פלעגט טענה׳ן: ווענהערענד אין מערב איירָאָפּאַ איז דער טרעגער פון סאָציאַליזם דער פּראָלעטאַריאַט, איז אין רוסלאַנד דאָס אוממעגליך. וואָרים רוסלאַנד האָט ניט קיין רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט, ווייל זי האָט גאָר קיין ענטוויקעלטען קאַפּיטאַליזם ניט. דער קאַפּי־טאַליזם איז אַ געהאָדעוועטער, ניט קיין נאַטירליכער. און אויף וויפיעל דער קאַפּיטאַליזם עקזיסטירט שוין, איז ער שעדליך און

פּערשאפּט נאָך ליידען. רוסלאנד איז אַן אגריקולטור־לאנד, און איהר ארבייטענדע באַפעלקערונג איז א פויערשע. און אָט דיעזע פויערשע באַפעלקערונג איז דער טרעגער פון סאָציאַליזם אין רוסלאנד, דער נאטירליכער טרעגער. דער פויער איז שוין יעצט האלב־סאָציאַליסטיש. ער לעבט אין דער „אָבשטשינא" (פאָלקס־געמיינדע), וואו די ערד איז ניט די אייגענטום פון דעם אָדער יענעם פויער, נאָר פון דער גאנצער געמיינדע, פון דער גאנצער „אָבשטשינא". די ערד ווערט פון דער „אָבשטשינא" פאַרטיילט צווישען די פויערים בלויז אויף צו באארבייטען און בלויז אויף א געוויסע צאָהל יאָהרען.

דער מארקסיסט האָט אויף דעם געענטפערט דעם „נאראָדניק":

אידעאַליזיר ניט די „אָבשטשינא" און מאך ניט קיין אָפּגאָט פון פויער. דער פויער איז אומוויסענד און זשעדנע און האָט קיין שום שייכות ניט צו סאָציאַליזם. די „אָבשטשינא" איז גאָר־ווייט נים קיין שטיק סאָציאַליזם. זי באַשטעהט פון צוויי קלאסען פויערים: פון „בעלי גוף'ס", פון וואָהלהאבענדע, פון עקספּלואַ־טירענדע פויערים, און פון אָרימע, האלב־פּראָלעטארישע, עקספּלואַ־טירטע פויערים. די „אָבשטשינא" וואָלט שוין דארום לאנג צופאלען געווארען, ווען ניט די „בעלי גוף'ס" און די רעגירונג. די בעלי־גוף'ס זיינען פאראינטערעסירט אין דעם, אז אין „אָבשטשינא" זאָלען זיך געפינען אָרימע פויערים, וועלכע זאָלען זיך מוזען צו זיי פארדינגען פאר אומזיסט; די רעגיערונג האָט אויפגעהאלטען די „אָבשטשינא", דערפאר, וואָס זי (די „אָבשטשינא") פלעגט טראָגען די פאראנטוואָרטליכקייט פאר די פּאָדאטקעס פון אלע מיטגליעדער.

די אָבשטשינא איז דארום נאָר א שטערונג פאר די ענטוויק־לונג פון ארבייטער־קלאַס, פאר'ן וואוקס פון קלאסען־קאמפּף. ווען ניט די „אָבשטשינא", וואָלט דער פּראָלעטארישער פויער געקענט פארלאָזען דעם דארף און געהן ארבייטען אין דער שטאָדט־פאב־ריק, וואו דער קלאסען־געגענזאץ טרעט ארויס בולט'ער.

און עס איז נאָרניט ריכטיג, אַז מיר האָבען אין רוסלאַנד ניט קיין קאַפּיטאַליזם. אין דער „אָבשטשינא״ גופא הערשען שוין קאַפּיטאַליסטישע פארהעלטניסע: דער פויער פּראָדוצירט שוין ניט קיינע פּראָ־וקטען פאר זיין אייגענעם געברויך; אַנשטאָט דעם, פּראָדוצירט ער שוין סחורות פאר׳ן מארקעט. דער פּויער, הייסט עס, איז שוין דורכגעקנאָטען מיט קאַפּיטאַליסטישע שטרעמונגען און באגריפע. רוסלאַנד ליידעט גאָר ניט פון דעם וואָס זי איז אריינגעטראָגען אין די קאַפּיטאַליסטישע שטופע פון דער ענטוויקלונג, נאָר פון דעם, וואָס זי איז נאָך ניט אַוועק ווייט. מיר מוזען זיך „אויסקאָכען אין פאבריק קעסעל״, מיר מוזען מיט־ווירקען אין דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, וועלכער באַשאַפט א באָדען פאר׳ן וואוקס פון פּראָלעטאריאַט, וואָס איז דער איינ־ציגער טרעגער פון סאָציאַליזם.

אין 1894 (אָדער 1895) איז ערשינען א מארקסיסטישער זאמעל־בוך, וואו דער שטאנדפּונקט פון די מארקסיסטען איז קלאָר גע־מאכט געוואָרען. צווישען אַנדערע, איז דאָרטען געווען אַן ארטיקעל, וואָס האָט איבערהויפּט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט אי מיט זיין זאכליכקייט, אי מיט דער רעוואָלוציאָנערקייט, וועלכע האָט געשפּריצט פון יעדער שורה. צוליעב אָט דעם רעוואָלו־ציאנערען אינהאלט פון דיעזען ארטיקעל, האָט די פּאָליציי גלייך קאָנפיסקירט (פארכאפּט) די גאנצע אויפלאגע פון בוך. דער פאר־פאסער פון ארטיקעל איז געווען א מארקסיסט מיט׳ן נאָמען טולין. און דיזער טולין איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי אוליאַנאָוו — לענין.

אין ווערענד די רעוואָלוציאָנערע קרייזען אין רוסלאַנד האָבען אָנגעפירט דעם ליטעראַרישען קאַמפּף, צי רוסלאַנד האָט א קאַ־פּיטאַליזם, אָדער ניט, האָט אין 1896, אין פּעטערבורג, פּאַסירט א זאַך, וואָס האָט צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנ־צער וועלט: אין די פּעטערבורגער פאבריקען לאַ־פערם, טאראַנטאָו און אַנדערע האָט אויסגעבראָכען א סטרייק, אין וועלכען עס האָבען

זיך באַטייליגט 40 טויזענד ארבייטער! און די סטרייקערס האָבען נעקעמפפט ניט בלויז פאר העכערע שכירות, נאָר אויך פאר פאָליטישע פרייהייט.

און די אויכערליכע וועלט, וועלכע האָט זיך נעהאַט אָנגעהערט פון די „נאַראָדניקעס", אַז רוסלאַנד האָט נאָר „אָבשטשינעס" מיט פויערים, איז נעווען איבערראַשט: אויב אין איין שטאָדט קען אויסברעכען אַזאַ סטרייק, הייסט דאָך דאָס, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט שוין ברייטליך אריינגעשפרייזט אין רוסלאַנד; אויב 40 טויזענד ארבייטער פאָדערען שוין פּאָליטישע רעכטע, הייסט דאָך דאָס, אַז רוסלאַנד האָט שוין אַ צימליך ענטוויקעלטען פּראָלעטאַריאַט.

און די רעוואָלוציאָנערע וועלט האָט זיך געפרעהט און האָט באַוואונדערט דעם סטרייק.

דעם סטרייק האָט אָרגאַניזירט דער זאָגענאַנטער „פאַרבאַנד פאר די באַפרייאונג פון ארבייטער־קלאַס". און די נשמה פון דעם פאַרבאַנד, אַזוי גוט ווי דער פיהרער פון סטרייק, איז נעווען ניט קיין אַנדערער, ווי אוליאַנאָוו־לענין־טולין...

אוליאַנאָוו האָט טייער באַצאָהלט פאר'ן סטרייק: ער איז פארשיקט געוואָרען אויף עטליכע יאָהר קיין סיביר. ער האָט אָבער גוט אויסגענוצט זיין פרייע צייט. ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט זעמסטוואָס, שטאָרט־פאַרוואַלטונגען און פארשיידענע סטאַטיסטישע ביוראָס, און איז אַ פּאָר יאָהר געזעסען על התורה ועל העבודה. און דער רעזולטאַט פון זיין לערנען און ארבייטען איז געווען אַ דיקער וויסענשאַפטליכער בוך: „די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, פאַרפאַסט פון איליאין.

איליאַנאָוו, הייסט עס, האָט שוין גענקראָגען אַ נייעם נאָמען: „איליאין."

איליאינ'ס בוך האָט מיט ציפערן און פאַקטען דערוויזען, אַז

רוסלאנד האָט זיך שוין מיט ביידע פיס געשטעלט אויפ'ן וועג פון דער קאפיטאליסטישער ענטוויקלונג.

איבריגענס, דאָס האָבען שוין צוגעגעבען אויך די „נאראָד־ניקעס." און זיי האָבען ניט געקענט ניט צוגעבען. פאבריקען זיינען שוין געווען אין פארשיעדענע שטעדט. קאפיטאליסטען האָבען שוין געשפיעלט אַן אָנגעזעהענע ראָלע. אין דרום־רוסלאנד האָבען שוין די צוקער־פאבריקאנטען געגרינדעט אַ טראָסט — אַ „סינדיקאט פון צוקער־פאבריקאנטען". און אין פארשיעדענע אינדוסטריעלע צענטרען זיינען שוין געווען סאָציאל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס.

אין 1898, אין זעלבען יאָהר, ווען עס איז ערשינען איליאין'ס „ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין רוסלאנד", האָט שוין אין מינסק שטאטגעפונען דער ערשטער צוזאמענפאָהר פון די רוסלענדער סאָציאל־דעמאָקראטען, — דער צוזאמענפאָהר, אויף וועלכען עס איז געגרינדעט געוואָרען די רוסלענדער סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבייטער פארטיי.

יענע יאָהרען זיינען געווען די בליה־יאָהרען פון דער זאָגע־נאנטער „זובאטאָווטשטשינא". זובאטאָוו'ס אגענטען האָבען אויסגעפאנגען די פיהרער פון דער נייער פארטיי און זיי ארעסטירט. דער פארטיי־מעכאניזם איז צופאלען געוואָרען, אָבער די אידעע פון א פארטיי איז געבליבען לעבען. אין איבער'ן גאנצען לאנד זיינען שוין געווען אָרגאניזאציעס, טיילען פון דער ניט פאראייניגטער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי.

קיין טאָלק איז אין דער באוועגונג ניט געווען. פארשיידענע אָרגאניזאציעס האָבען זיך געשטעלט גאָר פארשיעדענע אויפגאבען.

אין צו ענדע פון די 90־ער יאָהרען האָט ווידער אויסגעבראָכען אַ קאמפף אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט פון רוסלאנד, — דיזען מאָל שוין אין די רייהען פון די מארקסיסטען גופא, אין די סאָציאל־דעמאָקראטישע רייהען.

דער קאמפף איז געווען איבער דער פראגע, ווי, אונטער די

עקזיסטירענדע פּאָליציייאישע פּאַראַנדלעס, צו ארגאניזירען דעם ארבייטער־קלאַס?

איין טייל סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָט זיך געגויגט צום זאָ־גענאַנטען עקאָנאָמיזם. דער עקאָנאָמיזם האָט געלערנט, אַז מען דארף דעם ארבייטער אָרגאַניזירען פּאַרלויפיג פאַר עקאָנאָמישע פאָדערונגען. די שפּראַך פון עקאָנאָמישע פארבעסערונגען איז פאַר'ן ארבייטער זעהר פארשטענדליך. און ווען דער ארבייטער וועט דערזעהן „ממשותדיגע רעזולטאטען“, וועט ער זיך שוין גערנער צוהערען אויך צו דער פּאָליטישער אגיטאַציאָן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

מיט אַנדערע ווערטער, דער עקאָנאָמיזם האָט געפּרעדיגט אָפּאָרטוניסטישע טאַקטיק. א טאַקטיק פון באהאַלטען די ריכטיגע פּרינציפּען, די ריכטיגע צוועקען פון דער סאָצאַל־דעמאָקראַטיע און זיך באגנוגענען מיט פאָדערונגען פאַר עטליכע סענט העכערע שכירות אָדער א האַלבע שטונדע ווייניגער ארבייט.

נעגען עקאָנאָמיזם איז אָבער ארויס א גרופּע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, צווישען וועלכע די אָנגעזעהענסטע ראָלע האָט געשפּיעלט אונזער אַלטער באַקאַנטער אוליאַנאָוו־לענין־טולין־איליאין, וועלכער איז געלאָפען פון סיביר און זיך באזעצט אין מערב אייראָפּאַ. צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוו'ען, אַקסעלראָד'ען, וועראַ זאסוליטש, ל. מאַרטאָוו'ען, האָט לענין גענומען ארויסגעבען די באַריהמטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג „איסקראַ“, וועלכע האָט געשפּיעלט אזא וויכטיגע ראָלע אין דער אויסאַרבייטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אנשויאונג פון ברייטע שיכטען אינטעליגענטען און אויפגעקלערטע ארבייטער. און לענין איז געווען איינער פון די טעטיגסטע טוער אין דער „איסקראַ“.

די „איסקראַ“ האָט צוקלאַפּט דעם עקאָנאָמיזם און האָט באַשאַפען א באָדען פאַר די ריכטיגע פאַראייניגונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרעפטען אין לאַנד. און דורך איהר מיהע איז אין סטאָקהאָלם אין 1903 צוזאַמענגערופען געוואָרען דער צווייטער

צוזאַמענפאַהר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, — דער צוזאַמענפאַהר, וועלכער האָט אייגענטליך געטראָגען אַ כאַראַקטער פון אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, ווייל די פּאַרטיי איז גלייך נאָכ׳ן ערשטען צוזאַמענפאַהר צופאַלען געוואָרען, — און אויף וועלכען עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי אויף „באָלשעוויקעס“ און „מענשעוויקעס“.

אין דיעזער שפּאַלטונג האָט געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע דער־זעלבער אוליאַנאָוו־טולין־איליאין־לענין.

אום בעסער צו פאַרשטעהן דעם אורשפּרונג פון „באָלשע־וויזם“, וועלען מיר געבען אַ באגריף וועגען אַ ביכעל, וועלכער איז ערשינען אין 1902 און וועלכער האָט געמאַכט אַ רושם אין די רייהען פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מיר מיי־נען דאַ דעם ביכעל: „וואָס צו טאָן?“

דער פּראָפעסער שטעלט זיך די פראַגע, וואָס איז צו טאָן אום די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג זאָל אָננעמען אַ סיסטע־מאַטישען, ברייטען כאַראַקטער. אין ער קומט צום שלוס, אַז עס איז נויטיג צו גרינדען אַן אָרגאַניזאַציאָן פון פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זאָלען זיך אָפּגעבען אויסשליסליך מיט רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער ארבייט.

דער פּראָפעסער פון דעם ביכעל איז געוועזען ניט קיין אַנ־דערער, ווי לענין. און דעמזעלבען פּלאַן, וואָס ער האָט אין ביכעל פאַרגעבראַכט, האָט ער דאָס געוואָלט דורכפיהרען אויפ׳ן פּאַרטיי־צוזאַמענפאַהר, פון וועלכען מיר רעדען דאָ.

עס האָט זיך אויפ׳ן צוזאַמענפאַהר געהאַנדעלט אום דער פראַגע, ווער עס זאָל האָבען אַ רעכט צו רעכענען זיך פאַר אַ מיטגליעד פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארביי־טער פּאַרטיי. איין טייל דעלעגאַטען, מיט׳ן אויבענדערמאָנ־טען ל. מאַרטאָוו׳ן אַן דער שפּיצע, האָט פאָרגעלעגט, אַז פאַר אַ מיטגליעד זאָל זיך רעכענען יעדער איינער, וואָס אינדאָסירט די

פראָגראַם פון דער פארטיי און לייסטעט איהר וועלכע עס איז שטיצע. דער אנדער טייל אָבער, מיט לענין'ען בראש, האָט נע־פאָדערט, אז פאר א מיטגליעד זאָל זיך רעכענען בלויז אזא, וואָס באַלאנגט צו א פארטיי אָרגאניזאציאָן.

טריי צו זיין מיינונג, אויסגעדריקט אין „וואָס צו טאָן?“, פארלאנגט לענין א פארטיי ניט פון סימפּאַטייזער, נאָר פון טעטיגע רעוואָלוציאנערען: א טעטיגער רעוואלוציאנער באנוגענט זיך ניט מיט סימפּאטי, נאָר באַלאנגט צו א וועלכער עס איז פארטיי אָרגאניזאציאָן.

לענין, הייסט עס, האָט געוואָלט באזייטיגען פון דער פארטיי אַלע זיס־זויערע סימפּאטייזערס, האלב־געבאקענע רעוואָלוציאָנע־רען. זיין אידעאל איז געווען א פארטיי פון טוער, פון רע־וואָלוציאָנערען.

לענין'ס צד האָט געהאט א מאַיאָריטעט, און פאר מארטאָוו'ס מיינונג האָט געשטימט א מינאָריטעט. מאַיאָריטעט איז אין רוסיש „באָלשינסטוואָ“, און מינאָריטעט — „מענשינסטוואָ“. האָבען זיך לענין'ס אנהענגער גענומען רופען „באָלשעוויקי“ און מארטאָוו'ס — „מענשעוויקי“.

איידער מיר געהען ווייטער, וועלען מיר אָנווייזען אויף לענין'ס נאָך א מיינונג, וועלכע איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר לענין'ען און וועלכע ענטהאלט אַן ענטפער אויף א פראגע, וואָס קומט יעצט אויס צו הערען דאָ אין קאמפף צווישען די „רעכטע“ און די „לינקע“. לענין, מארטאוו און אנדערע האָבען אויפ'ן צוזאמענפאָהר פאָרגעלעגט א פראָגראם, וואָס אין איהר „פריי־עמבעל“ איז געווען א פונקט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראטיע זאָל העלפען די בורזשואזיע אָרגאַניזירען זיך אין קאמפף מיט'ן צאַ־ריזם. אימיצער האָט א פרעג געטאָן: ווי קענט איהר דאָס העלפען די בורזשואזיע? דורך פיושאָן?

— עס הויבט זיך ניט אָן, — האָט לענין געענטפערט, — דורך קריטיק.

מאַרטאָוו האָט עס געמאַכט נאָך קלערער:

— דורך בוכטשעס.

דער געדאַנק איז, אַז מיט שאַרפער קריטיק און מיט אומ־אויפהערליכע „בוכטשעס“, אַטאַקעס, אין וועלכע זי ווייזט אָן די האַלבקייט, די פייגהייט פון דער בורזשואַזיע, קען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטופּען איהר, די בורזשואַזיע, אַלץ לינקער און איהר באַוועגען צו אַ דרייסטערען קאַמפּף.

לענין'ס ענטפער קען מען יעצט געבען אויף צו די יעניגע „רעכטע“, וואָס שטעלען יעצט די הארבע קשיא צו די „לינק־פליגלערס“:

— אויב איהר ענטזאַגט זיך פון די אימידיאַייט דעמענדס (פּראָגראַם מינימום), טאָ ווי אַזוי וועט איהר אויסקעמפּפען פאַר־בעסערונגען פאַר די אַרבייטער?

דער ענטפער איז לענין'ס — דורך קריטיק, אָדער מאַר־טאָוו'ס — דורך בוכטשעס: וואָס רעוואָלוציאָנערער די סאָציאַ־ליסטישע פאַרטיי וועט זיין, וואָס רעוואָלוציאָנערער דער אַרבייטער וועט ווערען, אַלץ מעהר באַרייט וועט די בורזשואַזיע זיין צו באַוויליגען פאַרבעסערונגען.

נאָר דאָס איז אַגב אורחא. לאָמיר זיך צוריקקערען צו לענין'ס רעוואָלוציאָנערער קאַריערע.

אַלזאָ, לענין האָט געזיעגט, און פון צוזאַמענפאָהר זיינען זיך די דעלעגאַטען פאַרנאַנדערגעפאָרען אַלס „באָלשעוויקעס“ און „מענשעוויקעס“. וואָלט דער גאַנצער אונטערשייד צווישען זיי געווען נאָר די אָרגאַניזאַציאָנס־פּראַגע — ווער עס זאָל זיך רע־כענען פאַר אַ מיטגליעד פון דער פאַרטיי? — וואָלט די שפּאַל־טונג ניט געווען קיין דויערענדע: אויף יעדען צוזאַמענפאָר זיינען דאָך דאָ מאַיאָריטעטען און מינאָריטעטען, וועלכע פאַרשווינדען גלייך נאָך דער אפּשטימונג. אָבער אין דיזען פאַל איז אין דער אָרגאַניזאַציאָנס־פּראַגע געווען פאַרוויקעלט אַ פּרינציפּיעלע פראַ־

גע — וואָס פאַר א כאַראַקטער די פּארטיי זאָל טראָגען: א שארף־רעוואָלוציאָנערען אָדער א מעסיגען כאַראַקטער?

לענין האָט געפאָדערט א רעוואָלוציאָנערע, אונקאָמפּראָמיס־ליכע פּארטיי; מארטאָוו און זאַגאר פּלעכאנאָוו, וועלכער איז אויפ'ן צוזאמענפאָר געשטאנען אויף לענין'ס זייט, איז ניט געווען אזוי פאַנאַטיש רעוואָלוציאָנער. פּלעכאנאָוו, צום ביישפּיעל, האָט באלד נאָכ'ן צוזאמענפאָר אָנגעשריבען אין „איסקרא" אן ארטי־קעל וועגען דעם, וואָס מען דארף ניט טאָן. דער געדאנק פון ארטיקעל איז געווען, אז יעצט, ווען עקאָנאָמיזם איז באזיעגט, און די פּארטיי איז פאראייניגט, דארף מען ארויסווייזען מעהר נעגענזייטיגע טאָלעראנץ צו מיינונגען אין דער פּארטיי. ארויס־געהענדיג פון דיזען שטאנדפּונקט, האָט פּלעכאנאָוו געוואָלט פּועל'ן ביי לענינ'ען, וועלכער איז געווען צוזאמען מיט איהם און מיט דעם רעדאקטאָר פון „איסקרא", ער זאָל איינגעהן אויף זיין (פּלעכא־נאָוו'ס) טאָלעראנטע טאַקטיק.

אזוי ווי מארטאָוו, אקסעלראָד און אנדערע האָבען צוליעב איהם באָיקאָטירט די „איסקרא", און אזוי ווי א „באָלשינסטוואָ" האָט ער אויפ'ן צוזאמענפאָר געקראָגען דורך א צופאַל — דורך דעם, וואָס פאר דער אפּשטימונג האָבען זיך פון צוזאמענפאָר צוריקגעצויגען די דעלעגאַטען פון „בונד" און פון „סאָיוז רוסקיך סאָציאל־דעמאָקראטאָוו", — האָט לענין בעסער רעזיגנירט פון דער „איסקרא". ער האָט זיך, הייסט עס, אינגאנצען אָפּגעזוג־דערט פון זיינ'ע פּרינציפּיעלע געגנער, אום — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — צו פארשטארקען זיין פּאָזיציע.*)

און פאר דיזע מעטאָדע האָט זיך לענין געהאלטען אין זיין רעוואָלוציאָנערער קאריערע אויך שפּעטער. די מעטאָדע איז באשטאנען אין פּאָלגענדען: אָפּגרעניצעי זיך פון די געגנער אום צו באשטימען, אין וואָס איהר אונטערשיידעט זיך; און נאכהער

*) מארטאָוו האָט אויפ'ן שטעל רעזיגנירט.

פאַראייניגען זיך אויף געוויסע תנאים, אָבער ניט צונויפשמעל־צען זיך.

לענין האָט רעזיגנירט פון דער „איסקרא" און האָט געגרינ־דעט א נייעם אָרגאַן „פּראָלעטאַרי", וועלכער איז געוואָרען דער פּאַרטיי-אָרגאַן פון די „באָלשעוויקעס".

די „באָלשעוויקעס" האָבען איבעראַל געגרינדעט זייערע אָר־גאַניזאַציאָנען, וועלכע פלעגען קעמפּפען מיט די אָרטיגע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציאָנען. און ווען זיי האָבען דערפיהלט, אַז זיי האָבען שוין „פאַרשטאַרקט זייער פּאָזיציע", האָבען זיי אריבערגעצויגען אויף זייער זייט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, און מיט זיין הילפע איינבערופען א צוזאַמענפאָר. דער צוזאַמענפאָר איז געווען א „באָלשעוויסטישער", אָבער אָנגערופען האָבען זיי איהם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

דיזער צוזאַמענפאָר איז געווען א שטאַרקער קלאַפּ פאַר דער פּאַרטיי אַלס א גאַנצער, און איבערהויפּט פאַר די „מענשעוויקעס". די „איסקרא" איז באַלד אונטערגעגאַנגען, און ביי די „מענשע־וויקעס" זיינען פאָרגעקומען שפּאַלטונגען.

לענין האָט זיך אויפגעהאַלטען אין אויסלאַנד ביז דער רע־וואָלוציאָן פון 1905. דאַן האָט ער זיך צוריגעקעהרט קיין רוס־לאַנד. אָבער טראָץ דער רעוואָלוציאָן האָט ניקאָלאַי'ס פּאָליציי לענינ'ען ניט געוואָלט לאָזען צורוה. האָט ער נאָר איין טאָג פאַר־בראַכט אין רוסלאַנד פריי, לעגאַל, געזעצליך. די איבעריגע צייט האָט ער זיך געמוזט אויסבאַהאַלטען פריהער אין פּעטערבורג, נאַכהער אין פינלאַנד. ווען די קאָנטער־רעוואָלוציאָן האָט גענומען די אויבער־האַנט, איז לענין שיער ניט אריינגעפאַלען אין די הענט פון דער צאַרסקער פּאָליציי. איהם האָט זיך אָבער איינגעגעבען אַרויסצופאָהרען אין אויסלאַנד.

פיעלע יאָהרען האָט ער פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, יאָהרען פון וואַלגערען זיך, פון עלענד. אָבער די גאַנצע צייט האָט ער־געאַרבייט, פיעל געאַרבייט: ער האָט געקירעוועט די טעטיגקיי־

טען פון די „באָלשעוויקעס" אין רוסלאַנד אין די פאַבריקען, אין דער „דומאַ" א. אז. וו. ער האָט געשריבען אַרטיקלען אין צייטונגען, פאַרפאַסט אויך ביכלעך, האָט זיך באַטייליגט אין צוזאַמענפאָרען, אין קאָנפערענצען.

ער האָט פאַרבראַכט יאָהרען אין שווייצאַריען און פראַנקרייך. אין 1912 אָבער האָט ער זיך באַזעצט אין קראַקאָיו, אום צו זיין נעהענטער צו רוסלאַנד. און דאָרטען האָט ער גענומען אַרויסגעבען אַן אָרגאַן פאַר רוסלאַנד.

זיין אָרגאַן האָט ער אַ נאָמען געגעבען „פּראַוודאַ" (וואָרהייט), און דערמיט האָט ער געמאַכט טראָצקי'ן פאַר זיין שונא. טראָצקי איז געווען ניט קיין „באָלשעוויק" און ניט קיין „מענשעוויק". אין פאַרלויף פון יאָהרען האָט ער געאַרבייט פאַר אַ „פּרימירעניע", פאַר אַ שלום מאַכען צווישען דיביידע טיילען פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. מיט דיזען צוועק האָט ער אין וויען אַרויסגעגעבען אַן אָרגאַן „פּראַוודאַ".

קומט גאָר צוגעהן לענין און גיט זיין נייעם אָרגאַן אויך אַ נאָמען „פּראַוודאַ"! טראָצקי האָט זיך געערגערט און געעבערט. אָבער לענין איז ניט פון די יעניגע, וואָס ווערען נתפּעל פון אַ געגנער'ס פּראָטעסטען.

ווען די וועלט-מלחמה האָט אויסגעבראָכען, און די מוטנע כוואַליעס פון סאָציאַל-פּאַטריאָטיזם האָבען פאַרפלייצט די סאָציאַליסטישע רייהען פון פאַרשיעדענע לענדער, האָט לענין פיעל געאַרבייט אויף צו פאַרשטעלען דעם וועג די דאָזיגע כוואַליעס. ער, טראָצקי, און מאַנכע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פיהרער פון אַנדערע לענדער האָבען אין 1915 איינבערופען אַ קאָנפערענץ פון אינטערנאַציאָנאַליסטען אין צימערוואַלד. די קאָנפערענץ האָט הויך פּראָקלאַמירט די פּרינציפּען פון אינטערנאַציאָנאַל און האָט אויפגעפאָדערט דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט צו פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מלחמה אין אַ מלחמה פון אונטערדריקטע נעגען זייערע אונטערדריקער.

גלייך ווי דער צאריזם איז געפאלען, האט זיך לענין צוריק־געקערט אין רוסלאנד. דער פראלעטאריאט האט איהם באלד אנערקענט אלס זיין אמת'ען פיהרער.

לענין האט יעצט געהאט א ברייטע פעלד פאר זיך צו פרע־דיגען די פארוואנדלונג פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה אין א מלחמה פון אונטערדריקטע געגען אונטערדריקער. זיין פרע־דיגען האט געפונען א גוטען באדען.

דער רוסלענדער פראלעטאריאט האט פון זיך ארונטערגע־װארפען די אימפעריאליסטיש־קאפיטאליסטישע קייטען. און לענין איז יעצט דער לייטער, דער גייסט פון דער ערשטער סא־ציאליסטישער רעפובליק, פון דער סאוועטען־רעפובליק אין רוסלאנד.

**אפריל דעם 24טען, 1919, ניו יארק.**

# פאָררעדע

פון ס. נאָרטעוואַ.

ווענען „סאָציאַליזם אין דער טעאָריע און אין דער פּראַקטיק" האָט מען שוין פאַנגעשריבען אַ היבש ביסעל ביכער, ווענען דער טעאָריע פון סאָציאַליזם האָט מען אפשר געשריבען מעהר ווי ווענען דער פּראַקטיק. אויסער די אוטאָפּישע מעשיות, אין וועלכע עס איז געמאַכט געוואָרען אַ פּארזוך פאָראויסצוזאָגען די איינצעלהייטען פון די אויפגאַבען, וואָס עס וועט האָבען אַ געזעלשאַפט, וואָס וועט קאָנטראָלירט ווערען פון'ם ארבייטער קלאַס, זיינען זעהר ווייניג פּארזוכען געמאַכט געוואָרען פאָרצושטעלען מיט אַלע פּרטים דעם תוך פון די פּראָבלעמען, וואָס ס'וועט פאַר זיך האָבען אַ סאָציאַליסטישער שטאַאַט, וואָס האַלט זיך אין פאָרמירען.

און דאָס איז גאַנץ נאַטירליך. דער גרונד פּרינציפּ פון מאַרקסיסטישען כאַציאַליזם איז, אַז די באַציהונגען צווישען קלאַסען אין אַ באַזונדער צייט און אונטער באַזונדערע אומשטענדען באַשטימען דעם כאַראַקטער פון דער האַנדלונג פון די ארבייטער. מיט אַנדערע ווערטער, איינצעלהייטען פון עקאָנאָמישע פּראָבלעמען ווענען אַן איבערבוי אויפ'ן יסוד פון סאָציאַליזם קען מען ניט פאָראויסזעהן.

בלויז איצטער, ווען מיר זעהען מיט אונזערע אויגען ווי עס ווערען געבאָרען פּראָלעטאַרישע רעפּובליקען, זיינען מיר אומשטאַנד ממשות'דיג צו באַגרייפען די אַלע פּלאָנטערס און די אַלע שוועריגקייטען פון די פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס אַ זיעגרייכער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַר זיך. אין איהר פּראַקטישען אָנווענדען

דעם סאָציאַליזם ביים איבערבויען די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, שטעלט אונז די סאָוויעטען־רוסלאַנד צו דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק מיט דער ערשטער ווירקליכער ליטעראַטור פון סאָציאַליזם אין דער פּראַקטיק, — אַ ליטעראַטור, וואָס איז באַגרינדעט ניט בלויז אויף אַבסטראַקטע טעאָריעס, נאָר וועלכע ווערט לעבעדיג אילוסטרירט דורך ווירקליכע פּאַסירונגען פון לעבען.

אין זיין רעדע פאַר'ן „אַל־רוסישען קאָנגרעס פון ארבייטער און פּויערים דעפּוטאַטען", וואָס איז די ערשטע טייל פון אָט דעם בוך, האָט אונז געגאָסע לענין צוגעשטעלט איינע פון די אינטערעסאַנטעסטע ביישטייערונגען צו דעם נייעם סאָרט ליטעראַטור, — די ליטעראַטור פון כאָציאַליזם ביי דער ארבייט.

ער ווייזט אָן אויף דריי מדרגות אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. די ערשטע אויפגאַבע איז צו איבער־ציינען דעם פּראָלעטאַריאַט ווי נויטיג עס איז אַ סאָציאַלע רע־רעוואָלוציע, און אויך זיי ברענגען דערצו, אַז זיי זאָלען זיין ענטשלאָסען איבערצונעמען די מאַכט אין זייערע איינענע הענט. דאָס איז דערגרייכט געוואָרען אין רוסלאַנד דעם 6טען נאָ־וועמבער, 1917.

די צווייטע אויפגאַבע איז געווען בייצוקומען די רעשטלאַך פון דער אָפּאָזיציע מצד די געוועזענע הערשענדע קלאַסען. אָט די אויפגאַבע, כאָטש טעכניש געענדיגט, אויף וויפיעל די מיליטערישע כוחות פון דער פּראָלעטאַרישער רעפּובליק האָבען מיט נצחון צו־קלאַפּט אַלע זייערע געגנער אין רוסלאַנד, איז נאָך גיט איננאַנצען געענדיגט. וואָרים די מאַכט פון דער בורזשואַזנער געזעלשאַפט ליגט ניט בלויז אין איהרע פיזישע כוחות אליין. די טראַדיציעס פון הונדערטער יאָהרען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען טיעף איינגעוואָרצעלט זאָגאר אין די מוחות פון די אר־בייטער אליין, און אפילו די אָנהענגער פון דער נייער אָרדנונג זיינען אונבאוואוסט, אָנגעשטעקט מיט די אַלטע טראַדיציעס. די

פראבלעם צו באפעסטיגען די מאכט פון'ם פראלעטאריאט איז אויך א פראבלעם אויף איבערצומאכען די גאנצע פסיכאלאגיע פון די ברייטע מאסען פון פאלק, אויסווארצלען פון זייערע מוחות די בורזשואזנע אמונות און טראדיציעס, — און דאס מוז געטאן ווערען ניט נאר דורך פראפאגאנדע אליין, נאר דורך ענטוויקלען די נייע געזעלשאפט אויף אזא'ן אופן, וואס זאל שאפען נייע באגריפען וועגען געזעלשאפטליכע ווערטען, באזירט אויף א פיזישער פארשטענדניס פון דעם אינטערעס, וואס די ארבייטער האבען גרינדענדיג א רעפובליק פון ארבייט.

אזעלכע רעשטלאך פון דער מאכט פון דער בורזשואזנער געזעלשאפט קענען געדויערען לאנג נאך דעם ווי דער פיזישער ווידערשטאנד פון דער בורזשואזיע וועט שוין זיין אפגעשאפט. די דאזיגע אויפגאבע באציהט זיך צו דער דריטער פעריאדע, וועגען וועלכער געגאסע לענין רעדט — די פעריאדע פון איבערבויען די געזעלשאפט אויף קאמוניסטישע יסודות. אויף יעדער שריט פון איהר טעטיגקייט באגעגענט זיך די ארבייטער־געזעלשאפט דערמיט פנים אל פנים, און די פראקטישע פראגען זיינען נישט אזוי גרינג צו לעזען. די פראגע ווערט שארף ווען דער אינדיווידואליסטיש געזאנענער פויער לעגט שטערונגען אויפ'ן וועג, ווען עס קומט צום אויסבייטען דעם איבערפלוס פון זיין תבואה אויף אזעלכע ארטיקלען, וואס די אומענטוויקעלטע פונקציאנען פון'ם אינדוסט־ריעלען לעבען אין'ם ארבייטער שטאאט זיינען אימשטאנד איהם צו געבען. מיר האבען אויך שווערינגקייטען צווישען ארבייטער, וועמען עס קען זיך נאך אליז ניט לעגען אויפ'ן שכל אזוי שנעל, אז די פריהערדיגע באציהונגען צווישען בעל הבית און ארבייטער עקזיסטירען ניט מעהר, און אז איצטער איז ארבייט א פראגע פון'ם פראלעטארישען שטאאט, וואס איז טעארעטיש דער אנ־שטעלער פון ארבייטער. מיר האבען אויך שטערונגען דורך דעם, וואס געוויסע ארבייטער קענען ניט באגרייפען, אז די קאפיטא־ליסטען האבען זיי געהייסען ארבייטען פלייסיג, כדי ארויסצוקריגען

פון זיי פאר זיך וואָס מעהר פּראָפיטען, און די ארבייטער רעפּובליק הייסט זיי ארבייטען פלייסיג, כדי דער גאנצער שטאאט זאָל האָבען א טובה דערפון. און ווען דער ארבייטער איז ניט גרייט צו באַ־גרייפען, אז עס איז א גרויסער אונטערשיעד צווישען אָט די צוויי זאכען, — דאן קומט די נרעסטע פון אַלע אויפגאבען — דאָס איבערבויען די געזעלשאפט אויף קאָמוניסטישע יסודות בעת עס ווערט אָנגעפיהרט אן אמת'ע מלחמה פון די קאפּיטאליסטען פון אנדערע לענדער געגען די ארבייטער, און ציהט זייער אויפמערק־זאמקייט פון די קאָנסטרוקטיווע אויפגאבען, ווייל מען מוז זיך דאָך באשיצען. דאן קומט ערשט די לעצטע ריזיגע אויפגאבע, וואָס שליסט איין מיליאָנען פּראקטישע פראגען — און דאָס איז, ווען עס קומט איבער א נייעס צו אָרגאניזירען די אדמיניסטראטיווע אינסטיטוציעס, אינדוסטריעלע איינריכטונגען, שוהלעס, טעאַטערס און מיליאָנען אנדערע אינסטיטוציעס, וועלכע די רייכע זיינען געווען אימשטאנד צו פארוואלטען פאר זייערע אייגענע אינטערעסען, מחמת זיי האָבען שוין געהאט די ערפאהרונג פון הונדערטער יאָהרען; און איצט, ווען די ארבייטער נעמען אָט די אַלע זאכען איבער, קומט אויס, אז זיי האָבען ניט די נויטיגע ערפאהרונג מיט דער טעכנישער זייט און אויך מיט אנדערע זייטען, וואָס געהען אריין אין דעם.

דער צוקונפטיגער היסטאָריקער וועט מוזען געבען קרעדיט די רוסישע ארבייטער דערפאר וואָס זיי האָבען ארויסגעוויזען אזוי פיעל איבערנאטירליכע כוחות און זיך געספּראוועט מיט אָט די אַלע אויפגאבען. איין יאָהר פון רעוואָלוציע און רעוואָלוציאָנערען איבערבוי אין רוסלאנד האָט פּאָלשטענדיג ארויסגעוויזען ווי די ארבייטער זיינען פעהיג צו לעזען אליין די מעהרסטע געזעלשאפט־ליכע פראגען. גענאָסע לענין'ס אָפּהאנדלונג וועגען די דאָזיגע פראגען גיט אונז א בעסערען באגריף וועגען דער ריזיגער ווערט פון דער פּיאָנערען־ארבייט, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט אויפגעטאָן אויף דעם געביט

# די יעצטיגע אויפגאַבען פון דער סאָוויעטען רעגיערונג

אין דעם אַרטיקעל גיט דער פּרעמיער פון דער רוסישער סאָוויעט־רעגיערונג אן אָפּשאצונג פון דער רעגיערונג'ס טעטיגקייט אויפ'ן פּאָליטישען און ווירטשאַפטליכען געביט, באשפּרעכט די וויכטיגע אויפגאַבען פון דער סאָוויעט־רעגיערונג און די פּלענער, ווי אזוי זי האָפט איבערצובויען דעם אינדוסטריעלען לעבען פון לאַנד אויף סאציאליסטישע יסודות.

לענין וויקעלט פאַנאַנדער די פּראָגראַם, דורך וועלכע די באָלשעוויסטישע רעגיערונג דענקט פריהער אדער שפּעטער צו פארוואנדלען רוסלאַנד אין א סאָציאַליסטישעס, — ריכטיגער געזאָגט, אין א קאָמוניסטישעס, — לאַנד.

דער שרייבער פאַרבאָרגט ניט די שוועריגקייטען, פארמאַכט ניט די אויגען אויף די שטרויכלונגען און געפאהרען וואס שטעהען אין וועג צו סאָציאליזם. יעדע שורה אָבער פון דעם ארטיקעל איז דורכגעדרונגען מיט האָפנונג און איבערצייגונג, אַז די סאָוויעט־רעגירונג וועט ביי־קומען די שוועריגקייטען

# די יעצטיגע אויפגאַבען פון דער סאָוויעטען רעגירונג

דער שלום־אָפּמאַך, וואָס מיר האָבען געשלאָסען, איז זעהר ניט גינסטיג פאַר אונז. אַ חוץ דעם, איז דער פריעדען גופא ניט קיין זיכערער. אָבער ווי שלעכט דער אָפּמאַך זאָל ניט זיין, ניט ער פון דעסטוועגען דער רוסישער סאָוויעט־רעפּובליק אַ מעגליכ־קייט אָנצואווענדען איהר ענערגיע אויף די אָרגאַניזירונג, וועלכע, ווי עס איז ליכט צו פארשטעהן, איז די וויכטיגסטע און שווער־סטע אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָן.

דיזע אויפגאבע איז קלאָר געמאכט געוואָרן צו די ארבייטענ־דע און אונטערדריקטע מאַסען אין 4טען פּאראגראַף פון 4טען טייל פון דער רעזאָלוציאָן, וואָס דער מאָסקווער צוזאמענפאָהר פון די סאָוויעטען האָט אָנגענומען דעם 16טען מערץ, 1918, — אין דעם פּאראגראַף, וואו עס רעדט זיך וועגען דער נויטווענדיגקייט פון זעלבסט־דיסציפּלין (פּאַר ארבייטער) און פון בארמלאָזען קאמף מיט'ן תהו ובהו אין דער דיזאָרגאַניזאַציאָן (פון רוסישען לעבען).

די אונזיכערהייט פון פריעדען, וואָס די רוסלענדער סאָוויעט־רעפּובליק, האָט זיך ערוואָרבען, שטאמט, נאַטירליך, ניט פון דעם, וואָס זי פּלאַנעוועט יעצט ווידער אויפצונעמען די מלחמה; — אַ חוץ בורזשואַזע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען און זייערע מיטהעלפער (מענישעוויקעס, א. ד. גל.), איז ניטאָ קיין קלאָרער פּאָליטיקער, וואָס זאָל וועגען דעם יעצט טראַכטען. די אונזיכערהייט שטאמט פון דעם, וואָס אין די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וועלכע ליגען צו מזרח און צו מערב פון רוסלאַנד, — מלוכות וואָס באַזיצען אַ ריזי־גע מיליטערישע מאכט, קען צו יעדער צייט נעמען די אויבער־האַנד די מיליטערישע פּאַרטיי. דאָס איז זעהר מעגליך מחמת דעם, ער־שטענס, וואָס דער קאַפּיטאַליזם, אויס האַס צו סאָציאַליסטען, קאָן באוועגען די מיליטאריסטען צו מיליטערישע שריטע געגען רוס־

לאַנד ; און צווייטענס, וואָס די דאָזיגע מיליטאַריסטען האָבען סתם חשק צו באַנוצען זיך מיט רוסלאַנד׳ס פּאָרלויפיגער שוואַכהייט.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז אונזער איינציגע ווירקלי־כע, ניט פאַפּירענע, גאַראַנטי פון פרידען, די געגענזעצליכקייט צווי־שען די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, — די שטאַרק ענטוויקעלטע געגענזעצליכקייט, וואָס לאָזט זיך פיהלען, פון איין זייט, אין דער אויפלעבונג פון דער מלחמה־טעטיגקייט אין מערב, און, פון דער צווייטער זייט, אין פיעל פאַרשאַרפטען קאַמף צווישען יאַפּאַן און אַמעריקאַ איבער דער הערשאַפט איבער׳ן פּאַסיפישען אָקעאַן און זיינע ברעגען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז זייענדי׳ג באַשיצט פון אַזאַ אונזיכערן שוץ געפינט זיך די סאָציאַליסטישע סאָוויעט־רעפּובליק אין אַ זעהר קריטישער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. און אום אונזער רעפּובליק זאָל זיין גענוג שטאַרק ארויסצואווייזען אַ ווידערשטאַנד, איז נוי־טיג, דאָס מיר זאָלען אויסנוצען דעם פּאָרלויפיגען מאָמענט, וואָס מען לאָזט אונז צורוה, אויף צו היילען די טיעפע וואונדען, וואָס די מלחמה האָט פאַרשאַפט דעם געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם פון רוסלאַנד, אַזוי גוט ווי אויף אָפּצובויען דעם עקאָנאָמישען בנין פון לאַנד. אָהן דעם קען מען גאָר ערנסט ניט רעדען זאָגאָר וועגען דער פאַרגרעסערונג פון אונזער קאַמפּס־פעהיגקייט.

די אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע איז דאַריבער יעצט זעהר נויטיג.

די אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע איז וויכטיג אויף דערפאַר, וואָס כל זמן מיר וועלען איהר ניט לעזען ביי זיך, וועלען מיר דאָך ניט זיין אימשטאַנד ערנסט צו העלפען דער סאָציאַליסטישער רעוואָ־לוציאָן אין אנדערע לענדער, וואו זי האָט זיך צוליעב די אָדער יענע אורזאַכען פאַרשפּעטיגט.

אויף צו לעזען מיט ערפאָלג די אָרגאַניזאַציאָנספראַגע, איז פאַר אונז פריהער פון אַלעס נויטיג, דאָס די פּאָליטישע ליעדערס פון פאָלק, דאָס הייסט, די מיטגליעדער פון דער רוסישער קאָמו־

ניסטען־פּאַרטיי (די „באָלשעוויקעס"), אַזוי גוט ווי די באוואוסט־זיניגע פאָרשטעהער פון די ארבייטענדע מאסען, זאָלען גוט פאַר־שטעהן דעם גרונד־אונטערשיעד וואָס עקזיסטירט אין באַצוג צו דער אָרגאַניזאַציאָנס־פראגע צווישען די פריהערדיגע בורזשואזע רעוואָלוציאָנען און דער יעצטיגער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָן.

אין די בורזשואזע רעוואָלוציאָנען פלעגט די ארבייטענדע מאַ־סען אויסקומען צו טאָן הויפּטזעכליך די פאַרניכטענדע ארבייט — די צערשטערונג פון פעאָדאַליזמוס (פּאָנזשטשיזנע), די אומשטיר־צונג פון טראָנען, א. ד. גל., די בויענדע ארבייט אָבער, די ארבייט פון אָרגאַניזירען א נייע געזעלשאפט, פלעגען אויף זיך נעמען די אייגענטום־באַזיצער, דאָס הייסט, די בורזשואזע מינדערהייט פון דער באפעלקערונג. די בורזשואזיע פלעגט זיך לייכט ספּראווען מיט איהר אויפגאבע צו אָרגאַניזירען די אינדוסטריע לויט איהרע אינטערעסען. זי פלעגט זיך ספּראווען טראָץ דעם, וואָס די קאַפּי־טאַליסטישע ווירטשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע זי האָט אָרגאַני־זירט, האָט זי, אין גרונד גענומען, געבויט אויף אַן אַנאַרכיסטישען אופן, און אויך טראָץ דעם, וואָס די ארבייטער און אָרימערע פויערים פלעגען נאַטירליכערווייזע ארויסוויי־ען א ווידערשטאנד צו איהר עגאָאיסטישע אָרגאַניזאַציאָנס טעטיגקייט. און לייכט פלעגט זי זיך ספּראווען ניט נאָר דערפאר, וואָס די דאָזיגע ארביי־טער און פויערים זיינען געווען אונוויסענד און ניט־אָרגאַניזירט, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די הויפּט אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט פון דער אַנאַרכיסטיש־געבויטער קאפּיטאַליסטישער געזעלשאפט איז דער מאַרקעט, וואָס וואַקסט ווי דורך א נאַטור־קראַפט אין דער ברייט און אין דער טיעף.

ניט אַזוי איז עס אָבער אין א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָן. אין יעדער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָן — און אויך אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָן, וואָס האָט זיך דעם 25טען אָקטאָ־בער 1917 אָנגעפאנגען אין רוסלאַנד — איז די הויפּט־אויפגאבע פון פּראָלעטאַריאַט, און פון אָרימען פויערטום, צו טאָן בויענדע

ארבייט, צו באשאפען א סיסטעמאטישע פראדוקציאן פון לעבענס־מיטלען, א סיסטעמאטישע פארטיילונג פון די פראדוקטען, וואס זיינען נויטיג פאר דער עקזיסטענץ פון צענדליגע מיליאנען מענשען. דער ערפאלג פון אזא רעוואלוציאן ווענדעט זיך אן דער שאפענדער ארבייט פון דער מאיאריטעט פון דער באפעלקערונג, און — פריהער פון אלעם — פון דער מאיאריטעט פון די ארביי־טער. און דער זיעג פון דער רוסישער סאציאליסטישער רעוואלוציאן וועט דעריבער ניט זיין פאלקאם, פאר פול, וואו דער פראלעטאריאט און דער ארימערער קלאס פויערים וועלען ניט ארויס־ווייזען נענוג באוואוסטזיניגקייט, אידעאליזמוס, זעלבסט־אפפער און דויערהאפטיגקייט. מיט דעם, וואס מיר האבען באשאפען א נייעם טיפ פון א שטאאט, א סאוויעטען־טיפ, וואס גיט די אונ־טערדריקטע ארבייטענדע מאסען די מעגליכקייט טיכטיג צו באטיי־ליגען זיך אין דער פרייער בויאונג פון א נייער געזעלשאפט, האבען מיר דורכגעפיהרט בלויז א קליינעם טייל פון דער שווערער אויפגאבע. די הויפט־שווערינקייט איז אן עקאנאמישע, א ווירט־שאפטליכע ; אונזער הויפט־אויפגאבע איז צו פארגרעסערן די שאפונגס־פעהיגקייט פון ארבייט, איינצופיהרען א גענויע און אלגעמיינע קאנטראלע איבער דער פראדוקציאן און דער פארטיילונג פון פראדוקטען. — קורץ גערעדט, איינצופיהרען א סאציאליכטי־שע ווירטשאפט.

די ענטוויקלונג פון דער באלשעוויסטישער פארטיי, וועלכע איז יעצט די רעגירונגס־פארטיי אין רוסלאנד, ווייזט קלאר, אין וואס עס באשטעהט די היסטארישע ענדערונג פון יעצטיגען מא־מענט, — די ענדערונג, וועלכע רוקט ארויס צום פאדערגרונד נייע אויפגאבען.

די ערשטע אויפגאבע פון יעדער וואקסענדער פארטיי איז צו איבערצייגען די מעהרהייט פון דער באפעלקערונג, אז איהר פראגראם און איהר פאליטיק זיינען די ריכטיגע, די פאריגנדסטע. דאס איז געווען די וויכטינגסטע אויפגאבע (פון די באלשעוויקעס)

אין דער צייט פון צאַריזמוס, אַזוי גוט ווי אין דער קאָמפּראָמיסען־פּעריאָדע פון די טשערנאָווס און די צערעטעלים מיט די קערענסקים און די קישקינס. אָבוואָהל דיזע אויפגאַבע איז נאָך ניט אין גאַנ־צען פאַרווירקליכט — און עס איז נאָך אַ פראַגע, צו אַזאַ אויפ־גאַבע קען אין גאַנצען פאַרווירקליכט ווערן, — האָבען שוין די באָלשעוויקעס אין דיזען הינזיכט זעהר פיעלעס אויפגעטאָן, ווי דאָס האָט געוויזען דער לעצטער צוזאַמענפאָהר פון די ראַטען פון אַרבייטער־דעפּוטאַטען אין מאָסקווא, — דער צוזאַמענפאָהר, וועל־כער האָט זיך אויסדריקליך געשטעלט אויף זייער זייט.

די צווייטע אויפגאַבע פון אונזער פּאַרטיי איז געווען אַרויס־צורייסען פון דער בורזשואַזיע די פּאָליטישע מאַכט און צו אונ־טערדריקען יעם ווידערשטאַנד פון די אויסבויטער. מיר האָבען נאָך ניט פאַרענדיגט דיזע אַרבייט. איהר דאַרפט ניט פאַרגעסען, אַז די מאָנאַרכיסטען מיט די קאַדעטען פון איין זייט, און די מענ־שעוויקעס מיט די „רעכטע" סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען פון דער אַנדער זייט, האָבען נאָך ניט אויפגעגעבען זייערע פאַרזוכע צו פאַראייניגען זיך מיט'ן צוועק אַרונטערצוואַרפען די סאָוויעט־רעגירונג. אָבער אין אַלגעמיין איז שוין דער ווידערשטאַנד פון די אויסבויטער געבראָכען געוואָרן אין פאַרלויף פון דער צייט פון 25טען אָקטאָבער, 1917, (ווען די „באָלשעוויקעס" האָבען געמאַכט די איבערקעהרעניש), און פעברואַר, 1918, ווען באַגאַיעווסקי *) האָט זיך אונטערגעגעבען.

און יעצט שטעהן מיר פּנים אל פּנים מיט דער דריטער אויפ־גאַבע, דער נויטיגסטער און כאַראַקטעריסטישסטער פון דער יעצ־טיגער צייט, דער אויפגאַבע צו אָרגאַניזירען די פאַרוואַלטונג פון רוסלאַנד. דאָס איז ניט קיין נייע אויפגאַבע; זי שטעהט שוין

*) אַטאַמאַן פון די קאַזאַקען פון דאָן־געגענד, באַגאַיעווסקי, וועל־כער האָט אָרגאַניזירט אַ ווידערשטאַנד פון קאָזאַקען געגען דער סאָוויעט־רעגיערונג.

פאַר אונז לאַנג, שוין זינט דעם 25טען אָקטאָבער, 1917. אָבער ביז יעצט, כל זמן דער ווידערשטאַנד פון די אויסבויטער האָט זיך נאָך אויסגעדריקט אין אַ אָפענעם בירגער־קריעג, האָט די פאַרוואַל־טונגס־פראַגע ניט געקענט שפּיעלען די ראָלע פון די ו ו י כ־ ט י ג ס ט ע, פון די צ ע נ ט ר א ל ע אויפגאַבע.

יעצט אָבער איז זי שוין געוואָרן די צענטראַלע אויפגאַבע. מיר, די באָלשעוויסטישע פאַרטיי, האָבען שוין א י ב ע ר־ צ י י ג ט רוסלאַנד, אַז אונזער פּראָגראַם איז די פאַסענדסטע. אויף האָבען מיר שוין א י י נ ג ע נ ו מ ע ן רוסלאַנד ביי די רייכע פאַר די אָרימע, ביי די אויסבויטער פאַר די אויסגעבייטעטע. און יעצט דאַרפען מיר שוין פ ע ר ו ו א ל ט ע ן רוסלאַנד. מיר זיינען יעצט אין אַן איבערגאַנגס־צייט, אין אַ פּעריאָדע פון איבערגאַנג פון די ערשטע צוויי אויפגאַבען צו דער דריטער.

צום ערשטען מאָל אין דער היסטאָריע פון דער וועלט האָט עס זיך אַ סאָציאַליסטישער פאַרטיי איינגעגעבען אַ־יינצוקריגען די מאַכט, צו אונטערדריקען די אויסבויטער און צו שטעהן פאַר דער אויפגאַבע צו פ א ר ו ו א ל ט ע ן. לאָמיר ווייזען, אַז מיר זיינען ווערט די פליכט, וואָס די היסטאָריע האָט אויף אונז אַרויפ־געלעגט; מיר מוזען ווייזען, אַז מיר זיינען פעהיג צו נעהמען אויף זיך די שווערסטע אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָ־לוציאָן. צו איבערצייגען און צו זיעגען איז נאָך ווייט ניט אַלעס: עס פאָדערט זיך נאָך אַ פעהיגקייט צו טאָן אַרבייט, צו אָרגאַניזירען און פאַרוואַלטען דעם געזעלשאַפטליכען לעבען לויט אונזער פּלאַן, לויט דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל.

אָרגאַניזירען דעם עקאָנאָמישען לעבען פון צעהנדליגע מיליאָ־נען מענשען אויף גאָר נייע יסודות איז אַ שווערע זאַך, די שווער־סטע אויפגאַבע, — די וושערסטע, אָבער דערפאַר אויך די דאַנק־באַרסטע. וואָרים בלויז נ אָ ך ד ע ם ווי מיר וועלען לעזען די אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע וועלען מיר ערשט קענען זאָגען, אַז

רוסלאַנד איז געוואָרען נים נאָר א סאָוויעט־רעפּובליק, נאָר אויך א סאָציאַליסטישע לאַנד.

די שווערע באדינגונגען פון שלום־אָפּמאַך; דאָס וואָס דער פריעדען איז נים קיין זיכערער; די שרעקליכע אונאָרדנונג אין ווירטשאַפטליכען לעבען, די ארבייטסלאָזיגקייט און הונגער, וואָס מיר האָבען איבערגענומען בירושה פון דער מלחמה און פון דער הערשאַפט פון דער בורזשואזיע (וועלכע איז געווען פאַר־טראָטען פון קערענסקי'ן און זיינע אונטערשטיצערס — די מענ־שעוויקעס און די „רעכטע“ סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען), — דאָס אַלעס האָט נאַטירליכערווייזע פאַראורזאַכט אַן אויסצעהרונג און ארויסגערופען א מיעדקייט ביי די אַרבייטענדע מאסען. און עס איז קיין וואונדער נים, וואָס זיי דורשטען נאָך אביסעל רוהע. די צוריק־אויפבויאונג פון דער פּראָדוקציאָן, פאַרניכטעט פון דער מלחמה און פון בורזשואזען בעל־הבית'עווען; די היילונג פון די וואונדען, פאַראורזאַכט פון דער מלחמה, פון די מפּלות, פון ספּעקולאַציאָן און פון די פּאַרזוכע פון דער בורזשואזיע צוריק אוועקצוזעצען ביים רודער די אויסבויטער; די עקאָנאָמישע ווידעראויפ־לעבונג פון לאַנד; די אויפהאַלטונג פון אָרדנונג; — דאָס זיינען די נויטיגע פּראָבלעמען (אויפגאבען), פאַר וועלכע מיר מוזען זיך יעצט נעהמען. ווי משונה'דיג דאָס זאָל זיך נים אויסדרוקטען, איז עס אָבער א פאַקט, דאָס צוליעב די אויבענדערמאָנטע באַדינגונגען, וועט די סאָוויעט־רעגירונג אין יעצטיגען מאָמענט זיין אימשטאַנד צו פאַרזיכערן דעם איבערגאַנג צו סאָציאַליזמוס אין רוסלאַנד ערשט דאַן, ווען זי וועט פּראַקטיש לעזען, — טראָץ דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואזיע, די מענשעוויקעס און די „רעכטע“ סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען, — אָט דיזע פּשוט'ע אויפגאַבען. די ווירקליכע אומשטענדען פון דער יעצטיגער לאַגע און די עקזיסטענץ פון דער סאָוויעט־רעגירונג מיט איהרע געזעצע וועגען דער סאָציאַליזירונג פון לאַנד, ארבייטער־קאָנטראָלע, א. ז. וו., האָבען געמאַכט, אז די פּראַקטישע לעזונג פון די איינפאַכסטע אויפ־

גאבען און די באזייטיגונג פון די אָרגאניזאציאָנס־שוועריגקייטען, וואָס ליגען אויף׳ן וועג פון די סאמע ערשטע שריטע צו סאָציאליזמוס זאָלען ווערן צוויי זייטען פון דער איין און דערזעלבער מעדאל.

פיהר די געלד־חשבונות פינקטליך און געוויסענהאפטיג, בעל־הבית׳עווע עקאָנאָמיש, גינציג, געה ניט ארום לעדיג, גנב׳ע ניט, האלט אויף דיסציפלין ביי דער ארבייט — דיזע שלאג־ווערטער, וועלכע דער רעוואָלוציאָנערער פראָלעטאריאט פלעגט אויס־לאכען, ווען די בורזשואזיע פלעגט זיי פרעדיגען, האָבען שוין יעצט, ווען די בורזשואזיע זיצט שוין ניט אויף׳ן ביינקעל, א פרינ־ציפיעלע באדייטונג. די א י נ צ י ג ע רעטונג פון לאנד העננט אָפּ פון דעם, צי די ארבייטענדע מאסען וועלען אָפּהיטען די־זע שלאג־ווערטער. נאָך מעהר: דאָס וואָס זיי וועלען אָפּגעהיט ווערן אונטער א סאָוויעט־רעגירונג, אונטער א י ה ר ע מעטאָ־דען, אונטער א י ה ר ע געזעצע, איז א נויטיגע און ג ע נ י־ג ע נ ד ע באדינגונג פאר׳ן זיעג פון סאָציאליזמוס. דאָס ווילען אָבער ניט פארשטעהן די יעניגע וועלכע אונטערשטיצען דיזע שלאג־ווערטער און באטראכטען זיי פארעכטליך, פאר צו „געוויינליכע", צו „קליינליכע". אין אונזער אגריקולטור מדינה, וועלכע האָט ערשט מיט א יאָהר צוריק אומגעשטירצט דעם צאריזמוס און מיט א האלב יאָהר צוריק זיך באפרייט פון די קערענסקיס, איז נאָך, נאטירליך, נעבליבען א היבשע ביסעל פון באוואוסטלאָזען אנארכיזמוס, וועל־כער איז נאָך גרעסער געוואָרן פון דער פארלענגטער מלחמה, און פון אָנגעקליבענעם יאוש און צוועקלאָזען כעס. ווען מיר וועלען נאָך, אויסער דעם, נעמען אין אנבעטראכט די פאררעטערישע פּאָ־ליטיק פון דער בורזשואזיע, פון די מענשעוויקעס, די „רעכטע" סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען און ז. וו., וועט פאר אונז ווערן פארשטענדליך, וואָס פאר מיהע און אנשטרענגונג די באוואוסט־זיניגע ארבייטער און פויערים מוזען סיסטעמאטיש אָנווענדען אום זיי זאָלען ארויסרופען אן ענדערונג אין דער שטימונג פון די מאסען, וואָס זאָל באוועגען זיי צו רעגולערע, אונאונטערבראָכענער און

דיסציפלינירטער ארבייט. בלויז אָט די ענדערונג אין דער שטי־
מונג פון די פּראָלעטאַריער און נישט־פּראָלעטאַריער וועט פאַר־
זאָלקאָמען דעם זיעג איבער דער בורזשואַזיע, איבערהויפּט איבער
דער מעהר צאָהללאָזער פויערים־בורזשואַזיע.

# די נייע פאָרמע פון קאַמף מיט דער בורזשואַזיע

פאָרלויפיג האָבען מיר נאָר צוקלאַפּט די בורזשואַזיע, אָבער ניט אין גאנצען באַזיעגט. און מיר מוזען יעצט אָנווענדען אַ פאָלקאָמענער פאָרמע פון קאַמף מיט איהר. אויב מיר האָבען ביז יעצט געקעמפּפט מיט איהר דורך עקספּראָפּריאירען (אַוועקנעהמען אייגענטום) קאַפּיטאַליסטען, מוזען מיר זיך יעצט נעמען פאַר די שווערערע פּראָבלעמע פון באַשאַפען אַזעלכע באַדינגונגען, אונטער וועלכע די בורזשואַזיע זאָל גאָר ניט קענען עקזיסטירען. עס פאַר־שטעהט זיך, אַז אָהן אַזעלכע באַדינגונגען קען סאָציאַליזמוס ניט איינגעפיהרט ווערן.

פאַרגלייכענדיג אונזער רעוואָלוציאָן מיט די רעוואָלוציאָנען פון מערב אייראָפּאַ, זעהן מיר, אַז מיר זיינען שוין געקומען צו דער שטופע, וואָס די רעוואָלוציאָנען האָבען דערגרייכט אין 1793 *) און אין 1871 **). מיר זיינען שוין זאָגאַר אַוועק אַ טריט וויי־טער: מיר האָבען אין רוסלאַנד איינגעפיהרט אַ העכערע פאָרמע פון רעגירונג, אַ רעגירונג פון ראַטען פון ארבייטער־דעפּוטאַטען. אָבער מיר קענען זיך נאָך ניט באַגנוגען מיט דער אויפגעטאָנענער ארבייט; מיר האָבען ערשט אָנגעפאַנגען די ארבייט פון פיהרען

---

*) די גרויסע פראַנצויזישע רעוואלוציאָן. דער קאָמיטעט פון גע־זעלשאַפטליכע רעטונג, וועלכער האָט פארטראַטען די רעוואָלוציאָנערע „יאַקובינער", די „סאַנקיולאַטען" (די ארימע ארבייטענדע מאַסען) א. ד. גל., האָבען מיט דער הילף פון טעראָר אונטערדריקט ניט נאָר די הע־כערע שטאַנדען, נאָר אויך די בורזשואַזיע.

**) פּאַריזער קאָמונע, אין וועלכער דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט איבערגענומען די רעגיערונגס־מאַכט און גענומען איבערבויען די רעגיערונגס־מאַשין אין די אינטערעסען פון ארבייטער־קלאַס.

דאָס לאַנד צו א סאָציאַליזמוס. און אין דיזען הינזיכט האָבען מיר נ אָ ך ניט אויפגעטאָן עטוואס ממשות'דיגעס.

אויפטאָן ממשות'דיגעס הייסט אָרגאַניזירען א ווירקליכע, אַל־געמיינע, גענויע קאָנטראָלע איבער דער פּראָדוקציאָן און דער פאַר־טיילונג פון פּראָדוקטען. און דאָס האָבען מיר נאָך ניט פאַר־ענדיגט אין יענע אונטערנעמונגען, וואָס מיר האָבען אַוועקגענומען ביי דער בורזשואַזיע. און אָהן דעם קענען מיר ניט פאַרווירקליכען אויך די צווייטע נויטיגע באַדינגונג פאַר סאָציאַליזמוס, נעמליך די פאַרגרעסערונג פון דער שאַפונגס־פעהיגקייט פון ארבייט אויף א ברייטען, נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב.

זאָגען אז אונזער אויפגאַבע איז פאָרטצוזעצען דעם קאַמפּף מיט דער בורזשואַזיע, הייסט ווייניג געזאָגט. אָבוואָהל די בור־זשואַזיע איז נאָך ניט באַזיעגט, קענען אָבער די ווערטער „פאָרט־זעצען דעם קאַמפּף" ניט דיענען פאַר א שלאַגוואָרט אין דיזען מאָמענט. זיי ענטהאַלטען ניט קיין עצה, ווי אָנצופיהרען דעם קאַמפּף אין יעצטיגען מאָמענט, ווען עס איז נויטיג פ אָ ר־ל ו י פ י ג „אָפּצושטעלען" די אָפענסיווע אויף די בורזשואַזיע, אום ג ע נ צ ל י ך איהר צו באַזיעגען.

די לעצטע פאָר שורות קלינגען אפשר ווידערשפּרעכליך, משונה'דיג. אָבער זיי ענטהאַלטען די ריכטיגע וואַרהייט. מיר וועלען עס ערקלערען דורך א משל. מיר וועלען פאַרגלייכען אונ־זער לאַגע אין דער מלחמה געגען קאַפּיטאַל מיט דער לאַגע פון א זיעגרייכער ארמעע, וועלכע האָט איינגענומען, לאָמיר זאָגען, א העלפט אָדער דריי פערטעל פון שונא'ס טעריטאָריע און איז גע־צוואונגען פאַרלויפיג אָפּצושטעלען די וויטערע אָפענסיווע, אום צו קאָנצענטרירען די קרעפטען, צו זאַמלען אַמוניציאָן, צו ברינ־גען די רעזערווען, צו נעהמען די שריטע, וועלכע זיינען נויטיג אויף די איינגענומען פון שונא'ס איבערגעבליבענער טעריטאָריע. ווער עס פאַרשטעהט ניט, אז פונקט אזא „אָפּשטעלונג" אין דער אָפּען־סיווע געגען קאַפּיטאַל איז אין דער יעצטיגער פּעריאָדע פאַר אונז

זעהר נויטיג, דער הויבט ניט אָן צו פארשטעהן די יעצטיגע לאגע.

עס פארשטעהט זיך, אז דעם וואָרט „אָפּשטעלען" ברויכען מיר דאָ ניט אין דעם זינען. בלויז אין א געוויינליכער מלחמה קען מען אויף אַן אמת'ען אָפּשטעלען אַן אָפענסיווע. אין דער מלחמה אָבער געגען קאַפּיטאַל קען מען ניט אָפּשטעלען אין גאנצען די אנגריפע, מען קען ניט אויפהערען די עקספּראָפּריאַציאָן פון קאַפּיטאַל. ווען מיר רעדען פון „אָפּשטעלען" די אנגריפע אויף קאַפּיטאַל, מיינען מיר נאָר צו זאָגען, אז מען דארף איבערטראָגען דעם שווער־פּונקט, ענדערען דעם הויפּט כאראקטער פון קאמפף: ביז אהער איז דער שווער־פּונקט געלעגען אין דעם, וואָס מיר פלעגען נאַציאָנאַליזירען, סאָציאַליזירען, עקספּראָפּריירען. יעצט אָבער דארפען מיר שוין שענקען מעהר אויפמערקזאַמקייט אויף די אָרגאַניזירונג פון דער קאָנטראָלע אין די אונטערנעמונגען, וועלכע מיר האָבען שוין עקספּראָפּריאירט ביי די קאַפּיטאַליסטען.

אויב מיר וועלען פאָרלויפיג אָנגעהן הויפּטזעכליך מיט ווייטערער עקספּראָפּריאַציאָן, וועלען מיר זיכער האָבען א דורכפאַל. וואָרים די ארבייט פון אָרגאַניזירען דעם פּראָלעטאריאט'ס קאָנטראָלע וועט בלייבען הינטערשטעליג, ניט פאָרגעפיהרט אזוי ווייט, ווי די „עקספּראָפּריאַציאָן פון די עקספּראָפּריאירער". אויב אָבער מיר וועלען זיך יעצט נעהמען הויפּטזעכליך פאַר די אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט, וועלען מיר, אָהן צווייפעל, באזייטיגען די שוואַכע פּונקטען און געווים געווינען אונזער קאמפף געגען קאַפּיטאַל.

באזייטיגען די שוואַכע פּונקטען... הייסט דאָס, אז מיר האָבען געמאַכט פעהלערען? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. מיר וועלען ווידער ברייגגען אַ משל פון אַ ארמיי. כל זמן דער שונא קען אָפּגעשליידערט ווערען דורך קאוואַלעריע, באנוצט מען זיך מיט קאוואַלעריע. אָבער ווען עס ווייזט זיך ארויס, אז אויף צו צוקלאַפּען איהם פאָדערט זיך שווערע ארטילעריע, מוז מען שוין אראָפּברייגגען ארטילעריע. מיט דעם, וואָס ווערט אנערקענט,

אַז עס פאָדערט זיך שוין ארטילעריע, ווערט גאָר ניט צוגעגעבען, אַז די פריהערדיגע זיעגרייכע אַטאַקע פון דער קאַוואַלעריע איז געווען אַ מיסטייק.

ראָס פארשטעהן ניט אונזערע געגנער.

די נאָכשלעפערס פון דער בורזשואַזיע מאַכען אונז פאָרווירפע פאר די אַטאַקעס פון דער „רויטער גוואַרדיע" אויף קאַפּיטאַל. זיי מאַכען אונז פאָרווירפע, וואָס אנשטאט איינצופיהרען סאָציאַליזמוס אויף אַ פריעדליכען אופן, האָבען מיר געברויכט מיליטערישע מיטלען געגען דער בורזשואַזיע. טאַקע בלויז דיענער פון קאַפּיטאַל קענען מאַכען אַזוינע פאָרווירפע. וואָרים די אַטאַקעס פון דער „רויטער גוואַרדיע" אויפ'ן קאַפּיטאַל זיינען ד אַ ן געווען אונבאַדינגט נויטיג צוליעב די דאַאמלסדינע אומשטענדען. ערשטענס, האָט קאַפּיטאַל דאַן אַרויסגעוויזען אַ מיליטערישען ווידערשטאַנד דורך קערענסקי'ן מיט קאָרנילאָוו'ן, סאַווענקאָוו'ען מיט גאָץ'ען (געגעטשקארי ווייזט נאָך יעצט אַרויס אַזאַ ווידערשטאַנד), דוטאָוו מיט באָגאַיעווסקי. נו, און אַ מיליטערישער ווידערשטאַנד קען אונטערדריקט ווערען נאָר דורך מיליטערישע מיטלען. די „רויטע גוואַרדיע" האָט דאַרום נאָר מיטגעווירקט אין דער נאָבעלסטער און דער גרעסטער היסטאָרישער אויפגאַבע, אין דער אויפגאַבע פון העלפען די אויסגעבויטעטע ארבייטער באַפרייען זיך פון דער אונטערדריקונג פון די אויסבויטער.

צווייטענס, האָבען מיר דאַן צו פארוואַלטונג און אָרגאַניזירונגס־פראַגען געשאָנקען וועניגער אויפמערקזאַמקייט, ווי צו מיליטערישער אונטערדריקונג פון דער בורזשואַזיע איינפאַך דערפאַר, וואָס די פארוואַלטונגס־קונסט איז דאָך ביים פאָלק ניט קיין איינגעבאָרענע זאַך, נאָר אַ פעהיגקייט, וואָס קומט דורך ערפאַהרונג. דאַן האָבען מיר נאָך די ערפאַהרונג ניט געהאַט. יעצט האָבען מיר איהר שוין.

דריטענס, האָבען מיר דאַן ניט געהאַט די ספעציאַליסטען אין די פארשידענע צווייגען פון וויסענשאַפט און טעכניק, וואָרים זיי

זיינען ענטוועדער נעווען אין די רייהען פון די באנאיעווסקי'ס, אדער זיי האבען אנגעפיהרט א סיסטעמאטישען ס א ב א ט א ז ש.

יעצט האבען מיר שוין דעם סאבאטאזש צעבראכען. די רויט־גווארדייאישע אטאקע אויפ'ן קאפיטאל זיינען געווען ער־פאלגרייך, זיעגרייך. ווארים מיר האבען באקעמפפט אי דעם מי־ליטערישען, אי דעם סאבאטאזש־ווידערשטאנד פון קאפיטאל.

הייסט דען דאס, אז א „רויט־גווארדייאישע" אטאקע אויפ'ן קאפיטאל פאסט זיך אונטער אלע אומשטענדען, און אז קיין אנ־דערע קאמפף'ס־מיטלען געגען קאפיטאל זיינען נאר ניטא? דען־קען אזוי קענען נאר קינדער.

מיר האבען געהאט ערפאלג דורך לייכטע קאוואלעריע. מיר האבען אבער אין אונזער רשות אויך שווערע ארטילעריע. מיר זיינען געווען ערפאלגרייך דורך מיליטערישע אונטערדריקונג. מיר וועלען אבער האבען ערפאלג אויך דורך פארוואלטונגס־מע־טאדען. מיר מוזען זיין אימשטאנדע צו ענדערן די קאמפפס מע־טאדען, ווי נאר די אומשטענדען ענדערען זיך. מיר גיבען ניט אויף די „רויטע גווארדיע" מעטאדע אויף צו אונטערדריקען די סאווינקאווס, די געטשקארים, אזוי גוט ווי אלע אנדערע קאנטר־רעוואלוציאנערען. מיר וועלען אבער ניט זיין אזוי קורצזיכטיג אימער צו באנוצען זיך הויפטזעכליך מיט דעם זעלבען מעטאד.

יעצט איז שוין פאר דער פראלעטארישער רעגירונגס־מאכט נויטיג צו באנוצען זיך מיט די בורזשואזע ספעציאליסטען אויף איבערצואקערען דעם באדען אזוי, דאס קיין בורזשואזיע זאל שוין אויף איהם ניט וואקסען.

דאס איז אן אייגענארטיגע עפאכע, אדער ריכטיגער געזאגט: א אייגענארטיגע שטופע פון ענטוויקלונג. און אום פאלשטענדיג צו באזיעגען קאפיטאל, דארף מען קענען צופאסען די פארמען פון אונזער קאמף צו די אייגענארטיגע באדינגונגען פון אזא ענט־וויקלונגס־שטופע.

אהן דער מיטווירקונג פון ספעציאליסטען אין פארשידענע צווייגען פון וויסענשאפט, טעכניק און ערפאהרונג, איז דער איבער־גאנג צו סאציאליזמוס אונמעגליך. ווארים סאציאליזמוס פא־דערט א באוואוסטזיניגע מאסען־באוועגונג צו א העכערער שא־פונגס־פעהיגקייט פון ארבייט אין פארגלייך מיט קאפיטאליזמוס. סאציאליזמוס מוז דורכפיהרען דיזע פארווערטס־באוועגונג א ו י ף ז י י ן י ש ט י י נ ע ר, דורך זיינע אייגענע מעטאדען, דורך — לאמיר עס מאכען נאך קלארער — ס א ו ו ע ט ־מעטאדען. אבער די ספעציאליסטען זיינען נויטיגערווייזע בורזשואזיש גע־שטימט צוליעב דער געזעלשאפטליכער אומגעבונג, וואס האט זיי געמאכט פאר ספעציאליסטען. (בלויז דורך זייער באלאנגען צו די „העכערע„ קלאסען האבען זיי אין דער צארישער רוסלאנד געקענט קריגען די נויטיגע בילדונג, די נויטיגע ספעציאליטעט).

ווען אונזער פראלעטאריאט וואלט באלד, ווי ער האט אריינ־געקראגען די מאכט, שנעל געלעזט די פראבלעמע פון ארגאניזירען די קאנטראלע — (דאס וואלט געווען אונמעגליך צוליעב דער מלחמה און צוליעב רוסלאנד׳ס הינטערשטעליגקייט אין באצוג צו דער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג) — און וואלט אויפ׳ן שטעל אונטערדריקט דעם סאבאטאזש, וואלטען מיר דורך די איינגע־פיהרטע קאנטראלע אריינגעקראגען אונטער אונזער רשות די בור־זשואזע ספעציאליסטען. אבער אזוי ווי מיט דער איינפיהרונג פון דער קאנטראלע זיינען מיר נאך ניט אוועק אזוי ווייט, האבען מיר נ א ך נ י ט באשאפען אזעלכע באדינגונגען, וואס זאלען ברינ־גען די בורזשואזע ספעציאליסטען אונטער אונזער רשות. אמת, פיעלע סאבאטאזשניקעס קומען שוין אפילו צו אונז, אבער ווייט נאך ניט אלע.

די בעסטע ארגאניזאטארס און די גרעסטע ספעציאליסטען קאנען אויסגענוצט ווערען פון דער מלוכה ענטוועדער אויפ׳ן אל־טען בורזשואזען אופן (עס הייסט, פאר א הויכען געהאלט), אדער אויף א נייעם, פראלעטארישען אופן (דורך די באשאפונג פון אזעל־

כע באדינגונגען פון קאנטראל, אז די ספעציאליסטען זאלען זיך מוזען אונטערגעבען).

מיר זיינען געצוואונגען יעצט צו באנוצען זיך מיט'ן אלט־בורזשואזען מעטאד און איינ־ווילינגען צו צאהלען א הויכען געהאלט פאר די דיענסטע פון די גרעסטע פון די בורזשואזע ספעציאליסטען, אבוואהל פאר א פראלעטארישער מלוכה פאסט עס ניט. מיר האבען געמאכט, הייסט עס, א קאמפראמיס; מיר האבען ניט גע־האנדעלט, ווי די פאריזער קאמונע, וועלכע האט איינגעפיהרט א גלייכען געהאלט פאר אלע ארבייטער אין אנגעשטעלטע, אום מיט טאט און ניט בלויז מיט'ן ווארט צו באקעמפפען קאריעריזמוס.

נאך מעהר. עס איז קלאר, דאס אזא שריט איז ניט נאר אין א געוויסען הינזיכט אן אפשטעלונג פון אונזער קאמפף נעגען קאפיטאל, נאר אויך א שריט ר י ק ו ו ע ר ט ס פאר אונז נופא. ווארים די סאציאליסטישע סאוועט־מלוכה האט פון אנ־פאנג אן פראקלאמירט און דורכגעפיהרט אין לעבען דעם פרינ־ציפ, אז די פארשידענע געהאלטען זאלען פארקלענערט ווערען און נעשטעלט ווערען אויף איין הויך מיט די שכירות פון דורכשניט־ליכען ארבייטער.

די דיענער פון דער בורזשואזיע און איבערהויפט די מענ־שעוויקעס און די „רעכטע" סאציאליסטען רעוואלוציאנערען, ווע־לען מסתמא לאכען פון אונז, ווען זיי וועלען דערהערען, אז מיר גיבען צו, דאס מיר האבען געמאכט א טריט ריקווערטס. אבער מיר וועלען זיי ניט שענקען א ברעקעל אויפמערקזאמקייט. מיר מוזען שטודירען דעם זעהר שווערען און פאלסאם נייעם וועג צו סאציאליזמוס, ניט פארבארגענדיג אונזערע פעהלערען און שוואַ־כע זייטען, נאר סטארענדיג זיך בייצוקומען זיי. ווען מיר וואל־טען פארבארגען פון די מאסען, אז איינלאדען בורזשואזע ספע־ציאליסטען פאר הויכע געהאלטען איז ניט אין אנקלאנג מיט די פרינציפען פון קאמוניזמוס, וואלט עס געהייסען, אז מיר זעלבסט לאזען זיך ארונטער אויף די שטופע פון בורזשואזע פאליטישענס

און נארען אָפּ די מאסען. אָפּען צו ערקלערען, ווי אזוי און פאר וואָס מיר האָבען געמאכט א טריט ריקווערטס, און נאכהער עפענט־ליך צו באשפרעכען מיטלען, דורך וועלכע מיר זאָלען קאָנען בייקו־מען די אלערליי שטרויכלונגען, — הייסט ערציהען די מאסען און לערנען פון די ערפאהרונג, וואָס מיר האָבען געהאט, לערנען צוזאַ־מען מיט זיי, ווי צו בויען דעם סאָציאַליסטישען בנין. אין דער היסטאָריע איז ניט געווען קיין איין זיעגרייכער מיליטערישער קאמפיין, וואו דער זיעגער זאָל ניט האָבען באגאנגען פעהלערען, וואו ער זאָל ניט האָבען געהאט קיינע טיילווייזע נידערלאגען, וואו ער זאָל ניט האָבען געווען געצוואונגען אין געוויסע פונקטען זיך צוריקצוציהען. און דער „קאמפיין" געגען קאפיטאליזמוס, וואָס מיר האָבען אונטערגענומען דורכצופיהרען, איז דאָך א מיליאָן מאָל שווערער, ווי דער שווערסטער מיליטערישער קאמפיין. און עס וואָלט געווען נאריש און ניט־העלדיש צו פאלען ביי זיך פון איינצעלנע און טיילווייזע נידערלאגעס.

יעצט לאָמיר באטראכטען די פראגע (פון זיין נעצוואונגען צו צאָהלען גרויסע געהאלטען צו בורזשואזע ספעציאליסטען) פון א פראקטישען שטאנדפונקט. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז די רוסישע סאָוויעט־רעפובליק האָט אָנגעשטעלט טויזענד ערשטע קלאסנע געלערטע און ספעציאליסטען פון פארשידענע צווייגען פון וויסענשאפט, טעכניק און פראקטישע ערפארונג אויף אָנצו־פיהרען די ארבייט פון פאָלק אזוי, דאָס דערווירטשאפטליכער לעבען פון לאנד זאָל וואָס שנעלער איבערגעבויט ווערען. לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלען, אז יעדען פון דיזע „סטארס" צאָהלען מיר צו 25 טויזענד רובעל א יאָהר. זאָל זאָגאר זיין, אז מיר צאָהלען יעדען צוויי מאָל אזוי פיעל פרימיום (ספעציעלע בעלוי־נונג פאר גלענצענדע ארבייט און פאר שנעלע דורכפיהרונג פון וויכטיגע אויפגאבען), אָדער אפשר פיער מאָל אזוי פיעל (אין פאל, ווען מען דארף עטליכע הונדערט אויסלענדישע ספעציאליסטען, וואָס נעמען אימער א גרעסערע געהאלט, ווי רוסישע). דענקט

איהר דען, אַז 50 אָדער 100 מיליאָן איז צו אַ טייערער פּרייז פאַר די איבערבויאונג פון דער אינדוסטריע פון לאַנד לויט דעם לעצ־טען וואָרט פון וויסענשאַפט און טעכניק ? געוויס ניט. די גרויסע מאַיאָריטעט פון באוואוסטזיניגע ארבייטער און פויערים וועט גוט הייסען דיזע הוצאה, וואָרים זיי ווייסען פון ערפאַרונג, אַז אונזער הינטערשטעליגקייט קאָסט אונז ביליאָנען און אַז מיר האָבען נ אָ ך נ י ט רערגרייכט אַזאַ שטופע פון אָרגאַניזאַ־ציאָן און קאָנטראָלע, וואָס וואָלט געצוואונגען די „סטאַרס" פון דער בורזשואזער אינטעליגענץ „פרייוויליג" צו באַטיילינען זיך אין א ו נ ז ע ר ארבייט.

דער מעדאַל האָט נאַטירליך צוויי זייטען. די ראָזיגע הויך־באַצאָלטע ספּעציאַליסטען וועלען, אָהן צווייפעל, האָבען אַ שלעכ־טען מאָראַלישען איינפלוס אי אויף די סאָוויעטען (וואָרים די שנעלקייט פון דער רעוואָלוציאָן האָט געמאַכט מעגליך, דאָס אַ היבשע ביסעל שווינדלער זאָלען זיך אָנשליסען אָן די סאָוויעטען. פאַר דיזע שווינדלער איז ניט שווער צו ווירקען אויף אונפעהיגע און אונעהרליכע קאָמיסאַרען, זיי זאָלען נעמען כאבאר), אי אויף די ארבייטער מאַסען. אָבער אַלע דענקענדע און עהרליכע אר־בייטער און פויערים מוזען דאָך צוגעבען, אַז מיר קאָנען ניט פטור ווערען פון דער ירושה פון קאַפּיטאַליזמוס מיט איינמאָל ; אַז די סאָוויעט־רעפּובליק וועט זיך באַפרייען פון דעם „צינז" פון 50 ביז 100 מיליאָן רובעל (אַ „צינז" פאַר אונזער הינטערשטעליגקייט אין דער אָרגאַניזאַציאָן און אין דער איינפירונג פון אַ ל ג ע־מ י י נ ע ר פאַראַנטוואָרטליכקייט און קאָנטראָלע, פ ו ן ס אַ מ ע א ו נ ט ע ן) בלויז דורך אָרגאַניזאַציאָן, דורך די פאַרשטאַרקונג פון דיסציפּלין, דורך די באַזייטיגונג פון די יעניגע עלעמענטען, וועלכע האַלטען אויף די „טראַדיציעס פון קאַפּיטאַ־ליזמוס", ווי לעדיג־געהערס, צ. ב. פאַראַזיטען און כאַבאַרני־קעס. (יעצט איז שוין די ערד, אַלע פאַבריקען, אַלע אייזענבאַ־נען — די „קאזנא" (איינענטום) פון דער סאָוויעט־רעפּובליק).

אויב עס וועט די באוואוסטזיניגע ארבייטער און פויערים מיט דער הילפע פון די סאָוויעט־אנשטאַלטען, געלינגען צו אָרגאַניזירען זיך און צו באשאַפען א שטארקע דיסציפּלין אין פארלויף פון איין יאָהר, וועלען מיר פון דעם דאָזיגען „צינז" פּטור ווערען שוין באלד, אין איין יאָהר. וואָס גיכער מיר גופא, ארבייטער און פויערים, וועלען איינפיהרען א שטרענגע ארבייטס־דיסציפּלין און א העכערע טעכניק, אלץ גיכער וועלען מיר פּטור ווערען פון אירגענד וועלכע „צינזען" צו די דאָזיגע ספּעציאַליסטען.

---

ווי מיר האָבען שוין פריהער ערקלערט, איז דער שווער־פּונקט פון אונזער קאמפף מיט דער בורזשואזיע, אונזער הויפּט ארבייט אין איצטיגען מאָמענט, ניט די עקספּראָפּריאציאָן פון די עקספּראָפּריאירער, נאָר די איינפיהרונג פון אַלגעמיינער פאראנטוואָרטליכקייט, די אָרגאניזירונג פון א קאָנטראָלע איבער דער פּראָדוקציאָן און דער פארטיילונג פון פּראָדוקטען. דאָס מוזען מיר שטענדיג האָבען אין זינען, אום צו קאָנען בעסער פארשטעהן די נויטיגע עקאָנאָמישע און פינאנציעלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פארבונדען מיט דער נאציאָנאליזירונג פון די בענק, מיט דער רעגיערונגס־מאָנאָפּאָל איעבער'ן האנדעל מיט אויסלאנד, מיט דער רעגיערונגס־קאָנטראָלע איבער דעם געלד־פארקעהר, מיט דער איינפיהרונג פון א צופריעדענשטעלענדער (פון א פּראָלעטארישען שטאנדפּונקט) סיסטעם פון פּאָדאטקעס פון פארמעגענס און פון איינקינפטע, אויך מיט דער איינפיהרונג פון א געצוואונגענער ארבייטס־דיענסט.

אין באצוג צו אָט דיזע סאָציאַליסטישע רעפאָרמען זיינען מיר נאָך זעהר הינטערשטעליג. מיר זיינען הינטערשטעליג הויפּטזעכליך דערפאר, וואָס די סיסטעם פון פאראנטוואָרטליכקייט און קאָנטראָלע, אין אַלגעמיין, איז נאָך ניט אָרגאניזירט ווי געהעריג איז. דיזע פּראָבלעמע (פון פאראנטוואָרטליכקייט און קאָנטראָלע) איז, נאטירליך, איינע פון די שווערסטע. און נעמענדיג אין

אנבעטראכט די עקאָנ    אונאָרדנונג, אַרויסגערופען פון דער מלחמה, וועט די לעזונג פון דער פּראָבלעמע געדויערען אַ היבשע צייט. מען טאָר נאָך דערביי ניט פאַרגעסען, אַז די בורזשואַזיע — און הויפּטזעכליך קליין־קאַפּיטאַל און די דאָרף׳ס בורזשואַזיע — שלאָפט ניט. זי פאַרשאַפט אונז פיעל טראָבעל און שטערט אונז איינצופירען די געווינשטע פאַראַנטוואָרטליכקייט און קאָנטראָלע איבער דער פּראָדוקציאָן און פאַרטיילונג. אָט, צ. ב., זי שטערט די איינפירונג פון דער תבואה מאָנאָפּאָל און געפינט שוין וועגען און מיטלען צו ספּעקולירען. וואָס מיר האָבען פעראָרדערט דורך דעקרעטען, איז פאַרווירקליכט געוואָרען נאָך ווייט ניט ווי געהע־ריג איז. און אונזער איצטיגע אויפגאַבע באַשטעהט אין דער אנשטרענגונג פון אַלע כחות אום צו פ א ר ו ו י ר ק ל י כ ע ן, דורכצופירען אין לעבען די רעפאָרמען, וועלכע זיינען שוין פּראָ־קלאַמירט געוואָרען דורך געזעצע, אָבער וועלכע זיינען נאָך מייס־טענס אויפ׳ן פּאַפּיער בלויז.

כדי פאָרטצוזעצען די נאַציאָנאַליזירונג פון די בענק און צו העלפען פאַרוואַנדלען זיי אין צענטערס פון געזעלשאַפטליכער בוך־האַלטעריי, אונטער סאָציאַליזמוס, אין מיטלען אויסצונוצען דעם פאָלקס רייכטימער פאַר די אינטערעסען פון דער געזעלשאַפט, מוזען מיר פריהער פון אַלעם זעהן צו פאַרגרעסערען די ברענטשעס פון פאָלק׳ס באַנק *), צו פאַרלייכטערען פאַר׳ן פּובליקום די פּראָצעדורע פון מאַכען דעפּאָזיטס און פון אַרויסנעמען געלד, צו באַזייטיגען די „וואַרטענדע ליינס", צו באַשטראָפען כאַבאַרניקעס און שווינדלער, א. ד. גל., דאָס זיינען איינפאַכע, געוויינליכע זאַכען. אָבער מיר מוזען פריהער גרונטיג דורכפירען די איינ־פאַכסטע אויפגאַבען, ווי געהעריג איז אָרגאַניזירען דאָס, וואָס מיר האָבען שוין, — און ערשט דאַן, נאָך דעם זיך נעמען פאַר די קאָמ־פּליצירטע, שווערערע אויפגאַבען.

---

*) געוועזענער גאָסודאַרסטווענני באַנק.

אויך מוזען מיר פארבעסערען און רעגולירען די מלוכה־מאַנאָפּאָלס (פון תבואה, לעדער א. ז. וו.), וואָס מיר האָבען שוין פּראָקלאַמירט, און דערביי מאַכען פּאָרבערייטונגען צו דער פארוואנדלונג פון האנדעל מיט אויסלאַנד אין א מלוכה־מאָנאָפּאָל. אָהן אזא מאָנאָפּאָל וועלען מיר בשום אופן ניט קאָנען „סעטלען" אונזערע חשבונות מיט'ן אויסלענדישען קאפּיטאל. און די מעגליכקייט פון סאָציאַליסטישער ארבייט וועט זיין אָפּהענגיג פון דעם, צי מיר וועלען זיין אימשטאנדע צו באשיצען אונזער אינערליכע עקאָנאָמישע אונאבהענגיגקייט.

אוין זיינען מיר הינטערשטעליג אין באצוג צו פּראגרעסיווע אין אַלגעמיין און ספּעציעל אין באצוג צו טעקסעס פון פארמעגענס און איינקינפטע. דאָס וואָס מיר לעגען ארויף „קאָנטריבוציעס" (שטראָף־געלדער) אויף דער בורזשואזיע, איז אפילו א זאַך, וואָס פּרינציפּיעל קאָן דער פּראָלעטאריאט געגען איהר גאָרניט אויסזעצען. אָבער דיזער מיטעל צו קריגען געלד איז מעהר עהנליך צו די מעטאָדען פון איינגעמען רוסלאנד פון די רייכע פאר די אָרימע, ווי צו די מעטאָדען פון אָרגאניזירען און פארוואלטען. אנשטאָט „קאָנטריבוציעס" מוזען מיר איינפירען סיסטעמאטישע, רעגולערע שטייער פון פארמעגענס און איינקינפטע. דיזע שטייער וועלען דער פּראָלעטארישער מלוכה געבען מעהר געלד־מיטלען, ווי די „קאָנטריבוציעס".

מיר טאָרען ניט פארנאכלעסיגען אויף די איינפירונג פון געצוואונגענער ארבייטס־דיענסט. א סיסטעם פון געצוואונגענער ארבייטס־דיענסט וועט אונז העלפען, פון איין זייט, באפעסטיגען אונזערע געוואונענע פּאָזיציעס און, פון דער צווייטער זייט, „ארומרינגלען" דעם שונא און איהם צווינגען „אונטערצוגעבען זיך". מיר מוזען שוין באלד איינפירען געצוואונגענע ארבייטס־דיענסט, און פריהער פאר אלעס פאר די ר י כ ע. די איינפירונג פון אַן ארבייטער־רעעסטער און פון א געברויך־רעעסטער (וואָס דער אָדער יענער גיט אויס, וועלכע און וויפיעל פּראָדוקטען ער פאר־

ברויכט) פאַר יעדען קאַפּיטאַליסט, אריינגערעכענט דעם דאָר־פּישען בורזשויאַ, וועט זיין אַן ערנסטער שריט צו דער פאָלשטענ־דיגער „באַלאַגערונג“ פון שונא און אויך צו דער באַשאַפונג פון א ווירקליכער פאַראַנטוואָרטליכקייט און קאָנטראָלע איבער דער פּראָדוקציאָן און דער פאַרטיילונג פון פּראָדוקטען.

# די באַדייטונג פון קאַמפּף פאַר אַלגעמיינע קאָנטראָלע און פאַראַנטוואָרטליכקייט.

די מלוכה, וועלכע איז אין פארלויף פון יאָהרהונדערטע גע־וועזן אַ געצייג צו אונטערדריקען און צו בארויבען דאָס פאָלק, האָט אונז איבערגעלאָזען בירושה דעם טיעפען האַס און מיסטרויען פון פאָלק צו יעדער זאַך וואָס האָט נאָר צו איהר אַ שייכות. אויס־צואוואָרצלען דיזען האַס איז אַ זעהר שווערע אויפגאבע, וואָס נאָר די סאָוויעטען קאָנען זיך מיט איהר ספּראווען, אי דאָס ערשט נאָכדעם, ווי זיי וועלען אויף איהר אָפּגעבען פיעל צייט און מיה. דיזע טרויעריגע „ירושה" איז, נאַטירליך, אַ שטערונג פאַר דער איינפירונג פון אַ מלוכה־קאָנטראָלע איבער דער פּראָדוקציאָן און פאַרטיילונג, וואָס איז פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָן די וויכטיגסטע אויפגאבע. עס וועט מוזען נעמען צייט, איידער די מאַסען, וועלכע האָבען זיך דערפיהלט פריי ערשט ווען זיי האָבען ארונטערגעוואָרפען די הערשאַפט פון די פּריצים און פון דער בורזשואזיע, וועלען איינזעהן ניט פון ביכער, נאָר פון זייער סאָוויעט־ערפאַרונג, — אַז אָהן אַן אַלגעמיינער פאַראַנטוואָרטליכ־קייט, אָהן אַ מלוכה־קאָנטראָלע איבער דער פּראָדוקציאָן און פאַר־טיילונג קאָן זייער מאַכט און זייער פרייהייט ניט אָנהאַלטען לאַנג, און די צוריקקערונג פון קאַפּיטאַליסטישען יאָך וועט מוזען ווערען אונפאַרמיידליך.

די בורזשואזיע, הויפּטזעכליך די קליין־בורזשואזיע, איז לויט איהרע געוואוינהייטען און טראַדיציעס געגען אַ מלוכה־קאָנטראָלע; זי שטעהט שטאָל און אייזען פאַר די אונבארירבאַרקייט פון „היי־ליגען פּריוואַט־אייגענטום" און פון „הייליגען גייסט פון פּריוואַט אונטערנעמונגען".

יעצט איז פאַר אונז ספּעציעל קלאָר, ווי ריכטיג עס איז די מאַרקסיסטישע מיינונג, אַז אַנאַרכיזמוס און אַנאַרכאָ־סינדיקאַ־ליזמוס, וועלכע שטעהן שטאָל און אייזען פאַר'ן יחיד און באַשיצען איהם נעגען דער געזעלשאַפט, זיינען בורזשואַזע נייגונ־גען און שטרעבונגען, וואָס זיינען אין ווידערשפּרוך מיט סאָציאַ־ליזמוס, מיט פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און מיט קאָמוניזמוס.

אריינצוהאַמערן אין די מוחות פון די מאַסען דעם געדאַנק, אַז עס איז וויכטיג, דאָס די סאָוויעטען זאָלען איינפירען אַ מלוכה־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציאָן און דער פאַרטיילונג; אויס־צוואָרצלען די פאַרפלוכטע פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָט איינגע־וועהנט מענשען צו באַטראַכטען די זאָרג פון חיונה ווי אַ „פּרי־וואַט" אַנגעלעגענהייט, און קויף און פאַרקויף ווי אַ זאַך, וואָס איז „ניט יעגעמס עסק", — דאָס איז די גרעסטע אויפגאַבע פון אַ וויכ־טיגער היסטאָרישער באַדייטונג, — אַן אויפגאַבע, וואָס קאָן פאַר־ווירקליכט ווערען בלויז דורך אַ שטאַרקען קאַמף פון סאָציאַליס־טישער געוויסענהאַפטיגקייט געגען בורזשואַזיש־אַנאַרכיסטישע „פרייהייט". מיר האָבען דורכגעפירט אַ געזעץ וועגען דער קאָנ־טראָלע פון אַרבייטער. אָבער ער איז נאָך ווייט ניט איינגעפירט געוואָרען אין לעבען, און די פּראָלעטאַרישע מאַסען האָבען נאָך ניט פאַרשטאַנען זיין גרויסע באַדייטונג.

אַז אונפאַראַנטוואָרטליכקייט אין דער פּראָדוקציאָן און פאַר־טיילונג איז געפערליך פאַר די ערשטע שריטע צו סאָציאַליזמוס; אַז זי באַדייטעט קאָרופּציאָן; אַז נאַכלעסיגקייט אין פראַגען פון פאַראַנטוואָרטליכקייט און קאָנטראָלע זיינען אַ דירעקטע הילפע צו די דייטשע און רוסישע קאָרנילאָווס, וועלכע וועלען געוויס קאָ־נען אומוואַרפען די מאַכט פון די אַרבייטער, אויב נאָר מיר וועלען ניט לעזען די פּראָבלעמע פון פאַראַנטוואָרטליכקייט און קאָנטראָ־לע, און וועלכע היטען יעדען טריט אונזערען וואַרטענדיג אויף אַ נעלעגענהייט אונטערצושטעלען אונז אַ פיסעל; — דאָס ווערט נאָך, ליידער, אין אונזער אַגיטאַציאָן ניט אונטערגעשטרייכט ווי

געהעריג איז, און זאָגאר פּאָרטגעשריטענע ארבייטער און פויערים טראכטען נאָך פון דעם ווייניג. און כל זמן די ארבייטער־קאָנטראָ־לע וועט ניט פארווירקליכט ווערען, כל זמן די פאָרטגעשריטענע ארבייטער וועלען ניט אָנפירען אן ערפאָלגרייכען און באַרמלאָזען קאמפּיין געגען די יעניגע, וועלכע פארנאכלעסיגען אָדער ארבייטען געגען דער קאָנטראָלע, — וועלען מיר ניט קאָנען איבערגעהן פון דעם ערשטען שריט (ארבייטער קאָנטראָלע) צום צווייטען שריט, עס הייסט, צו דער ארבייטער רעגולירונג פון דער פּראָדוקציאָן.

א סאָציאַליסטישע מלוכה קאָן ענטשטעהן נאָר אלס א נעץ פון פּראָדוקציאָן־און פארברויך־קאָמונעס, וועלכע פירען א קלאָרען חשבון פון זייער פּראָדוקציאָן און פארברויך, לאָזען קיין ברעקעל ארבייט ניט געהן אין גיוועץ, פארגרעסערען די שאַפונגס־פעהיג־קייט פון ארבייט און מאכען דורך דעם מעגליך, אז דער ארבייטס־טאָג זאָל פארקירצט ווערען ביז 7 שטונדען, 6 שטונדען, א. ז. וו.

פון קאפיטאַליזמוס האָבען מיר איבערגענומען בירושה מאסען־אָרגאניזאציאָנען, וועלכע פארלייכטערען דעם איבערגאנג צו מאַ־סען־פאראנטוואָרטליכקייט און קאָנטראָל איבער די פּראָדוקציאָן און פארטיילונג — קאָאָפּעראטיווען פון פארברויכער. דאָס איז א היבשע ירושה. אמת, אין רוסלאנד איז די קאָאָפּעראטיווע באַ־וועגונג ענטוויקעלט שוואכער ווי אין די מעהר פּאָרטגעשריטענע לענדער, אָבער זי צעהלט שוין ביי אונז 10 מיליאָן מיטגלידער. די סאָוויעט־רעגירונג געפינט זיך נאָך איידער איז אזא לאגע, אז זי מוז זיך רעכענען מיט דיזע קאָאָפּעראטיווען, אָבוואָהל זיי זיי־נען מייסטענס ענטוועדער ריין־בורזשואזע קאָאָפּעראטיווען, אָדער קאָאָפּעראטיווען פון אזעלכע ארבייטער, וואָס זיינען נאָך באַ־איינפלוסט פון א בורזשואזען שטאנדפּונקט. און זי האָט מיט א קורצער צייט צוריק, ווי באקאנט, געמוזט פארעפענטליכען א דע־קרעט, וועלכער איז ניט מעהר ווי א קאָנטראקט, ריכטיגער גע־זאָגט, א קאָמפּראָמיס מיט די ראָזיגע קאָאָפּעראטיווען. דער קאָמ־פּראָמיס באַשטעהט, ערשטענס, אין דעם, וואָס פאָרשטעהער פון

דיזע קאאפעראטיווען זיינען צוגעלאזען געווארען צו דער אויסארבייטונג פון דעם דעקרעט און האבען אויף אזא אופן געהאט די מעגליכקייט ארייצושטעלען אין איהם פונקטען, וועלכע זיי האבען געוואלט ; צווייטענס, אין דעם, וואס די סאוויעט־רעגירונג האט געמוזט ארויסווארפען פון איהם איינינגע וויכטיגע געפלאנטע פונקטען, ווי דעם פונקט צ. ב., דאס די גאנצע באפעלקערונג פון א געגענד זאל זיין פאראייניגט אין איין קאאפעראטיווע און, דריטענס, אין דעם, וואס די סאוויעט־רעגירונג האט ניט געהאט די מעגליכקייט אין גאנצען צו באזייטיגען די בורזשואזיע פון דער קאנטראלע איבער די קאאפעראטיווען.

דיזער קאמפראמיס־דעקרעט איז כאראקטעריסטיש פאר דער לאגע פון דער סאוויעט־רעגירונג. ווען דער פראלעטאריאט וואלט, ארבייטענדיג דורך די סאוויעטען, איינגעפירט א פאראנטווארטליכקייט און קאנטראלע אויף א נאציאנאלען מאסשטאב, וואלט די סאוויעט־רעגירונג ניט געווען געצוואונגען איינצוגעהן אויף אזא קאמפראמיס. דורך זייערע שפייז־דעפארטמענטס און דורך זייערע ארגאנען, וואס באשעפטיגען זיך מיט צושטעלען פארשידענע מאטעריאלען, וואלטען די סאוויעטען פאראייניגט די באפעלקערונג אין איין קאאפעראטיווע, געפירט פון פראלעטאריאט, נאר אהן דער מיטווירקונג פון די בורזשואזע קאאפעראטיווען, נאר אהן הנחות צום ריין־בורזשואזען פרינציפ וואס צווינגט די קאאפעראטיווען פון ארבייטער צו געהן האנד אין האנד מיט בורזשואזע קאאפעראטיווען.

איברינגענס, ווי קאמפראמיסליך דער דעקרעט זאל ניט זיין, איז ער אבער פארט וויכטיג. קאנטראלירענדיג די קאאפעראטיווען, אויסנוצענדיג די דאזיגע עלעמענטען, באשאפען מיר א באדען פאר א פארווערטס־באוועגונג, וועלכע וועט אנגעהן אפילו לאנגזאמער, ווי מיר האבען געפלאנעוועט, אבער דערפאר שטענדיג, רעגולער, און וועלכע וועט בעסער באפעסטיגען די איינגענומענע פאזיציעס. די סאוויעטען קאנען (און מוזען) יעצט

מעסטען זייער ערפאָלג אין דער ארבייט פון סאָציאַליסטישער שאַפונג, צווישען אנדערעס, אויך מיט דער איינפאכער און פּראַקטישער כּאָס, נעמליך, מיט דער צאָהל געמיינדעס (קאָמונעס, שטעטלאַך, שטאָט־קווארטאלען, א. ז. וו.)וואו די ענטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג האָט שוין דערגרייכט די שטופע, דאָס זיי ציהען שוין אריין די גאנצע באפעלקערונג.

THIS BOOK BELONGS TO
LEN WAGA

## העכערונג פון ארבייטס שאַפונגס-קראַפט.

אין אַ סאָצ·אַליסטישע רעוואָלוציאָן איז די ערשטע אויפגאבע פון ארבייטער־קלאַס, נאָך דעם, ווי ער קריגט שוין אריין די מאכט, עקספראָפּריאירט די עקספּראָפּריאַטאָרס (נעמט אַוועק די פּראָדוקציאָנס־מיטלען ביי די קאַפּיטאַליסטען) און אונטערדריקט זייער ווידערשטאנד, — צו באַשאַפען אַ געזעלשאפטליכע סיסטעם, וואָס זאָל שטעהן העכער פון די קאַפּיטאַליסטישע ; צו באַשאַפען, נעמליך, אַזאַ סיסטעם, וואו די שאַפונגס־פעהיגקייט פון אַרבייט איז גרעסער, און די אַרבייט גופא איז בעסער אָרגאַניזירט. אונזער סאָוויעט רעגירונג איז גראַד יעצט אין אַזאַ לאַגע, ווען עס איז פאַר איהר געוואָרן מעגליך, צוליעב איהרע זיעגע איבער די אויסבויטער פון קערענסקי׳ן ביז קאָרנילאָוו׳ען, צו נעמען זיך אָט פאַר דיזע אויפגאבע. און עס ווערט דערביי קלאָר, אַז אויב עס איז מעגליך אין עטליכע טעג צו פארכאַפען די צענטראַלע מלוכה־מאכט ; אויב עס איז מעגליך אין עטליכע וואָכען צו אונטערדריקען דעם מיליטערישען ווידערשטאנד און דעם סאבאטאזש פון די אויסבויטער, זאָגאר אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון אַזאַ גרויסען לאַנד ; פאָדערט אָבער די אויפגאבע צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבייט אַם ווענינגסטענס (ספּעציעל נאָך אַזאַ פאַרניכטענדער און צערשטערענדער מלחמה) עטליכע יאָהר.

אויף צו פאַרגרעסערן די שאַפונגס־פעהיגקייט פון אַרבייט פאָדערט זיך פריהער פון אַלעם אַ מאַטעריעלער באָדען פאַר אַ גרויסער אינדוסטריע : עס פאָדערט זיך, הייסט עס, די ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן פון הייץ־מאַטעריאַלען, אייזען, מאַשינערי און כעמישע אינדוסטריע. די רוסישע סאָוויעט־רעפּובליק איז אין אַזאַ גינסטיגער לאַגע, אַז זי באַזיצט נאָך, אפילו נאָך׳ן ברעסט־

ליטאָווסקער פרידענס־אָפּמאַך, ריזיגע מאַסען מעטאַל־ערד אין די אוראַלער בערג, הייץ־מאַטעריאַלען אין מערב סיביר (האַרטע קויה־לען), אויף קאַווקאַז און אין דרום־מזרח (פּעטראָלעאום), אין סענ־טראַל רוסלאַנד (טאָרף *), געהילץ, וואַסער־קראַפט און רויהע מאַ־טעריאַלען פאַר דער כעמישער אינדוסטריע (קאַראַבוגאַז אין צענ־טראַל אזיען), א. ד. גל. די אויסנוצונג פון דיזע נאַטירליכע אוצרות מיט די נייעסטע טעכנישע מעטאָדען וועט אונז געבען אַ באָדען פאַר אַ אונערהערטער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן.

אויסער דעם ווענדעט זיך די העכערונג פון שאַפונגס־פעהיגקייט פון אַרבייט, ערשטענס, אָן דער אויפהויבונג פון דער ערציהונגס־און קולטורעלער שטופע פון די מאַסען. דיזע אויפהויבונג קומט דאָס יעצט פאַר מיט אַ מערקווירדיגער שנעלקייט. דאָס באַמערקען ניט בלויז די יעניגע, וועלכע זיינען אַזוי פאַרבלענדעט פון די בור־זשואַזע באַגריפע, אַז זיי קענען ניט זעהן, מיט וואָס פאַר אַ דור־שטיגקייט די מאַסען נעמען זיך יעצט, אונטער דער סאָוויעט־רעגי־רונג, פאַר בילדונג און אויפקלערונג.

העכערע פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבייט ווענדעט זיך, צווייטענס, אָן אַ בעסערער אָרגאַניזאַציאָן פון דער אַרבייט, אָן אַ שטאַרקערער דיסציפּלין, גענויקייט, אַרבייטסזאַמקייט, פלייסיגקייט פון די אַרבייטער.

אויב מיר זאָלען גלויבען אויף'ן וואָרט די יעניגע, וועלכע זיינען אָנגעשראָקען פון דער בורזשואַזיע אָדער זיינען ביי איהר פאַרדונ־גען, איז די לאַגע אין דיזען הינזיכט זעהר טרויעריג, זאָגאַר האָפ־נונגסלאָז. דיזע לייטע פאַרשטעהען אָבער ניט, אַז עס איז קיין מאָל ניט געוועזען און עס האָט גאָר קיינמאָל ניט געקאָנט זיין אַזאַ

*) גראָז־ערד, ברען־ערד, אַזאַ ערד, וואָס באַשטעהט פון צונויפגע־פרעסטע גראָזען און אַנדערע ברען־מאַטעריאַלען.

שטיגקייט די מאַסען נעמען זיך יעצט, אונטער דער סאָוויעט־רע־גירונג, פאַר בילדונג און אויפקלערונג.

רעװאָלוציאָן, װאו די אנהענגער פון דער אַלטער אָרדנונג זאָלען זיך ניט קלאָגען אויף דעזאָרגאַניזאַציאָן, אַנארכיע, א. ד. גל.

צװישען מאַסען, װאָס האָבען אָקאָרשט אומגעװאָרפען א אונ־גלױבליך װילדע אונטערדריקונג, מוזען נאָך, נאַטירליך, הערשען אונרוהיגקײט און אױפרעגונג. און עס פאַרשטעהט זיך, אז די ענטװיקלונג פון א נײעם באָדען פאַר ארבײטער־דיסציפּלין מוז גע־מען יאָהרען. אָבער פון האָפנונגסלאָזיגקײט קאָן גאָר קײן רייד ניט זײן.

איבריגענס, אויב פון האָפנונגסלאָזיגקײט קאָן קײן רײד ניט זײן; אױב מיר האָבען ניט קײן אורזאַכען ענטמוטיגט צו װערען פון די באַהױפּטונגען פון דער בורזשואַזיע און פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, װילען מיר אָבער אויף קײן פאַל ניט פאַרמאַכען די אױגען אויף געװיסע שװעריגקײטען. אין גענענטײל, מיר װילען בולט ארויסשטעלען די שװעריגקײטען און די שװאַכע זײטען, און מיר װעלען אָנװענדען סאָװיעט־מעטאָדען אויף צו באַקעמפּפען זײ. װאָרים דער ערפאָלג פון סאָציאַליזמוס איז אונבאַגרײפליך אָהן דעם זיעג פון פּראָלעטאַרישער באַװאוסטזיניגער דיסציפּלין איבער דער אינסטינקטיװער (ניט באַגריפענער, באַװאוסטלאָזער) קלײן־בורזשואַזער אַנאַרכיע, װאָס איז אַזױ נױטיג פאַר די צוריקקערונג פון די קערענסקיס.

די מעהר באַװאוסטזיניגע פאָדערשטע רײהען פון רוסישען פּראָלעטאַריאַט פאַרשטעהן שױן די װיכטיגקײט פון דער פּראָבלעמע פון פאַרשטאַרקען די ארבײטער־דיסציפּלין. אָט, צ. ב. ש., דער פאַרבאַנד פון מעטאַל־ארבײטער און דער צענטראַלער ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען (טרײד־יוניאָנס) נעמען שױן שריטע אין דיזער ריכטונג. זײ פאַסען שױן באַשליסע און ארבײטען שױן אויס פּלענער, װי צו פאַרװירקליכען די דאָזיגע דיסציפּלין.

דיזע שריטע מוזען אונטערשטיצט װערען פון אַלע אנדערע ארבײטער. לאָמיר אױפ'ן שטעל אײנפירען שטיק־ארבײט און זעהן צו די דיסציפּלין װערט שטאַרקער. לאָמיר אויספּרובירען יע־

רע וויסענשאפטליכע איינצעלהייט פון דער זאגענאנטער טיילאר־סיסטעם (א סיסטעם ווי איינצושפארען ענערגיע, צייט, מאטער־יאלען, א. ז. וו.); לאמיר אויספארשען די פארדיענסטען פון די ארבייטער אין פארגלייך מיט דער גרויס פון דער פראדוקציאן, א. ר. גל.

דער רוס איז ניט אזא בריה אן ארבייטער, ווי דער ארבייטער פון די מעהר ענטוויקעלטע נאציאנען. און אונטער צאריזמוס האט דאך גאר אנדערש ניט געקאנט זיין. און עס איז די פליכט פון דער סאוויעט־רעגירונג צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער באפעלקערונג, זי זאל זיך איינפאך לערנען ווי צו ארבייטען. די אויבענדערמאנטע טיילאר־סיסטעם, וועלכע איז אין דיזער הינזיכט דאס לעצטע ווארט פון קאפיטאליזמוס, פאראייניגט אין זיך די אויסערליך פארפוצטע גרויזאמקייט פון דער בורזשואזער אויסבוי־טונג מיט די וועלטפולסטע וויסענשאפטליכע איינצעלהייטען, ווי איינצושפארען צייט, ענערגיע, מאטעריאלען, א. ז. וו., זי רעכענט, צווישען אנדערעס, אויס די אלע באוועגונגען, וואס דער ארבייטער מאכט ביי דער ארבייט, און לעגט פאר מיטלען אויסצומיידען אונניצליכע באוועגונגען; זי ווייזט אן אויף די בעסטע מעטאדען פון ארבייט, די בעסטע סיסטעם פון פאראנטווארטליכקייט און קאנטראלע, און זא ווייטער.

די סאוויעט־רעפובליק מוז זיך באנוצען מיט פיעלע זאכען פון דיזער סיסטעם; זי מוז איינפירען וויסענשאפטליכען און טעכ־נישען פראגרעס. די מעגליכקייט פון סאציאליזמוס הענגט אפ פון דעם, צו עס וועט זיך אונז איינגעבען צו פארבינדען די סאוויעט־מאכט, די ארגאניזאציאנס־ארבייט פון סאוויעט, מיט די לעצטע בעסטע ארבייטס־מעטאדען פון קאפיטאליזמוס. מיר מוזען אלזא שטודירען די טיילאר־סיסטעם, אויספרובירען איהר, צוצופאסען זיך צו איהר. און ארבייטענדיג אויף די פארגרעסערונג פון דער שאפ־פונגס־קראפט פון ארבייט טארען מיר אין דער זעלבער צייט ניט פארנאכלעסיגען מיטלען צו וועקען ביי די ארבייטער א שטרעבונג

צו איבערשטייגענעס, אַ מין פאַרוועטען זיך וואָס מעהר אויפצוטאָן, איבערצושטייגען, איבערצויאָגען דעם צווייטען. מיר מוזען אָרגאַניזירען דיזע איבערשטייגענעס, אויף אַ סאָציאַליסטישען אופן, נאַטירליך, דאָרטען, וואו זי עקזיסטירט שוין ; און דאָרטען, וואו זי עקזיסטירט ניט, מוזען מיר איהר וועקען זאָגאַר דורך צוואנגסמיטלען : די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט טאָר ניט זיין קיין צוברעכענע ; די פּראָלעטאַרישע רעגירונג דאַרף גאָר ניט זיין צו ווייך.

# די שטרעבונג צו איבערשטייגענעס.

צווישען די ליגענס, וואָס די בורזשואזיע מאכט דעם אָנשטעל, אַז זי גלויבט אויף סאָציאַליזמוס, איז, דאָס אין אַ סאָציאַליסטישען אָרדנונג וועט ניט זיין קיין פלאַץ פאר קנאת פועלים, פאַר אַ באַנעהר פון אַרבייטער איבערצושטייגען דעם צווייטען אין ניצליכקייט. פאַרשטעהער פון קאַפּיטאַליזמוס שטעלען סאָציאַליזמוס פאר אלס אַן אָרדנונג, אין וועלכער אַלע וועלען זיין מאָנאָטאָן גלייך אין ניצליכקייט, אין פעהיגקייטען, קיינער וועט זיך ניט טאָרען און ניט האָבען מיט וואָס איבערצונעמען.

אין דער אמת'ען אָבער וועט גאָר דער סאָציאַליזמוס, וואָס וועט פאַרניכטען די קלאַסען־איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט און אויך די פאַרשקלאַפונג פון די מאַסען צום ערשטען מאָל אין לעבען עפענען פאר די ברייטע מאַסען אַ וועג צו ענטוויקלען זיך און צו שטרעבען צו איבערטרעפען איינער דעם אַנדערען. און בלויז די סאָוויעט־אָרגאַניזאַציאָן, וואָס פיהרט איין, אנשטאט אַ פאָרמאַלער (כלומרשט'דיגער) דעמאָקראַטיע פון אַ בורזשואַזער מלוכה, די ווירקליכע באַטייליגונג פון די אַרבייטענדע מאַסען אין דער פ אַ ר ו ו אַ ל ט ו נ ג פון דער מלוכה, — בלויז די סאָוויעט־אָרגאַניזאַציאָן, זאָגען מיר, עפענט צום ערשטען מאָל אַ פעלד פון גייסטיגער קאָנקורענץ, פון שטרעבונג איבערצושטייגען דעם צווייטען אין ניצליכקייט. אַזאַ קאָנקורענץ איז אַפילו לייכטער צו אָרגאַניזירען אויפ'ן פּאָליטישען, איידער ווי אויפ'ן עקאָנאָמישען געביעט. אָבער פאַר די אינטערעסען פון סאָציאַליזמוס איז העכסט וויכטיג אַזאַ גייסטיגע קאָנקורענץ, אַזאַ שטרעבונג צו איבערשטייגענעס אויך אויפ'ן עקאָנאָמישען פעלד.

מיר וועלען מאַכען עפענטליכקייט פאר אַ מיטעל צו אָרגאַני־

זירען די דאָזיגע קאָנקורענץ. א בורזשואזע רעפּובליק מאכט נאָר דעם אָנשטעל, אַז זי גיט דעם ארבייטער א געלעגענהייט צו פאַר־פּאָלקאָמען זיך. אין דער אמת'ען האלט זי די פּרעסע אונטער־ווארפען אונטער קאַפּיטאַל, און דעם „מאב“ קאָרמעט זי מיט פּי־קאַנטע פּאָליטישע קליינינקייטען. דעם ריכטיגען אויפּטו אין די פאבריקען און אין האנדעל באהאלט זי אלס „ביזנעס־געהיימניסע“, וואָס באשיצען די „הייליגע אייגענטום“. די סאָוויעטען האָבען אָבגעשאפט האנדעלס־סעקרעטען, אָבער זיי האָבען נאָך פאָרלויפיג ניט אויסגענוצט עפענטליכקייט אלס א מיטעל צו ענטוויקלען א קאָנקורענץ איבערצושטייגען איינער דעם אנדערן אויף'ן עקאָנאָמי־שען פעלד. מיר מוזען דאָס שוין באלד טאָן. מיר מוזען באשא־פען א פּרעסע, וואָס זאָל ניט זאבאווען און אָפּנארען די מאסען מיט פּאָליטישע סענסאציעס, נאָר זאָל זיי געבען א מעגליכקייט צו באקאָנען זיך גרונטיג מיט פראגען פון טאָג־טעגליכע עקאָנאָמיע. יעדע פאבריק, יעדער דאָרף איז א פּראָדוצירענדע און פאַרברוי־כענדע קאָמונע, וועלכע האָט א רעכט און א פליכט צוצופּאסען די רעגולירונגען פון די סאָוויעטען אויף אַן אייגענעם שטייגער (ניט איבערצוטרעטען די רעגולירונגען, נאָר דורכצופיהרען זיי אין פאַר־סענדע פאָרמען), אויף אַן אייגענעם שטייגער צו פאַרווירקליכען די פאראנטוואָרטליכקייט און די קאָנטראָלע איבער דער פּראָדוקציאָן און פאַרטיילונג. אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג איז דאָס געווען א פּריוואַט אַנגעלעגענהייט פון אינדיווידועלען קאַפּי־טאַליסט אָדער גוטס־באַזיצער. אונטער די סאָוויעטען איז דאָס שוין ניט א פּריוואַט זאַך, נאָר א וויכטיגע נאַציאָנאַלע אויפגאבע. אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פון פּראָדוקציאָן פלעגט א גוטער ביישפּיעל פון א איינצעלנעם אָדער פון א וועלכער עס איז גרופּע פּראָדוצירער זעלטען פאַרשפּרייט ווערען צווישען נאכפּאָל־גער, און די בורזשואזיע פלעגט זיך דאָס נאָר איינרעדען, אַז דורך'ן איינפלוס פון מוסטערהאפטע אינסטיטוציאָנען, וואָס ווערען איינ־געפיהרט דאָ אָדער דאָרטען, ווערט דער קאַפּיטאַליזמוס שטענדיג

„רעפארמירט". אבער יעצט, ווען די פאליטישע מאכט איז ארי־
בער אין די הענט פון פראלעטאריאט און די עקספראפריאטאר'ס
ווערען עקספראפריאירט, האט זיך די לאגע טיעף געענדערט. און
ווי מאנכע העכסט פראמינענטע סאציאליסטען האבען דאס מעהרערע
מאל פאראויס־געזאגט, קאן ערשט יעצט, צום ערשטען מאל, א גוטער
ביישפיעל האבען א וויכטיגע ווירקונג אויף די מאסען. מוסטער־
האפטע קאמונעס מוזען און וועלען ווערען א מיטעל צו ערציהען,
צו לערנען און צו באוועגען צו פארטשריט הינטערשטעליגע געמיינ־
דעס. די פרעסע, ווידער, מוז ווערען א וואפע פון סאציאליסטישער
בוי־ארבייט דורך דעם, וואס זי וועט זיך שטעלען אלס איהר אויפ־
גאבע מיטצוטיילען און צו פארשפרייטען אויסקינפטע און איינ־
צעלהייטען פון ערפאלג אין דער אדער יענער מוסטערהאפטער קא־
מונע ; אויך וועט זי האבען אלס פליכט צו בלאמירען די יעניגע
קאמונעס, וועלכע האלטען זיך עקשנות'דיג פאר די „טראדיציעס
פון קאפיטאליזמוס", עס הייסט פאר אנארכיע, אונארדנונג, לעדיג־
געהעריי און ספעקולאציאן.

אונטער קאפיטאליזמוס פלעגען זיך מיט סטאטיסטיק באנו־
צען בלויז ספעציאליסטען אדער רעגירונגס־בעאמטע. מיר אבער
מוזען די סאמע מאסען צוגעוואוינען צו סטאטיסטיקס, מיר מוזען
פאפולער מאכען סטאטיסטישע פאקטען און ציפערען, כדי די ארביי־
טער זאלען זיך ביסלעכווייז אויסלערנען צו פארשטעהן און צו זעהן,
וויפיעל און וואס פאר אן ארבייט עס פאדערט זיך, וויפיעל רוהע
זיי קאנען האבען, א. ד. גל. זיי וועלען זיך אויסלערנען צו פאר־
גלייכען די רעזולטאטען פון אונטערנעמונגען אין פארשידענע קא־
מונעס ; צו שטודירען, צו באשפרעכען די דאזיגע רעזולטאטען.
די ענטוויקעלטערע, די פארטגעשריטענערע קאמונעס וואלטען
אויפ'ן שטעל באלוינט געווארען פאר זייער פליים און אויסצייכנונג
(דורך די פארקירצונג פון ארבייטס־טאג אויף א געוויסע צייט, הע־
כערונג פון ווייזשעס, א. ד. גל.)

עס האט נאך קיינמאל ניט פאסירט אז די ארויסטרעטונג פון

א נייעם קלאַס אויף דער היסטאָרישער סצענע אלס א פיהרער פון דער געזעלשאפט, זאָל אראָפּגעהן אָהן א פעריאָדע פון קעמפּפע, פון איין זייט, און פון דער אנדער זייט אָהן א פעריאָדע פון פאלשע שריט, עקספּערימענטען און צו־ייפלען אין באַצוג צום אויסוואהל פון נייע מעטאָדען, וואָס זאָלען זיך פּאַסען צו די נייע אומשטענדען. ווען די בורזשואַזיע האָט גענומען קריגען די אויבערהאנד איבער פעאָדאַליזמוס (הערשאפט פון די פּריצים), האָבען די פריצים גע־נומען כּין איהר נקמה ניט נאָר דורך פאַרשווערונגען, אויפשטענדע און פאַרזוכע צוריקצוקריגען די פאַרלאָרענע מאכט, נאָר אויך דורך ה'זק מאַכעריי, דורך אָפּלאַכען פון דער אונפעהיגקייט, אומגעלומ־פערטקייט און גראָבע פעהלערען פון די „אויפגעקומענע עזות־פנים'ער", וועלכע האָבען די „העזה" צו זעצען זיך ביים מלוכה־רודער, כאָטש זיי האָבען ניט די נויטיגע פאָרבערייטונג און פעהיג־קייט, וואָס די פּרינצען, די באַראָנען, די אדעליגע, די אריסטאָקראַ־טיע באַזיצען, — א שטייגער ווי עס טוען יעצט די קאָרנילאָוו'ס מיט די קערענסקי'ס, די גאָץ'ס מיט די מארטאָוו'ס, וועלכע זייענ־דיג דורכגעדרונגען מיט בורזשואזען אונצוטרוי צום ארבייטער־קלאַס פון רוסלאַנד בלאָמירען איהם פאַר זיין „העזה'יגען" פאַרזוך צו פאַרכאַפּען די מאכט.

עס פאַרשטעהט זיך, אז פיעלע חדשים און יאָהרען מוז פאַר־לויפען, איידער דער נייער געזעלשאַפטליכער קלאַס, דער קלאַס וואָס איז ביז דאַן געוועזען אונטערדריקט און אונטערטעניג פון עלענד און אונוויסענהייט, ווערט צוגעוואוינט צו דער נייער לאַגע און איז אימשטאַנדע אלעס צו קאָנטראָלירען, צו רעגולירען און ארויסצו־ברייגען אייגענע אָרגאַניזאַטאָרס. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אז די פּאַרטיי, וואָס פיהרט דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאַט, האָט ניט געהאַט די געלעגענהייט צו קריגען די נויטיגע ערפאַה־רונג, ווי צו אָרגאַניזירען אונטערנעמונגען, אין וועלכע עס באַטיי־ליגען זיך צעהנדליגע מיליאָנען בירגער; אז אויף צו ענדערען די אַלטע געוואוינהייטען פאָדערט זיך גענוג צייט. אָבער עס איז

דאָך ניט אונמעגליך, דאָס מיר זאָלען וואָס גיכער קריגען די ער־פאהרונג און די נייע געוואוינהייטען, — אויב מיר פארשטעהן נאָר קלאָר די נויטוועגדיגקייט פון אן ענדערונג, א פעסטען באשלוס צו מאַכען איהר, און א שטארקען באגעהר צו באקעמפפען די שוועריג־קייטען. אין פאָלק, עס הייסט צווישען די ארבייטער און פויערים, קאָנט איהר געפינען זעהר פיעלע, וואָס באזיצען אָרגאניזאציאָנס־טאַלאנט. זיי זיינען ביז יעצט געוועזען אונטערדריקט, רואינירט און פארפאָלגט פון קאפיטאל; מיר ווייסען נאָך ניט ווי אויסצוגעפינען זיי, ווי צו ערמוטיגען, ווי צו העלפען זיי און צו מאַכען זיי פראָמי־נענט. אָבער מיר וועלען זיך אויסלערנען דאָס צו טאָן, אויב מיר וועלען זיך נאָר פאר דעם נעמען מיט רעוואָלוציאָנערען פלייס, אָהן וועלכען קיין רעוואָלוציאָן קאָן ניט האָבען קיין ערפאָלג.

עס איז ניט געוועזען קיין איין גרויסע פאָלקס באוועגונג אין דער היסטאָריע, וואָס האָט ניט באצאָהלט רבי געלד פאר ניט האָבען די נויטיגע ערפאהרונג: דאָ פלעגען אונערפאהרענע רעפאָרמערס באשווינדעלט ווערען פון שווינדלער, באריהמער; דאָרטען פלעגט פאָרקומען גאָר א ניט־נויטיגע מישעניגע; און אָט־אָ־דאָרטען פלעגט זיך אן אינדיווידועלער „פיהרער" נעהמען פאר 20 אויפ־גאבען אויף אמאָל און פלעגט זיך מיט קיין איין איינער ניט ספראווען.

און אויב מיר קאָנען ניט אויסמיידען קיין רבי געלד, זאָלען די וואָך־הינט פון דער בורזשואזער געזעלשאפט בילען ביי יעדען שפענדעל, וואָס געהט אין ניוועץ, ווען דער אַלטער וואלד ווערט אויסגעהאקט. מיר וועלען זיך געהן פאָרווערטס מיט אונזער וועג, סטארענדיג זיך צו געפינען און אויסצופראָבירען די נויטיגע אָרגאַ־ניזאטאָרס, די ריכטיגע מענשען מיט ניכטערע קעפּ און פראקטישען שכל, וועלכע באזיצען טרייהייט צו סאָציאליזמוס צוזאמען מיט פעהיגקייט הארמאָניש צו אָרגאניזירען די ארבייט פון פאָלק.

ב ל ו י ז אזעלכע לייטע וועלען שטענדיג אַליץ שטייגען, אַליץ אַרי־בערגעהן פון אַ קלענערע אַרבייט צו אַ גרעסערע און ערהויבען ווערען צו פּאַראַנטוואָרטליכע פּאָסטען צו קירעווען די טעטיגקייט פון פּאָלק.

מיר ווייסען נאָך ניט ווי דאָס צו טאָן. אָבער מיר וועלען זיך דאָס אויסלערנען.

## אַרבייטס-פעהיגע אָרגאַניזאַציאָנען און דיקטאַטור.

די רעזאָלוציאָן פון לעצטען (אין מאָסקווא) צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטען לויטעט, אַז די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון יעצטיגען מאָמענט איז די באַשאַפונג פון אַ פעסטע אָרגאַניזאַציאָן און די פארשטארקונג פון דיסציפּלין. דיזע רעזאָלוציאָן ווערט שוין אונטערשטיצט פון יעדען איינעם. אָבער אַז אויך דורכצופיהרען אַזאַ רעוואָלוציאָן פאָדערן זיך צוואַנג־מיטלען פון אַ דיקטאַטור, דאָס פארשטעהען נאָך ווייט ניט אַלע.

עס וואָלט געווען די גרעסטע דומהייט, דער גרעסטער אונזין צו דענקען, אַז דער איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזמוס צו סאָציאַליזמוס איז מעגליך אָהן צוואַנג־מיטלען און דיקטאַטור. די מאַרקסיסטישע טעאָריע האָט שוין לאַנג צוקלאַפּט דיזען בורזשואזיש־דעמאָקראַטישען און אַנאַרכיסטישען אונזין. און די רוסישע פּאַסירונגען פון 1917—1918 באַשטעטיגען אין דיזען זין די מאַרקסיסטישע טעאָריע אַזוי קלאָר, דייטליך און איבערציינגענד, אַז בלויז האָפנונגסלאָזע דומע, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבען ביי זיך אָפּגעמאַכט צו איגנאָרירען דעם אמת, קאָנען נאָך אַנדערש דענקען. איינס פון דיביידע: ענטוועדער אַ קארנילאָוו׳ס דיקטאַטור, אָדער אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, — קיין דריטער אויסוועג איז ניטאָ פאר אַ לאַנד, וואָס מאַכט דורך אַן אונגעוויינליך שנעלע ענטוויקלונג מיט אונגעוויינליך שווערע איבערגענגע, אַ לאַנד, וואָס ליידעט פון אַ שרעקליכער דעזאָרגאַניזאַציאָן, פאראורזאַכט פון אַ מאַוים׳דיגער מלחמה. אַלערליי מיטען־מיטלען ווערען פאָרגעלעגט — מיט׳ן צוועק אָפּצונאַרען דעם פאָלק — ענטוועדער פון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז ניט אימשטאַנדע צו זאָגען דעם אמת און אָפען צוצוגעבען, אַז זי דאַרף אַ קארנילאָוו׳ען, אָדער פון די קליין־בורזשואַזע דעמאָקראַטען, ווי די

טשערנאָװס, צערעטעלליס און מארטאָװס, װעלכע פלױדערן װעגען דער דיקטאַטור פון דער גאַנצער דעמאָקראַטיע, װעגען אַ פאַראײניג־טען דעמאָקראַטישען „פראָנט“, א. ד. גל. די יעניגע, װעלכע האָבען זאָגאַר פון די פאַקטען פון דער יעצטיגער רוסישער רעװאָלוציאָן ניט געלערנט, אַז אַ מיטען־װעג איז אונמעגליך, מוזען מיר אױפגעבען אלס האָפנונגסלאָז דומע.

עס איז ניט שװער צו פארשטעהן, אַז אין דער איבערגאַנגס־צייט פון קאַפּיטאַליזמוס צו סאָציאַליזמוס איז אַ דיקטאַטור נױטיג צוליעב צװײ הױפּט גרינדע. ערשטענס, איז פשוט אונמעגליך צו באַזיגען און צו פארניכטען קאַפּיטאַליזמוס אָהן אַ באַרמלאָזער אונטערדריקונג פון װידערשטאַנד פון די אױסבױטער, ביי װעלכע מען קאָן ניט אױף אַמאָל אװעקנעמען זײער פאַרמעגען, זײער קענט־ניס, זײער אָרגאַניזירטקייט, און װעלכע װעלען נאָך דאַריבער אַ לאַנגע צייט געװיס מאַכען פאַרזוכען אומצואװאַרפען די „פאַר־האַסטע“ מאַכט פון די אָרימע. צװייטענס, קאָן מען זיך ניט פאָר־שטעלען קיין גרױסע רעװאָלוציאָן (און איבערהױפּט אַ סאָציאַליס־טישע רעװאָלוציאָן), אפילו אין פאַל, װען קײן אױסערליכע מלחמה קומט ניט פאָר, — אָהן אַ אינערליכע מלחמה, אָהן אַ צושטאַנד פון אונזיכערהייט און אונאָרדנונג, אָהן טױזענדע און מיליאָנען פעלע, װאו מענשען שלאָגען זיך מיט דער דעה און װייסען ניט, צו װעמען צוצושטעהן, אָדער לױפען אריבער פון איין לאַגער אין אַ צװייטען. עס פארשטעהט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדען מוזען אַלע פאַרדאָרבענע עלעמענטען, װאָס זיינען פאַרבונדען הױפּט־זעכליך מיט דער קליין־בורזשואזיע װאָרים די קליין־בורזשואזיע איז די ערשטע כפרה־הינדעל פון יעדער מלחמה און פון יעדען קריזיס) װייזען, „װאָס זיי קאָנען“. און אַנדערש זיינען זיי **ניט איםשטאַנדע** צו װייזען, „װאָס זיי קאָנען“, װי דורך אַ גרױ־סע צאָל פאַרברעכענס, הוליגאַנסטװאָ, כאַבאַר, ספּעקולאַציאָן און עהנליכע שענדליכע זאכען. עס פאָדערט זיך דאַרום אַן **אײ־זערנע האַנד** צו באַזייטיגען זיי.

עס איז נאָך אין דער היסטאָריע ניט געווען קיין איין גרויסע רעוואָלוציאָן, וואו דאָס פאָלק האָט דאָס אינסטינקטיוו ניט גע־פיהלט, און ער האָט אימער ארויסגעוויזען די היילזאַמע ענטשלאָ־סענהייט צו ספראווען זיך מיט די גנבים אויפ׳ן סאַמע פלאַץ, וואו מען פאקט זיי. די צרה מיט די פריהערדיגע רעוואָלוציאָנען איז געווען, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער אייפער וואָס האָט געהאלטען די מאסען וואכזאם און האָט זיי געגעבען דעם כוח בארמלאָז צו אונטערדריקען די צופוילטע עלעמענטען, פלעגט ניט אָנהאלטען לאנג. און די אורזאכע פון אזא שוואכקייט פון רעוואָלוציאָנערען אייפער איז געווען די שוואכקייט פון פראָלעטאריאט, וועלכער איז דער **איינציגער** קלאס, וואָס איז פעהיג (אויב ער איז גענוג גרויס, באוואוסטזיניג און דיסציפלינירט) צוצוציהען די מערהייט פון די אויסגעבויטעטע, (עס הייסט, די מערהייט פון די אָרימע, אויב מיר ווילען געברויכען א פראָסטערען און פארשטענד־ליכען אויסדרוק) און איינצוהאלטען אין זיינע הענט די מאכט אויף א גענוג לאנגע צייט, ער זאָל קאָנען אונטערדריקען אי אלע אויס־בויטער, אי׳ אלע עלעמענטען פון צופוילטקייט.

דיזע היסטאָרישע ערפאהרונג פון אלע פריהערדיגע רעוואָלו־ציאָנען, דיעזען אלגעמיינעם היסטאָרישען, עקאָנאָמישען און פאָלי־טישען לעסאָן האָט מארקס אויסגעדריקט קורץ, שארף, פינקטליך און לעבעדיג אין די ווערטער: **דיקטאטור פון פראָ־לעטאריאט.** און אז די רוסישע רעוואָלוציאָן איז טאקע ריכ־טיג צוגעטראָטען צו אָט דיזער היסטאָרישער פראָבלעם (פון דיק־טאטור פון פראָלעטאריאט), איז דערוויזען פון מערקווירדיגען ער־פאָלג, וואָס די סאָוויעט־אָרגאניזאציאָן האָט געהאט ביי אלע פעל־קער און שפראכען פון רוסלאנד, ווארים וואָס איז די סאָוויעט־מאכט, אויב ניט אן אָרגאניזירטע פאָרמע פון פראָלעטאריאט׳ס דיקטאטור, פון דער דיקטאטור פון א פאָרטגעשריטענעם קלאס, וואָס ערהויבט זיך צו א נייער דעמאָקראטיע, און שטרעבט צו דעם, אז אין דער אדמיניסטראציאָן פון דער מלוכה זאָלען זיך אונאבהענגיג

באַטייליגען צענדליגע מיליאָנען אויסגעבויטעטע ארבייטער, וועלכע ענטדעקען דורך זייער ערפאַרונג, אַז דער דיסציפּלינירטער און קלאַסען־באַוואוסטער אוואַנגאַרד *) פון פּראָלעטאַריאַט איז זייער זיכערסטער פיהרער ?

אָבער „דיקטאַטור“ איז אַ הויכער וואָרט, אַ הויכען וואָרט טאָר מען ניט געברויכען אומזיסט. אַ דיקטאַטור הייסט אַן אייזערנע מאכט, אַ רעוואָלוציאָנערע מוטיגע, שנעלע, באַרמלאָזע ענטשלאָסענהייט צו אונטערדריקען אויסבויטער, אַזוי גוט ווי הוליגאַנעס. אונזער מאכט איז אָבער צו ווייך, זי איז אָפט עהנליכער צו איינגעמאַכץ, ווי צו אייזען. מיר טאָרען אויף אַ רגע ניט פאַרגעסען, אַז די בורזשואַזע און די קליין־בורזשואַזע אומגעבונג שטערט דער סאָוויעט־מאכט אין צוויי הינזיכטען : ערשטענס, דריקט זי אונז אויסערליך דורך די מעטאָדען פון די סאַווינקאָווס, די גאַצעס, די געגעטשקאָרים און די קאָרנילאָווס, דורך קאָנספּיראַציעס און בונטען, דורך שטראָמען ליגענס און העצעס אין דער פּרעסע פון די קאַדעטען, „רעכטע“ סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס ; צווייטענס, פאַראורזאַכט די דאָזיגע אומגעבונג אַ אינערליכען דרוק אין דעם זינען, וואָס יעדער עלעמענט פון פאַרדאַרבענהייט, יעדע שוואכקייט ווערט אויסגענוצט פאַר קאָרופּציאָן, פאַר די פאַרגרעסערונג פון מאַנגעל אין דיסציפּלין, פאַר די פאַרשפּרייטונג פון צולאָזענקייט, הפקר׳קייט און כאַאָס. און וואָס נעהנטער מיר קומען צו צו דער פאָלשטענדיגער אונטערדריקונג פון דער בורזשואַזיע, אַלץ געפערליכער ווערען פאַר אונז די בורזשואַזע, אַנאַרכיסטישע נייגונגען. דיזע נייגונגען קאָן מען אויסוואָרצלען ניט בלויז דורך פּראָפּאַגאַנדא און אַגיטאַציאָן, ניט נאָר דורך די אָרגאַניזירונג פון איבערשטייגענעס (יעדער זאָל שטרעבען צו איבערטרעפען דעם צווייטען אין ניצליכקייט) ניט בלויז דורך

*) פאָראויסגעהענדען, ענטוויקעלטערען טייל.

דעם אָדער יענעם אויסוואהל פון אָרגאַניזאַטאָרס, נאָר אויך דורך צוואנג־מיטלען.

אויף וויפיעל די סאָוויעט־רעגירונג ווערט אַלץ שטאַרקער, און אנשטאַט מיליטערישער אונטערדריקונג ווענדעט זי שוין אָן אדמי־ניסטראַטיווע מיטלען, וועלען זיך די צוואנג־מיטלען אויסדריקען ניט אזוי פיעל אין הינריכטונגען, ווי אין טרייעלס. ביי דיזער געלעגענהייט איז כדאי צו באַמערקען, אז די רעוואָלוציאָנערע מאַ־סען זיינען גלייך נאָך'ן 25טען אָקטאָבער, 1917, אַוועק מיט'ן ריכטיגען וועג און האָבען דערוויזען די לעבענס־קראַפט פון דער רעוואָלוציאָן מיט דעם, וואָס זיי האָבען אַליין, נאָך איידער די סאָוויעט־רעגירונג האָט וועגען דעם אַרויסגעגעבען א דעקרעט, גע־נומען אָרגאַניזירען „ארבייטער און פויערים טריבונאַלען", אָפּשאַ־פענדיג די בורזשואזיש־רעמאָקראַטישע יוסטיץ. אָבער אונזערע רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלען זיינען נאָך זעהר שוואַך. עס איז קענטיג, אז די מיינונג, וואָס דאָס פאָלק האָט גע'ירשן'ט פון רע־זשים פון די פּריצים און די קאַפּיטאַליסטען, דאָס די קאָורטס זיינען ניט זיינע, איז נאָך ניט אויסגעוואָרצעלט געוואָרען פון זיין באַ־וואוסטזיין. דאָס פאָלק באַגרייפט נאָך ניט גענוג, אז די קאָורטס זיינען א מיטעל צוצוציהען אַלע אָרימע צו אדמיניסטראַטיווע (פאַר־וואַלטונג, רעגירונג) ארבייט (וואָרים יוסטיץ־טעטיגקייט איז דאָך איינע פון די פליכטען פון מלוכה־אדמיניסטראַציאָן) ; אז זיי (די קאָורטס) זיינען שוין אָן אָ ר ג אַ ן פון דער הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט און פון אָרימערען פויערטום ; אז זיי זיינען א מ י ט ע ל צ ו ל ע ר נ ע ן ז י ך ד י ס צ י פּ ל י ן. מען פאַרשטעהט נאָך ניט דעם איינפאַכען און געוויינליכען פאַקט, דאָס אויב רוסלאַנד'ס הויפּט צרות זיינען הונגער און ארבייטסלאָזיגקייט, קאָן מען זיי דאָך באַזייטיגען ניט מיט ענטוזיאַסטישע אויסגע־שרייען, נאָר בלויז מיט א ריכטיגער און גרונטיגער אָרגאַניזאַציאָן און דיסציפּלין, וועלכע קאָנען פיהרען צו א גרעסערע פּראָדוקציאָן פון ברויט פאַר מענשען און פון שפּייז פאַר דער אינדוסטריע

—

(ברען־מאַטעריאַלען), אויף מיט דעם, אַז די ראָזינגע ברויט און שפּייז זאָלען באַצייטענס טראַנספּאָרטירט ווערען און ווי געהעריג איז פאַרטיילט ווערען. און דאַריבער פאַלט די פּ אַ ר אַ נ ט־ וו אָ ר ט ל י כ ק י י ט פאַר ליידען פון הונגער און פון אַרבייטס־לאָזיגקייט אויף י ע ד ע ן א י י נ צ י ג ע ן, וועלכער ברעכט די אַרבייט־דיסציפּלין אין אירגענד וועלכער אינדוסטריע אָדער אין אירגענד וועלכער אונטערנעמונג. און די יעניגע, וועלכע זיינען שולדיג אין אַזעלכע זאַכען, מוזען באַרמלאָז באַשטראָפט ווערען. דער איינפלוס פון דער בורזשואַזער אומגעבונג, וועלכען מיר מוזען יעצט אונאויפהערליך באַקעמפּפען, לאָזט זיך הויפּטזעכליך פיהלען אין דעם, וואָס דער עולם זעהט נאָך ניט דעם צוזאַמענהאַנג צווישען הונגער און אַרבייטסלאָזיגקייט, פון איין זייט, און די הפקר׳קייט אין באַצוג צו אָרגאַניזאַציאָן און דיסציפּלין, פון דער צווייטער זייט; אויף אין דעם, וואָס עס איז נאָך שטאַרק איינגעפונדעוועט דעם קליין־אייגענטימערס כלל: „מיר אַארט קיין זאַך ניט, אַבי איך זאָל עפּעס געניסען".

דער קאַמפּף פון דער בורזשואַזער אומגעבונג מיט דער פּראָ־לעטאַרישער שטרעבונג צו אָרגאַניזאַציאָן טרעט בולט אַרויס הויפּט־זעכליך אין דער אייזענבאַהן־אינדוסטריע. די פאַרשידענע קלויקס און אָנגעשטעלטע אין די אָפּיסעס זיינען מייסטענס אַ עלעמענט פון סאַבאָטאַזשניקעס און כאַבאַרניקעס ; דער פּראָלעטאַרישער עלע־מענט, ווידער, קעמפּפט פאַר דיסציפּלין. צווישען דיזע צוויי עלע־מענטען איז דאָ נאָך אַ עלעמענט, וואָס וואַקעלט זיך, פיהרט זיך ניט אויף אויף אַ באַשטימטען אופן, איז „שוואַך" און אונפעהיג. בייצושטעהן דעם „נסיון" צו ספּעקולירען, צו נעמען כאַבאַר, אויס־צונוצען די לאַגע פאַר פּערזענליכע אינטערעסען שעדיגענדיג דער־ביי דעם גאַנצען אַפּאַראַט, וועלכער איז אַזוי נויטיג אויף צו באַ־קעמפּפען הונגער און אַרבייטסלאָזיגקייט.

אַ כאַראַקטעריסטישער קאַמפּף איז אין דיזען הינזיכט פאָרגע־קומען צוליעב דעם לעצטען דעקרעט וועגען דער פאַרוואַלטונג איבער

די אייזענבאהנען. מיר מיינען דאָ דעם דעקרעט, וועלכער גיט דיק־טאַטאָרישע (אונבאשרענקטע) מאכט צו איינצעלנע דירעקטאָרען. די באוואוסטזיניגע פאָרשטעהער פון דער קליין־בורזשואזער צו־קראָכענקייט האָבען גע'טענה'ט, אז דאָס, וואָס געוויסע פערזאָנען באקומען א „אונבאשרענקטע" מאכט, איז אין ווידערשפרוך מיט'ן פרינציפּ פון קאָללעג׳אַלער אדמיניסטראציאָן *), פון דעמאָקראַ־טיזמוס און פון אנדערע פרינציפּען פון דער סאָוויעט־רעגירונג. מאנכע פון די „לינקע" סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען אָנ־געפיהרט א ריין־דעמאגאָגישע אגיטאציאָן געגען דעם אויבענדער־מאָנטען דעקרעט, און דערביי האָבען זיי אפּעלירט צו די נידריגע אינסטינקטען פון די מאסען און צו דער קליין־בורזשואזער יאָגעניש נאָך פערזענליכע נוצען.

אָט דער קאמפּף וועגען דעקרעט האָט ארויסגעבראכט א פראגע פון זעהר גרויסער וויכטיגקייט, — ריכטיגער געזאָגט, צוויי פראַ־גען. ערשטענס, איז אין איהם פארוויקעלט א ריין פּרינציפּיעלע פראגע, די פראגע צו אונבאשרענקטע מאכט פון איינצעלנע פער־זאָנען איז אין איינקלאנג מיט די גרונד פּרינציפּען פון א סאָציאַליס־טישער רעגירונג. צווייטענס, איז ארויסגערוקט געוואָרען די פּראַ־גע : אין וואָס פאר א שייכות געפינט זיך דיזער פאַל, דער פאַל מיט דער דיקטאטור אויף די אייזענבאהנען, צו די ספּעציעלע אויפ־גאבען פון דער סאָוויעט־רעגירונג אין יעצטיגען מאָמענט ? מיט אנדערע ווערטער : צו איז פאר די פארשטארקונג פון ארבייטס־דיסציפּלין, ארויסרופונג פון א שטרעבונג צו איבערשטייגענים, פאָר־גרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון ארבייט און אנדערע עהנ־ליכע אויפגאבען פון יעצטיגען מאָמענט טאקע וויכטיג, דאָס א

*) עס הייסט, אן אדמיניסטראציאן, וואו די געשעפטען ווערען פארוואלטעט ניט פון איינצעלנע, נאָר פון א קאָלעגיום, פון א קערפּער־שאַפט, א קאָמיטע.

פאַרוואַלטער זאָל קריגען א זעהר ברייטע, א „אונבאַשרענקטע“, א דיקטאַטאָרשע מאַכט ?

ביידע פראַגען פאַרדינען א ערנסטע אָפּהאַנדלונג.

אַלזאָ, איז טאַקע אינדיווידועלע דיקטאַטור אין ווידערשפּרוך מיט די פּרינציפּען פון א סאָוויעט־רעגירונג (סאָציאַליסטישע רעגירונג)?

עס הויבט זיך גאָר ניט אָן.

אין דער היסטאָריע פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען געפינען מיר פיעלע ביישפּיעלע, וואו די דיקטאַטאָרשע מאַכט פון געוויסע פּערזאָנען איז געווען ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי א מיטעל צו באַפעסטיגען די דיקטאַטור פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסען. מיט די פּרינציפּען פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע איז א דיקטאַטאָרשע מאַכט געווים ניט אין ווידערשפּרוך. נאָר ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דער סאָוויעט־רעגירונג מאַכען די בורזשואַזע קריטיקער געוואַלדען, אַז זי פאַרשוועכט די פּרינציפּען פון דעמאָקראַטיע. א מאָדנער פאָלק וואָס די דאָזיגע בורזשואַזע קריטיקער זיינען ! ווי זיי ווילען, אַזוי דרעהן זיי : פון איין זייט שרייען זיי, אַז די סאָוויעט־רעגירונג איז פּשוט א אונזין, א אונגאָרמאַלע ערשיינונג, א שטיק אַנאַרכיזמוס. און דערביי מאַכען זיי אַרונטער מיט דער האַנד אַלע אונזערע היסטאָרישע ביישפּיעלע און לאָגישע באַווייזע, אַז די סאָוויעטען זיינען ניט קיין אונזין, נאָר די העכסטע פאָרמע פון דעמאָקראַטיע, — גענויער גערעדט, דער אנפאַנג פון דער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר פאָרמע פון דעמאָקראַטיע. דאַכט זיך, אויב א סאָוויעט־רעגירונג איז א אונזין, דאַרף מען דאָך פון איהר גאָר נישט פאַרלאַנגען. קומען אָבער די זעלבע בורזשואַזע קריטיקער, פון דער אנדער זייט, און פאָדערען פון אונז מעהר, ווי פון א בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. זיי טענה'ן שוין : מיט אייערע באָלשעוויסטישע (עס הייסט סאָציאַליסטישע, נים בורזשואַזע) דעמאָקראַטישע פּרינציפּען, מיט די דעמאָקראַטישע פּרינציפּען פון די סאָוויעטען איז אַן אינדיווידועלע דיקטאַטור ניט קיין פּאַאַר קליידער...

היינט דערגעה ביי די בורזשואזע קריטיקער א טאָלק, ווער און וואָס מיר זיינען !

די אַרגומענטען פון די דאָזיגע קריטיקער זיינען איבערהויפּט זעהר שוואכע. אויב מיר זיינען גאָר ניט קיין אנארכיסטען, מוזען מיר דאָך אנערקענען די נויטווענדיגקייט פון א שטאאט, עס הייסט, די נויטווענדיגקייט פון צוואנג־מיטלען פאר'ן איבער־גאנג פון קאפּיטאליזמוס צו סאָציאליזמוס. וואָס פאר א צוואנג־מיטלען, — דאָס ווענדעט זיך שוין אָן דער ענטוויקלונגס־שטופע פון רעוואָלוציאָנערען קלאַס, אזוי גוט ווי אן אזעלכע ספּעציעלע אומשטענדען, ווי די ירושה פון דער לאנגער מלחמה, די פאָרמען פון ווידערשטאנד, וואָס די בורזשואזיע איז אימשטאנדע ארויסצו־ווייזען, א. ז. וו. עס איז גאָר ניטאָ קיין שום ווידערשפּרוך צווי־שען סאָוויעט־דעמאָקראַטיזמוס און דיקטאטור פון איינצעלנע. דער אונטערשיעד צווישען א פּראָלעטארישער דיקטאטור און א בורזשוא־זער איז דער, וואָס די פּראָלעטארישע דיקטאטור ריכטעט איהרע אטאקעס אויף די אויסבויטענדע מינאָריטעט צו גונסטען פון די אויסגעבויטעטע מאַיאָריטעט, און וואָס זי ווערט פארווירקליכט (דורך איינצעלנע אויך) ניט נאָר פון די מאסען פון די אויסגעבוי־טעמע ארבייטער, נאָר אויך פון אָרגאניזאציאָנען, וועלכע זיינען אזוי געבויט, דאָס זיי זיינען אימשטאנדע צו ערהויבען די מאסען צו שאפענדע ארבייט (די סאָוויעטען באלאנגען צו דיזען סאָרט אָר־גאניזאציאָנען).

די צווייטע פראגע איז א פּראקטישע : וואָס פאר באדייטונג קאָן אן אינדיווידועלע דיקטאטור האָבען פאר די אויפגאבען פון יעצטיגען מאָמענט ? קאָן אזאָ דיקטאטור לייכטער מאכען אזעל־כע אויפגאבען, ווי די פארשטארקונג פון אויבייטער־דיסציפּלין, פארגרעסערונג פון ארבייטס־פּראָדוקטיוויטעט, א. ד. גל. ?

אויף דעם מוזען מיר ענטפערן, אז יעדע גרויסע אינדוסטריע, וועלכע איז, אגב אורחא. דער מאטעריעלער באָדען פאר סאָציא־ליזמוס, פאָדערט א פאָלשטענדיג־שטרענגען, איינהייטליכען ווילען,

וואָס זאָל קירעווען די געמיינשאַפטליכע ארבייט פון די הונדערטע, טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע מענשען, וואָס ארבייטען אין איהר. דאָס איז נויטיג פון וועלכען שטאַנדפונקט איהר זאָלט עס ניט באטראַכטען, — צו פון טעכנישען, צו פון עקאָנאָמישען, אָדער גאָר פון היסטאָרישען. אזא איינהייטליכער ווילען איז אימער אנערקענט געוואָרען אלס א נויטיגע באדינגונג פאר סאָציאַליזמוס — אנערקענט געוואָרען פון אלע די יענינגע, וועלכע האָבען זיך נאָר ווען עס איז ערנסט פארטראכט איבער סאָציאַליזמוס.

ווי אזוי זאָלען מיר איינפיהרען א שטרענגען איינהייטליכען ווילען ? דורך דעם, וואָס די טויזענדע זאָלען זיך פרייוויליג אונטערוואַרפען אונטער'ן ווילען פון וועג־ווייזער, פון אָנפיהרער פון דער ארבייט. דיזע אונטערווארפונג קאָן פאָרקומען אין פארשידענע פאָרמען. אויב די יעניגע, וואָס באטייליגען זיך אין דער געמיינשאפטליכער ארבייט, זיינען אידעאַליסטיש, באוואוסטזיניג און דיסציפלינירט, קאָן זייער אונטערוואַרפען זיך, זייער געהאָרכזאמקייט פארגליכען ווערען צו דער געהאָרכזאמקייט פון אָרקעסטער, וואָס פאָלגט דעם דיריזשאָר (ליעדער) ; אויב זשע ניט, אויב ביי די, וואָס זיינען באשעפטיגט ביי דער געמיינשאפטליכער ארבייט, פעהלט אידעאַלע דיסציפלין און באוואוסטזיניגקייט, מוז שוין די געהאָרכזאמקייט זיין א געצוואונגענע. יעדענפאלס, ווי די מעשה זאָל ניט זיין, איז פאָלשטענדיגע געהאָרכזאמקייט צו אָן איינציגען ווילען אונבאדינגט נויטיג פאר'ן ערפאָלג פון דער ארבייט, וואָס איז אָרגאניזירט אויפ'ן מאסשטאב פון א גרויסע מאשין־אינדוסטריע. איבערהויפט איז דאָס וויכטיג פאר דער ארבייט אויף אייזענבאהנען.

א כאראקטעריסטישער שטריך פון דער יעצטיגער פעריאָדע איז דער איבערגאנג פון איין פאָליטישער אויפגאבע צו א צווייטער, וואָס האָט, דאכט זיך, קיין שום עהנליכקייט ניט צו איהר. אָט, צום ביישפיעל, די רעוואָלוציאָן האָט אָקאָרשט צובראָכען די עלטסטע, די שטאַרקסטע און די שווערסטע קייטען, אין וועלכע

די מאַסען זיינען געשמידט. דאָס איז געווען נעכטען. נעכטען, הייסט עס, איז אונזער אויפגאַבע געווען פרייהייט, פרייהייט פון אַנטערוואָרפען זיך, פון געהאָרכזאַמקייט. און היינט פאָדערט שוין דיזעלבע רעוואָלוציאָן — און דוקא פאַר די אינטערעסען פון סאָציאַליזמוס — דאָס די מאַסען זאָלען ארויסווייזען געהאָרכזאַמקייט, פאָלגען דעם איינציגען ווילען פון די יעניגע, וועלכע קירעווען דעם גאַנג פון ארבייט.

עס פאַרשטעהט זיך, דאָס אזא איבערגאַנג פון איין פּאָליטישער אויפגאַבע צו אַ צווייטער, וועלכע זעהט אויס ווי אַ ווידערשפּרוך צו איהר, קאָן ניט פאָרקומען מיט אַמאָל. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ער קאָן פארווירקליכט ווערען נאָר נאָך גרויסע קריזיסען און קעמפּפע, נאָך אַ שטאַרקער אָנשטרענגונג פון ענערגיע. די מאַסע קאָן ניט באַגרייפען שנעל, אַז די געהאָרכזאַמקייט, וואָס די רעוואָלוציאָן פאָדערט פון איהר, איז ניט די זעלבע, פון וועלכער די רעוואָלוציאָן האָט איהר באַפרייט. דאַן, בעפאָר דער רעוואָלוציאָן, איז די געהאָרכזאַמקייט, וואָס מען האָט פון איהר געפאָדערט, געווען נויטיג פאַר איהרע אויסבויטער און אונטערדריקער. יעצט פאָדערט מען פון איהר געהאָרכזאַמקייט צו זיך זעלבסט, געהאָרכזאַמקייט פאַר איהרע אייגענע אינטערעסען — געהאָרכזאַמקייט, וועלכע זאָל געבען דער סאָציאַליסטישער פיהרונג פון דער אינדוסטריע אַ מעגליכקייט צו זיעגען. אָבער עס פאָדערט זיך צייט, איידער די מאַסע וועט דאָס פאַרשטעהן. און די געוויגשטע געהאָרכזאַמקייט וועט קאָנען איינגעפיהרט ווערען בלויז נאָך קריזיסען, אונרוהען, א. ז. וו. זי וועט איינגעפיהרט ווערען בלויז דורך די גרויסע אנשטרענגונג פון פראָלעטאַריאַט'ס אוואַנגאַרד, וועלכער פיהרט דאָס פאָלק צו דער נייער אָרדנונג.

באַטראַכט די פּסיכאָלאָגיע פון דורכשניטליכען, געוויינליכען טיפּ פון אַ מענשען פון דער אַרבייטענדער און אויסגעבויטעטער מאַסע אין דער ליכט פון די ווירקליכע, מאַטעריעלע באַדינגונגען פון זיין געזעלשאַפטליכען לעבען. בעפאָר דער אָקטאָבער רעוואָלוציאָן

האָט ער קײנמאָל ניט געזעהן, דאָס די קלאַסען־אויסבויטער זאָלען אָפּפערען פאר איהם עטוואס, וואס האָט אַ שטיקעל ווערדע פאר זיי. זיי האָבען זיך ניט געאײלט צו געבען ערד, וואָס זיי האָבען פארשפּראָכען, אָדער פרײהײט און פריעדען; זיי האָבען ניט גע־וואָלט אויפגעבען די פּלענער וועגען אַ „גרעסערער רוסלאנד“ און די געהײמע אָפּמאכען, וואָס האָבען באַצוועקט אַ „גרעסערע רוס־לאנד“; און זיי האָבען בשום אופן ניט געוואָלט אָפּפערען וואָס עס איז פון זײערע קאפּיטאלען און פּראָפיטען. ערשט נאָך'ן 25טען אָקטאָבער, 1917, האָט ער דאָס געזעהן, — אי דאָס, ווען ער האָט דאָס אַלעס אליין, מיט געוואלד גענומען, ווען ער האָט דאָס מיט געוואלד געפאָדערט געגען די קערענסקי'ס, די גאָץ'עס, די גענעטשקארי'ס, די רוטאָוו'ס און די קאָרנילאָוו'ס. עס איז נאטירליך, וואָס אַ געוויסע צײט איז זײן גאנצע אויפמערקזאמ־קײט און ענערגיע געווענדעט אין אײן ריכטונג — פרײער אויפצו־אָטעמען, אויסצוגלײכען זיך, אויסצושפּרײטען זיך, צו געניסען פון די גוטע זאכען פון לעבען, וועלכע ער קאָן נאָר „אָפּאָרדען“, און וועלכע די אומגעוואָרפענע אויסבויטער האָבען איהם פריהער ניט געלאָזט נעמען. און עס איז אויך נאטירליך, וואָס עס מוז נעמען צײט, אײדער דער דורכשניטליכער פאָרשטעהער פון די מאסען וועט ניט נאָר אײנזעהן און זיך איבערצײגען, נאָר וועט אויך פיה־לען, אז ער דארף ניט פּראָסט „כאפּען“, ארײנכאפּען, ארויסרײ־סען, — ער וועט פיהלען און פארשטעהן, אז דאָס פיהרט צו אַ גרעסערע דיסאָרגאניזאציאָן, צו אַן אונטערגאנג — צו דער צוריק־קערונג פון די קאָרנילאָוו'ס.

אַן ענטשפּרעכענדע געווינשטע ענדערונג אין אומגעבונג (און, דאריבער, אויך אין דער פּסיכאָלאָגיע) פון די רײהען פון די אר־בײטענדע מאסען הויבט זיך נאָך ערשט אָן. און מיר, די קאָמו־ניסטישע פארטײ (די באָלשעוויקעס), וואָס פארטרעטען די שטרע־בונג פון די אויסגעבויטעטע מאסען צו ערלײזונג, דארפען גרינדליך באגרײפען דיזע ענדערונג און איהר נויטווענדיגקײט, מוזען זײן אין

די פארערשטע רייהען פון די מיעדע מאסען, וועלכע זוכען אן אויסוועג, און פיהרען זיי מיט'ן ריכטיגען וועג — מיט'ן וועג פון ארבייטער־דיסציפלין. מיר מוזען הארמאניש צונויפפאסען די מעטאדע פון „מיטינג־אפהאלטעניש" (אויף צו באשפרעכען די ארבייטס־באדינגונגען) מיט דער אגיטאציאן פון פאלשטענדיגער געהארכזאמקייט, אין פארלויף פון דער ארבייט, צום ווילען פון סאוויעט־דירעקטאר, אדער דיקטאטאר.

די בורזשואזיע, די מענשעוויקעס, א. ד. גל. מאכען חוזק פון אונזער „מיטינג־אפהאלטעניש", און אפט שימפפען זיי זאגאר אונז און באשולדיגען אונז, אז מיר צולאזען די ארבייטער און הערפען פארשפרייטען כאאס. אבער מיר עסען זיך ניט אפ די הארץ פון זייער שימפפעריי. מיר ווייסען, אז אהן מאס־מיטינגען, וואס מיר ארגאנזשירען, וועלען די אונטערדריקטע מאסען קיינמאל ניט אריבערגעהן פון דער בלינדער דיסציפלין, וואס ווערט אויף זיי ארויפגעצוואונגען פון די אויסבויטער פון דרויסען, צו דער פרייוויליגער און באוואוסטזיניגער דיסציפלין.

די „פארזאמלונג־אפהאלטעניש" איז דער ריכטיגער דעמאקראטיזם פון די ארבייטער, זייער ערוואכונג צו א נייעם לעבען, זייער ערשטער טריט אויפ'ן פעלד, וועלכע זיי האבען אליין אויסגערייניגט פון רעפטילען (קריכעדיגע ברואים, ווי אויסבויטער, אימפעריאליסטען, גוטסבאזיצער, קאפיטאליסטען), און וועלכען זיי ווילען זיך אויסלערנען אליין צו ברייגען אין ארדנונג, אויף זייער אייגענעם שטייגער, פאר זיך זעלבסט, אין איינקלאנג מיט די פרינציפען ניט פון דער רעגירונג, אדעל און דער בורזשואזיע, נאר פון זייער סאוויעט־רעגירונג.

עס איז נויטיג געווען דוקא דער אקטאבער־זיעג פון די ארבייטער איבער די אויסבויטער; עס איז נויטיג געווען א גאנצע היסטארישע פעריאדע פאר די ארבייטענדע צו דיסקוטירען די נייע לעבענס־באדינגונגען און די נייע אויפגאבען, — אום עס זאל ווערען מעגליך א זיכערער איבערגאנג צו העכערע פארמען פון ארבייטס־

דיסציפּלין, צו די באוואוסטזיניגע פּאַרדייהונג פון גערענק וועגן דער נויטוועגדיגקייט פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, צו א פאלשטענדיגער אונטערוואַרפונג ביי דער אַרבייט צו אָרדערס, וואָס פּאַרשטעהער פון דער סאָוויעט־רעגירונג גיבען אַרויס.

דיזע פּעריאָדע האָט זיך יעצט אָנגעפאַנגען.

מיר האָבען ערפאָלגרייך געלעזט די ערשטע פּראָבלעם פון דער רעוואָלוציאָן. מיר האָבען געזעהן, ווי די אַרבייטענדע מאַסען האָבען אַליין אויסגעבילדעט אין זיך די גרונד־באַדינגונגען פאַר אַ ערפאָלגרייכער לעזונג פון דעם פּראָבלעם; נעמליך, אַ פּאַראייניגטע געמיינשאַפטליכע אַנשטרענגונג געגען די אויסבויטער אום זיי אומצואוואַרפען. אָקטאָבער פון 1905, פעברואַר און אָקטאָבער פון 1917 זיינען אין דיזער הינזיכט שטופען, וואָס האָבען אַן אַל־וועלטליכע היסטאָרישע באַדייטונג.

אויך האָבען מיר ערפאָלגרייך געלייזט די צווייטע פּראָבלעם פון דער רעוואָלוציאָן אויפצואוועקען און צו ערהויבען די ערנידריגסטע געזעלשאַפטליכע קלאַסען, וועלכע זיינען געוועזען אונטערדריקט פון די אויסבוי־טער און וועלכע האָבען ערשט נאָך'ן 25טען אָקטאָבער, 1917, באַקומען די פּרייהייט אומצואוואַרפען זיי, אומצוקוקען זיך אַרום זיך און צו רעגולירען זייער לעבען אויפ'ן אייגענעם שטייגער. די „מיטינג־אָפּהאַלטעניש" פון אָט די אונטערדריקטסטע און ערנידריגסטע, פון די ווייניג־ערצויגענע אַרבייטער־מאַסען, זייער אָנשליסען זיך אָן די באָלשעוויקעס, דאָס, וואָס זיי פאַרשפּרייטען איבעראַל די סאָוויעט־אָרגאַניזאַציאָן, — דאָס איז די צווייטע שטופע פון דער רעוואָלוציאָן.

מיר זיינען יעצט אין דער דריטער שטופע. מיר מוזען זעהן, דאָס אונזערע געווינסען, אונזערע דעקרעטען, אונזערע געזעצע, אונזערע פּלענער זאָלען האָבען אַ קיום, זאָלען ווערען גאַראַנטירט פון געזעצע, פון פעסטע פאָרמען פון טעגליכער דיסציפּלין. דאָס איז די שווערסטע פּראָבלעם, אָבער צו דער זעלבער צייט איז דאָס אויך די פּראָבלעם, וואָס פאַרשפּרעכט צו ברענגען די בעסטע

רעזולטאטען. ווארים בלויז איהר לעזונג וועט אונז געבען סאָ־ציאַליזמוס.

מיר מוזען זיך אויסלערנען צו פאראייניגען רעכט מיט פליכט, רעה־זאָגען מיט געהאָרכזאמקייט, דעמאָקראטיזמוס מיט דיסציפלין, מאכט מיט אונטערוואָרפונג צו יענעמס ווילען, ווען דאָס איז נוי־טיג; מיר מוזען זיך אויסלערנען צו פאראייניגען דעם שטורעמ־דיגען דעמאָקראטיזמוס, פול מיט ענערגיע, וואָס פליסט אויף די מיטינגען פון ארבייטער, מיט דער ענערגיע, וואָס וויל ניט וויסען פון קיינע שטערונגען, — דיזען דעמאָקראטיזמוס, זאָגען מיר, דאר־פען מיר זיך אויסלערנען צו פארבינדען מיט א י י ז ע ר נ ע ר ד י ס צ י פ ל י ן א י ן ד ע ר צ י י ט פ ו ן ד ע ר א ר ב י י ט, מ י ט א ב ס אָ ל ו ט ע ר ג ע ה אָ ר כ־ז א מ ק י י ט צום ווילען פון דער פערזאָן, וואָס פארטרעט בשעת דער ארבייט די סאָוויעטען־דיקטאטור.

מיר האָבען זיך דאָס נאָך ניט אויסגעלערנט. אָבער מיר מו־זען זיך און מיר וועלען זיך דאָס אויסלערנען.

נעכטען האָט אונז פון די קאָרנילאָווס, די גאָצעס, די דו־טאָווס, די געגעטשקארס און די באגאיעווסקים געדראָהט א גע־פאהר, דאָס די בורזשואזע אויסבויטונג זאָל זיך צוריקקעהרען. מיר האָבען צושמעטערט די מאכט פון די דאָזיגע לייטע. אָבער די געפאהר פון צוריקקעהרונג פון דער אויסבויטונג דראָהט אונז אויך היינט פון אנאנדער זייט — דער קליין־בורזשואזער הפקר'קייט און אנארכיזם. זי שטעהט פאר אונז אין דער פאָרמע פון געוויינ־ליכע, קליינע אָבער צאָלרייכע אטאקעס און אנגריפע אויף די פראָ־לעטארישע דיסציפלין.

די געפאהר פון דער קליין־בורזשואזער אנארכיע מוזען מיר נאָך באַזיגען.

# די ענטוויקלונג פון סאָוויעט-אָרגאַניזאַציאָנען.

דער סאָציאַליסטישער כאַראַקטער פון דער סאָוויעט־דעמאָקראַטיע — וועלכע איז לכל הדעות דאָס זעלבע, וואָס פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע, — באַשטעהט, ערשטענס, אין דעם, וואָס די ערוויילער, די יעניגע, וועלכע קלייבען אויס די דעלעגאַטען צו די סאָוויעטען, די ריכטיגע דעה־זאָגער, זיינען דורכאויס אַרבייטענדע, אויסגעבויטעטע מאַסען — דאָס הייסט, די בורזשואַזיע איז אויסגעשלאָסען. צווייטענס, באַשטעהט דער סאָציאַליסטישער כאַראַקטער פון דער סאָוויעט־דעמאָקראַטיע אין דעם, וואָס אונטער איהר עקזיסטירען שוין ניט קיינע פון די וואהל־חומרות, וועלכע ביוראָקראַטען*) פיהרען געוויינליך איין: אַלע באַשרענקונגען פון וואהל־רעכטע זיינען באַזייטיגט, און די מאַסען זעלבסט, מיט אַ פאָלקאָמענער פרייהייט, באַשטימען, ווען און ווי אזוי די וואהלען זאָלען שטאַטפינדען.

דריטענס, דריקט זיך דער סאָציאַליסטישער כאַראַקטער פון דער סאָוויעט־רעגירונג אויס אין דעם, וואָס עס ווערט אונטער איהר באַשאַפען די בעסטע מאַסען־אָרגאַניזאַציאָן פון אוואַנגאַרד פון די אַרבייטער, פון גרויס־אינדוסטריעלען פּראָלעטאַריאַט, — אַן אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע גיט איהם (דעם אוואַנגאַרד) די מעגליכקייט צו קירעווען די אויסגעבויטעטע מאַסען, אַריינצוציהען זיי אין סאַמע פּאָליטישען לעבען, צוצוציהען זיי צו אַ טיכטיגען אנטייל אין איהם, אום זיי זאָלען זיך קאָנען גוט ערציהען פּאָליטיש דורך

*) טרוקענע, ניט־דענקענדע טשינאָווניקעס, וואס רעכענען זיך ניט מיט'ן לעבען, נאָר מיט'ן ווילען פון זייערע עלטסטע, אזוי גוט ווי מיט די רולס, דינים און פאָרמאַליטעטען.

ווייער אייגענע ערפאהרונג. אויף אזא אופן ווערט צום ערשטען מאָל געמאכט א התחלה פון דעם, אז די ג א נ צ ע באַפעל־קערונג זאָל זיך אויסלערנען, ווי צו פארוואלטען, ווי אַנצופאנגען צו פארוואלטען (די מלוכה ענינים).

דאָס זיינען די וויכטיגסטע בולט'ע שטריכען פון דעם דעמאָ־קראטיזמוס, וועלכער ווערט יעצט אויסגעפּרובירט אין רוסלאנד, און וועלכער איז א העכערער ט י פּ פון דעמאָקראטיזמוס, א דע־מאָקראטיזמוס וואָס האָט קיין שום עהנליכקייט ניט צו דעם וואָס די בורזשואזיע שילדערט אזוי פאלש ; דאָס איז א דעמאָקרא־טיזמוס, וועלכער איז אַן איבערגאַנג צום סאָציאַליסטישען דעמאָ־קראטיזמוס און צו אומשטענדען וואָס וועלען ווירקען, אז דער יעצטיגער שטאאט זאָל שוין אָנפאנגען אָפּצושטארבען.

עס פארשטעהט זיך, אז די סטיכישע *) קליינבירגערליכע דעזאָרגאניזאציאָן (וועלכע לאָזט זיך אין א וועלכער עס איז פאָרמע פיהלען אין יעדער פּראָלעטארישער רעוואָלוציאָן און וועלכע לאָזט זיך אין אונזער רעוואָלוציאָן פיהלען ספּעציעל שטארק צוליעב דעם קליינבירגערליכען כאראקטער פון רוסלאנד, צוליעב איהר הינטער־שטעלינקייט און צוליעב דער שווערער מלחמה) האָט ניט אנדערש ווי געמוזט ארויפלעגען איהר שטעמפּעל אויף די סאָוויעטען. און מיר מוזען דארום אונאויפהערליך ארבייטען אויף די ענטוויקלונג פון דער אָרגאניזאציאָן פון די סאָוויעטען און פון דער סאָוויעט־רעגי־רונג (אום אָפּצואווישען דעם קליינבירגערליכען שטעמפּעל).

עס באַמערקט זיך א קליין־בירגערליכע טענדענץ (ניינונג) צו פארוואנדלען די סאָוויעט־דעפּוטאטען ענטוועדער אין „פּארלאמענ־טאריער" (שלוחים, עס הייסט, אזעלכע, וועלכע טוען נאָר, וואָס מען הייסט זיי), אָדער אין ביוראָקראטען. דיזע טענדענץ מוז און וועט אויסגעוואָרצעלט ווערען דורך דעם, וואָס מיר וועלען צוציהען

*) נאַטירליכע, וואס ווירקט ווי א נאַטור־קראפט.

אַ ל ע  מיטגלידער פון די סאָוויעטען צו אַ פּראקטישען אנטייל אין דער פארוואלטונג פון רעגירונגס־אנגעלעגענהייטען.

די דעפּארטמענטס פון די סאָוויעטען, (וועלכע דארפען זיין א מין פארלאמענטען, א מין געזעצגעבענדע קערפּערשאפטען), פארוואנדלען זיך גאָר אין מאנכע פלעצער אין קערפּערשאפטען, וואָס ווערען ביסלעכווייז עהנליך צו קאָמיסאריאטען (אָפּיסעס פון בעאמטע, וועלכע פארוואלטען דעם אָדער יענעם צווייג פון דער מלוכה־ווירטשאפט, אָדער וועלכע ערפילען דעם אָדער יענעם זאָרט מלוכה־ארבייט).

(דאָס הייסט, אַז די אָפּטיילונגען פון די סאָוויעטען פארלירען ביסלעכווייז, אונטער דעם איינפלוס פון דער אויבענדערמאָנטער קליינבירגערליכער דעזאָרגאניזאציאָן, דעם כאראקטער פון א לעבעדיגען קוואל פון שאפונגס־ארבייט. זיי פארוואנדלען זיך אנשטאט דעם אין פארוואלטונגס־אנשטאלטען, וואָס דארפען נאָר טאָן וואָס מען הווסט זיי, לויט דעם דין, לויט געוויסע רולס. אין אנשטאט אַלע זאָלען זיין אנוועזענד, אַלע זאָלען זיך באטייליגען אין די פארהאנדלונגען, פארלירען מייסטע דעם אינטערעס, און בלויז ווייניגע טוען די ארבייט. דער סאָוויעט־דעפּארטמענט זעהט דארום אויס יט ווי א פארלאמענט, נאָר ווי א ביוראָ, אַן אָפּיס).

אונזער צוועק איז (דארום) צוצוציהען   י ע ד ע ן   איינצעלנעם פון די אָרימע קלאסען צו ווירקליכער באטייליגונג אין פארוואלטונג. און די פארשידענע שריטע, וואָס פיהרען צו דעם, מוזען ווערען פאָרזיכטיג, גענוי, אויספירליך רעדזשיסטרירט, אויסגעפאָרשט, סיסטעמאטיזירט, אויסגעפּרובירט און פארקערפּערט אין געזעצע. אונזער אבזיכט איז צו מאכען, דאָס   י ע ד ע ר   ארבייטער זאָל נאָך דעם, ווי ער מאכט דורך זיין אכט שטונדיגען „לעסאָן" פון שאפענדער ארבייט,   פ ר י י,   אונגעצאָהלט, ערפילען זיינע מלוכה־פליכטען.

דער איבערגאנג צו אַזאַ שטופע איז אפילו זעהר שווער, אָבער בלויז אַזאַ איבערגאנג וועט אונז זיכער ברענגען צו דער פארווירקלי־

בונג פון סאָציאַליזמוס. די נייקייט און די שווערקייט פון דער ענדערונג איז די אורזאַכע פון דעם, וואָס זעהר פיעלע שריטע האָבען מיר, זאָ־צו־זאָגען, געמאַכט טאַפּענדיג אין דער פינסטערניס, עס הייסט, מיר האָבען געמאַכט פיעלע פעהלערען, און פיעלעס האָבען מיר פאַרזעהן. אַזאַ פאַרזעהן, אַזעלכע פעהלערען זיינען אונפאַרמיידליך אין יעדער פלעצליכער פאָרווערטס־באַוועגונג.

מאַנכע, און צווישען זיי אויך אַזעלכע, וואָס האַלטען זיך פאַר סאָציאַליסטען, שטעלען זיך פאָר די אָריגינעלקייט (אייגענאַרטיגקייט) פון דער יעצטיגער לאַגע אין דעם, וואָס מענשען האָבען זיך איינגעוואָוינט אַבסטראַקט (טעאָרעטיש) געגענצוזעצען קאַפּיטאַליזמוס נעגען סאָציאַליזמוס און צווישען דיזע צוויי ווערטער („סאָציאַליזמוס“ און „קאַפּיטאַליזמוס“) אַריינצושטעלען דעם וואָרט „אַריינשפּרינגען“. דאָס הייסט, זיי מיינען, אַז מען קאָן שוין יעצט לייכט פון קאַפּיטאַליזמוס אַריינשפּרינגען אין סאָציאַליזמוס. (מאַנכע דערמאָנען זיך דערביי, וואָס זיי האָבען געלעזען ביי ענגעלס'ען און באָרגען ביי איהם דעם באַוואוסטען אויסדרוק: „אַ שפּרונג פון קעניגרייך פון נויטווענדינקייט אין קעניגרייך פון פרייהייט“). מיט אַנדערע ווערטער, די כלומרשט'דיגע סאָציאַליסטען ווילען איינרעדען אַ וועלט, אַז מיר האָבען דעמאַגאָגיש איינגערעדט די מאַסען, אַז מיר דאַרפען און קאָנען גלייך אַריינשפּרינגען פון קאַפּיטאַליזמוס אין סאָציאַליזמוס.

אַז דעם וואָרט „שפּרינגען“ האָבען די לעהרער פון סאָציאַליזמוס געברויכט אויף אָנצודייטען אַן אנפאַנג פון אַן איבערגאַנגספּעריאָדע אין דער אַלגעמיינער היסטאָריע, און אַז אַזאַ „שפּרונג“ דאַרף געדויערן צעהן אָדער מעהר יאָהרען, דאָס האָבען ניט באַגריפען די מערסטע פון די דאָזיגע „סאָציאַליסטען“, וועלכע שטודירען סאָציאַליזמוס „פון ביכער“, אָדער וועלכע האָבען זיך קיינמאָל ניט פאַרטראַכט ערנסט איבער דער אַנגעלעגענהייט. עס איז נאַטירליך, וואָס די זאָגענאַנטע „אינטעליגענץ“ באַזאָרגט אונז אין אַזאַ צייט מיט אַן אונבאַשרענקטער צאָהל קלאָגמוטערס: איינינע

באַווייַנען די קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרזאַמלונג, אנדערע באַקלאָגען די בורזשואַזע דיסציפּלין, דריטע באַדויערן די קאַפּיטאַליסטישע אָרד־נונג, פיערטע — בענקען נאָך דער גוט־ערצויגענער און קולטורע־לער אריסטאָקראַטיע, און פינפטע חלש'ען נאָך דער „אימפּעריאַ־ליסטישער רוסלאַנד", א. ז. וו., א. ז. וו.

די וויכטיגסטע זאַך אין אַן עפּאָכע פון „גרויסע שפּרונגען". עס הייסט, אין א צייט פון א גרויסער רעוואָלוציאָן, ווען איין אָרד־נונג טרעט אָפּ איהר פּלאַץ פאַר א צווייטער, באַשטעהט אין פאָל־גענדען : די גרויסע צאָהל רואינען (די אָפּגעבראָכענע שטיקלאַך) פון דער איינגעפאַלענער אַלטער אָרדנונג, וועלכע קלייבען זיך אַמאָל אָן פיעל שנעלער, ווי די קערענדלאַך פון דער נייער אָרדנונג (וועלכע עס איז אָפט ניט אַזוי לייכט צו באַמערקען), פאָ־דערט א פעהיגקייט פאַנאַנדערצוקלייבען זיך אין דער קייט פון ענטוויקלונג, און צו אונטערשיידען דאָס וויכטיגסטע פון ווענינגער וויכטיגעס. עס גיבען היסטאָרישע פעריאָדען, ווען דאָס וויכ־טיגסטע פאַר'ן ערפאָלג פון א רעוואָלוציאָן איז צונויפצוזאַמלען וואָס מעהר רואינען, עס הייסט, אויך אַמאָל אויפצורייסען אַזוי פיעל אַלטע רואינען, ווי נאָר מעגליך. אָבער עס זיינען דאָ צייטען, ווען עס איז שוין געהאַט אויפגעריסען געוואָרען גענוג רואינען, און עס איז נויטיג זיך צו נעהמען פאַר די „פּראָזאַאישע" (וועלכע קליין־בירגערליכע רעוואָלוציאָנערען באַטראַכטען פאַר א „לאַנגווייליגע", ניט אינטערעסאַנטע) ארבייט אָפּצורייניגען דעם באָדען פון די אָנגעוואָרפענע שטיקלאַך רואינען. און עס גיבען אויך צייטען, ווען עס איז וויכטיגער פון אַלעס אַכטונג צו געבען אויף די קערענדלעך פון דער נייער אָרדנונג, וואָס שפּראָצען שוין פון אונטער די רו־אינען, א יף א באָדען, וואָס איז נאָך באַדעקט מיט שטיינדלאַך און מיסט.

עס איז ניט גענוג צו זיין א רעוואָלוציאָנער, א סאָציאַליסט, אָדער, אין אַלגעמיין, א קאָמוניסט. עס איז נאָך, אויסער דעם, וויכטיג צו זיין פעהיג אין יעדען מאָמענט צו געפינען דעם ספּעציע־

לען רינגעלע פון קייט, וואָס מען מוז זיך אָן איהם מיט אַלע כוחות אָנכאַפּען, אום צו קענען האַלטען די גאַנצע קייט און צו פאַרשטעהן די אָרדנונג פון די רינגעלעך אין דער היסטאָרישער קייט פון פּאַסירונגען. די פאָרמען פון די היסטאָרישע רינגעלעך, זייער צוזאַמענהאַנג, זייער אונטערשיעד איינער פון אנדערען איז ניט אַזוי פּראָסט און קלאָר, ווי אין אַ קייט, געמאַכט פון אַ שמיעד.

די גאַראַנטיע פון די סאָוויעט־אָרגאַניזאַציאָנען געגען דער שעדליכער ווירקונג פון ביוראָקראַטען ליגט אין די פּעדים, וואָס פאַרבינדען זיי שטייף מיט׳ן פאָלק (דאָס הייסט, מיט די אויסגעבויטעטע ארבייטער), אין דער בויגזאַמקייט און ציהינקייט פון דיזע פּעדים. די בורזשואַזע פאַרלאַמענטען, זאָגאַר אין די דעמאָקראַטישע קאַפּיטאַליסטישע רעפּובליקען, ווערען קיינמאָל פון די אָרימע ניט באַטראַכט אַלס „זייערע" פאַרטרעטערשאַפטען. וואָס אַנבעלאַנגט אָבער דער סאָוויעט־רעגירונג, האַלטען איהר די מאַסען פון ארבייטער און פּויערים פאַר „זייער אייגענע", און ניט פאַר אַ פרעמדע אינסטיטוציאָן. די מאָדערנע (נייעסטע) „סאָציאַל־דעמאָקראַטען" פון שיידעמאַן׳ס חדר אָדער — וואָס איז כמעט דאָס זעלבע — פון כּארטאָוו׳ס שניט, זיינען פּונקט אַזוי געשטימט געגען די סאָוויעטען, בענקען אַזוי נאָך די ציערליך־מאַניערליכע בורזשואַזע פאַרלאַמענטען, אָדער נאָך דער קאָנסטיטוציאָנעלער פאַרזאַמלונג, ווי טורגעניעוו איז מיט זעכציג יאָהר צוריק געווען פריינדליך געווינט צו אַ מעסיגער מאָנאַרכיסטישער און אַריסטאָקראַטישער קאָנסטיטוציאָן, ווי ער איז געווען פיינדליך צו דער פּויערים־דעמאָקראַטיע פון דאָבראָלובאָוו און טשערנישעווסקי.

די נאָהענטקייט פון די סאָוויעטען צום ארבייטענדען „פאָלק" באַשאַפט ספּעציעלע פאָרמען פון ריקאָל *) און פון אנדערע מעטאָדען, דורך וועלכע די מאַסען זאָלען קאָנען קאָנטראָלירען די רע־

*) צוריקרופונג פון דעפּוטאַטען, מיט וועלכע דאָס פאָלק איז אונצופריעדען.

גירונגס־מאַשין. דיזע מעטאָדען מוז מען ענטוויקלען מיט א ספּע־ציעלער אויפמערקזאמקייט. אָט צ. ב. ש., די ראַטען פון פאָלקס־בילדונג, וועלכע זיינען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי קאָנפערענ־צען, וואו סאָוויעט־וועהלער און זייערע דעלעגאטען קומען זיך פון צייט צו צייט צוזאמען אויף צו באשפּרעכען און צו קאָנטראָלירען די טעטיגקייט פון די סאָוויעט־בעאמטע פון געגענד, פאָרדינען די פולסטע סימפּאטיע. עס קאָן גאָר ניט זיין נארישער, ווי פאַרצו־שטעלען זיך די סאָוויעטען, אלס א זאך, וואָס איז שוין פעסטגע־שטעלט און פערפאָלקאָמט. וואָס מעהר מיר מוזען יעצט אגיטירען פאר א שטארקע און פעסטע מאכט און פאר א דיקטאטור פון איינ־צעלנע פאר באשטימטע סאָרטען ארבייט, אלץ פיעלפאכער מוזען זיין די פאָרמען און די מיטלען פון דער מאסען־קאָנטראָלע אום צו באזייטיגען יעדע מעגליכקייט צו פאר־קריפּלען די סאָוויעט־מאכט, אום אונאויפהערליך און אונערמידליך אויסצוראָצלען פון אונזער באָדען די ווילדע גראָז פון ביוראָ־קראַטיזמוס.

אויסערן לאנד — אַן אונגעוויינליך ערנסטע, שווערע און גע־פעהרליכע לאגע; א נויטווענדיגקייט צו זיין פאָרזיכטיג און צו־ריקגעהאלטען; א פּעריאָדע פון געדולדיגען וואַרטען אויף א נייעם אויסברוך פון רעוואָלוציאָן אין די מערב לענדער, וואו זי ווערט צייטיג שמערצליך לאנגזאם; אין לאנד גופא — א פּע־ריאָדע פון לאנגזאמער בויאונגס־ארבייט און בארמלאָזער שטרענג־קייט, פון א לאנגען און אונאויפהערליכען קאמפף פון פּראָלעטאַ־רישער דיסציפּלין געגען די דראָהענדע הפקרות און אנאַרכיע, וואָס ליגט אין עצם פון דער נאטור פון דער קליין־בורזשואזיע; — דאָס זיינען, אין קורצען, די בולט'ע שטריכען פון דער ספּעציעלער שטופע אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָן, וואָס מיר מאכען יעצט דורך. דאָס איז דער יעניגער רינגעלע אין דער היסטאָרישער קייט פון פּאסירונגען, אָן וועלכען מיר מוזען זיך יעצט מיט אונזער גאנ־צען כח אָנהאלטען כדי אָרויסצוקומען מיט עהרע, איידער מיר דער־

גרייכען צום נעקסטען רינגעלע, דעם רינגעלע, וואָס ציהט אונז מיט זיין אייגענאַרטיגען גלאַנץ און וועקט באַגייסטערונג פאַר׳ן זיעג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָן.

די אומשטענדען פון דער יעצטיגער לאַגע רוקען ארויס צום פאָרדערגרונד פון אונזער לעבען אַזעלכע שלאַג־ווערטער, ווי זיין פאָרזיכטיג, צוריקגעהאַלטען, וואַרטען, בויען לאַנגזאַם, זיין זעהר שטרענג, איינפיהרען אַ שטאַרקע דיסציפּלין, אטאַקירען הפקרות א. ד. גל.

פּרובירט פאַרגלייכען אַט דיעזע שלאַג־ווערטער מיט דעם גע־וועהנליכען אָנגענומענעם באַגריעף, וואָס אַ „רעוואָלוציאָנער“ האָט וועגען אַ רעוואָלוציאָן, וועלען זיי, נאַטירליך, אויסזעהן צו וואָכע־דיג. איז דען דעריבער אַ וואונדער, וואָס מאַנכע „רעוואָלוציאָ־נערען“, וועלכע ווערען, הערענדיג אַזעלכע „ביליגע“ שלאַג־ווער־טער, אָנגעצונדען מיט אַ נאָבעלען צאָרן און פאַנגען אָן צו „אטאַ־קירען“ און צו באַשולדיגען, אַז מיר האָבען פאַרגעסען די טראַדי־ציעס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציאָן, מאַכען קאָמפּראָמיסען מיט דער בורזשואַזיע, נעהמען איבער בורזשואַזע נייגונגען, באַגנוגען זיך מיט רעפאָרמען, א. ז. וו., א. ז. וו.?

די צרה מיט דיעזע „רעוואָלוציאָנערען“ איז דיעזע: זאָגאַר די יעניגע פון זיי, וועלכע ווערען באַוועגט פון די בעסטע אויפ־גאַבען און געפיהלען אין דער וועלט און זיינען אמת טריי צום אידעאַל פון סאָציאַליזמוס, פאַרשטעהען ניט די ספּעציעלע און די ספּעציפיש אונאַנגענעהמע שטופע, וואָס עס מוז דורכמאַכען אַ הינטערשטעליגע מדינה, וועלכע איז אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון אַ גרויזאַמער און שלעכט־געפיהרטער מלחמה, און וועלכע האָט אָנגעפאַנגען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָן פיעל פריהער פון מעהר ענטוויקעלטע לענדער. אין שווערע מאָמענטען פון שמערצ־ליכען איבערגאַנגס־פּראָצעס ווייזט זיך ארויס, אַז זיי פעהלט פעסט־קייט. עס איז נאַטירליך, דאָס אַזאַ זאָרט פון „אָפּיציעלער“ אָפּאָזיציאָן צו אונזער פּאַרטיי זאָל קומען גראַד פון די „לינקע“

סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. עס פערשטעהט זיך, אז עס זיינען ו״אָ, און עס וועלען אימער זיין, איינצעלנע אויסנאַהמען פון גרופּע אָדער קלאַס טיפּען. אָבער געזעלשאַפטליכע טיפּען בלייבען טיפּען, טראָץ די אויסנאַהמען. אין א לאַנד וואו די קליין־בירגערליכע באַפעלקערונג איז זעהר גרויס אין פארגלייך מיט דער ריין־פּראָלע־טאַרישער, וועט אונפאַרמיידליך אַרויסטרעטען דער אונטערשיעד צווישען פּראָלעטאַרישען און קליין־בירגערליכען רעוואָלוציאָנער, און פון צייט צו צייט וועט ער אַרויסטרעטען זעהר בולט.

דער קליין־בירגערליכער רעוואָלוציאָנער וואַקעלט זיך, שלאָגט זיך מיט דער דעה ביי יעדער ענדערונג אין לויף פון פּאַסירונגען, געהט אריבער פון א שאַרף־רעוואָלוציאָנערער שטעלונג (אין מאַרטש 1917) צו א שטימונג פון שבחים־זינגעריי צו דער „קאָאַליציאָן" *) אין מאַי, צו א האַס צו די באָלשעוויקעס (אָדער צו באַדויערונג פון זייערע ריזיקאַלישע שריטע) אין דזשולאַי, צו א פּאָרזיכטיגען אָפּזונדערען זיך פון זיי ענדע אָקטאָבער, צו א גינסטיגער שטעלונג צו זיי אין דעצעמבער. און ענדליך, אין מאַרטש און אַפּריל, 1918, פערדרייסען שוין דיזע „רעוואָלוציאָנערען" די נעזער און פּלאַפּלען שוין מיט פּוסטער באַריהמעריי:

„איך באַלאַנג ניט צו די יעניגע, וואָס זינגען שבחים צו אָרגאַנישע אַרבייט, צו פּראַקטישקייט און צו פּאָרזיכטיגע לאַנג־זאַמקייט."

דיזע „רעוואָלוציאָנערען" רעפּרעזענטירען דעם קליינעם איי־גענטימער, ביי וועלכען דער מח האָט זיך געריהרט פון די מלחמה־שרעקען, פון פּלוצליכען חורבן, פון די אונערהערטע שמערצען פון הונגער און דעזאָרגאַניזאַציאָן; וועלכער וואַרפט זיך היסטעריש אין אַלע זייטען, זוכט אַן אויסוועג, א רעטונג, שלאָגט זיך מיט

---

*) פּאַראייניגונג, פּאַרבאַנד, מיטאַרבייטערשאַפט. לענין מיינט דאָ די „קאָאַליציאָן"־רעגירונג פון סאָציאַליסטען און קאַדעטען, די מיט־אַרבייטערשאַפט פון סאָציאַליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע מיניסטאָרען אין קערענסקי'ס קאַבינעטען.

דער דעה — דא פאלט ער אריין אין יאוש, און דא טראכט ער פון צוטרויען און שטיצע צום פראלעטאריאט.

מיר מוזען קלאר פארשטעהן און גוט געדענקען, אז סאציא־ליזמוס קען מען ניט בויען אויף אזא געזעלשאפטליכען פונדא־מענט. בלויז א קלאס, וועלכער מארטשט פארווערטס אהן אונ־ענטשלאסענהייט, פאלט ניט ביי זיך און ווייס ניט פון פארצווייפ־לונג זאגאר אויף די שווערסטע און געפעהרליכסטע שייד־וועגען, — בלויז אזא קלאס קען פיהרען די ארבייטענדע און אויסגעבויטעטע מאסען.

מיר נויטיגען זיך ניט אין אויסברעכונגען פון היסטעריע.

מיר דארפען דעם רעגעלען מארש פון אייזערנע באטאליאנען פון פראלעטאריאט.

מערץ־אפריל, 1918.

# דער מוסר השכל פון דער רעוואָלוציע

יעדער רעוואָלוציע באַדייטעט א פולער צוזאַמענברוך אינ'ם לעבען פון די גרויסע פאָלקס־מאַסען. ווען אַזאַ צוזאַמענברוך איז נאָך ניט געגוג צייטיג, קען קיין אמת'ע רעוואָלוציע בשום אופן ניט זיין. און פונקט ווי א צוזאַמענברוך אינ'ם לעבען פון אַן איינצלנעם מענשען לערנט איהם, דעם איינצעלנעם, זעהר א סך, צווינגט איהם איבערצולעבען אַ סך און דורכפיהלען א סך, אזוי גיט א רעוואָלוציע דעם גאנצען פאָלק אינ'ם משך פון א קורצער צייט די בעסטע און טייערסטע לעהרעס. יעדער רעוואָלוציע ברענגט מיט זיך א מוסר השכל פאר'ן גאַנצען פאָלק.

אין דער צייט ווען עס קומט פאָר א רעוואָלוציע, לערנען מיליאָנען און צעהנדליגער מיליאָנען מענשען אין איין וואָך צייט אַ סך מעהר ווי אין א יאָהר ווען דאָס לעבען געהט זיך געוועהנליך און פאַרשלאָפען. ווייל בשעת עס קומט פאָר א גאנצע איבערקעהרעניש אינ'ם לעבען פון א גאַנץ פאָלק, ווערט נאָך מעהר ווי אלע מאָל קלאָר וועלכע קלאַסען פון פאָלק זיינען אויסען די אָדער אַנדערע ציעלען, וואָס פאר כחות זיי פאַרמאָגען און וואָסערע מיטלען זיי געברויכען.

יעדער באַוואוסטזיניגער ארבייטער, סאָלדאט אָדער פויער מוז צולעגען קאָפּ און זיך גוט פאַרטראַכטען איבער דעם מוסר השכל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, באַזונדערס איצטער, ענדע יולי, ווען עס איז נאָך מעהר ווי פריהער געוואָרען קלאָר, אַז די ערשטע מדרגה פון אונזער רעוואָלוציע האָט זיך געענדיגט מיט אַ דורכפאַל.

# דער מוסר השכל פון דער רעוואָלוציע

.1

און באמת טאקי: לאָמיר נאָר באטראכטען, וואָס די מאסען ארבייטער און פויערים האָבען אויסגעפיהרט מאכענדיג א רעוואָלוציע; וואס זיי האָבען פון דער רעוואלוציע ערווארטעט. און עס קען גאָר ביי קיינעם ווענען דעם קיין צוויי מיינונגען ניט זיין, אז זיי, די מאסען ארבייטער און פויערים, האָבען פון דער רעוואָלוציע ערווארטעט פיער זאכען — פרייהייט, שלום, ברויט און ערד.

און וואָס זעהען מיר איצט?

אָנשטאָט פרייהייט הויבט מען שוין ווידער אָן איינפיהרען דיזעלבע שקלאפעריי, וואס האָט פריהער געהערשט. ווידער אמאָל פיהרט מען איין טויט־שטראָף פאר סאָלדאטען אויפ'ן פראָנט, ווידער שלעפט מען פויערים צום געריכט דערפאר וואָס זיי פארכאפען ביי די פריצים ערד. מען פאלט אָן אויף די דרוקערייען פון ארבייטער צייטונגען. אָהן א משפט פארוועהרט מען זיי צו ערשיינען. מען ארעסטירט באָלשעוויקעס, גענען וועמען מען האָט אָפט ניט די מינדסטע באווייזע זיי צו שטעלען אונטער א קלאגע און עס איז רעכט צוצושטעלען אזעלכע „באווייזע", וואָס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען.

דארויף וועט מען אודאי ענטפערען, אז דערפון וואָס מען פארפאָלגט באָלשעוויקעס איז נאָך ניט געדרונגען, אז מען טרעט איבער די כללים פון פרייהייט, ווייל מען פארפאָלגט דאָך בלויז געוויסע פערזאָנען און מען מאכט בלויז געוויסע באשולדיגונגען. אָבער אָט דער תירוץ איז, מילד גערעדט, ניט אמת, ווייל ווי לעגט זיך דאָס אויפ'ן שכל, אז מען זאָל אָנפאלען אויף דרוקערייען און

פארמאכען צייטונגען פאר די פארברעכענס פון א י י נ צ ע ל נ ע מענשען, אפילו ווען די באשולדיגונגען געגען זיי זיינען באוויעזען געוואָרען אין געריכט. זעהט איהר, ווען די רעגיערונג וואָלט אַנערקענט. אַז לויט'ן געזעץ איז די גאַנצע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אַ פארברעכערישע, אַז איהר ריכטונג און איהרע אַנשויאונגען זיינען לויט'ן געזעץ פארבאָטען, דאַן איז גאָר עפּיס אַנדערש. אָבער אַלע ווייסען דאָך, אַז די רעגיערונג פון דער פרייער רוסלאנד האָט אַזאַ זאַך ניט געקענט טאָן און ניט געטאָן.

וואָס פאר חטאים האָט מען ביי די באָלשעוויקעס אויסגעפונען? וואָס פאר פארברעכענס זייערע זיינען פעסטגעשטעלט געווארען, אויב ניט בלויז דאָס, וואס די צייטונגען פון די ערד־אייגענטימער און קאַפּיטאַליסטען האָבען אויף זיי געשאָטען פּעך און שוועבעל דערפאַר וואָס זיי פיהרען אָן אַ קאַמפּף געגען דער מלחמה, געגען די ערד־אייגענטימער און געגען די קאַפּיטאַליסטען! וואָס נאָך קען מען אָנווייזען געגען זיי אויסער דעם וואס די ערד־אייגענטימער און קאַפּיטאַליסטען האָבען אָפען געפאָדערט, אַז מען זאָל אַרעסטירען און פאַרפאָלגען די באָלשעוויקעס נאָך דאַן ווען מען האָט נאָך ניט געהאַט אויסגעטראַכט קיין איין באשולדיגונג געגען קיין איינציגען באָלשעוויק!

דאָס פאָלק וויל שלום. און די רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג פון דער פרייער רוסלאַנד האָט זיך גאָר ניט וויסענדיג נעמאַכט ווענען דעם וואָס דאָס פאָלק וויל, און גלייך עס וואָלט גאָר ניט פּאַסירט, ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער רויבערישער מלחמה, אויף דעם גרונד פון די זעלבע געהיימע אָפּמאַכען, וואָס דער געוועזענער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער האָט געשלאָסען מיט די ענגלישע און פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטען, כדי צו געבען די רוסישע קאַפּיטאַליסטען די מעגליכקייט צו באַראַבוועו און באַ'גזל'ען אַנדערע פעלקער. יענע געהיימע אָפּמאַכען זיינען נאָך עד היום ניט פאַרעפענטליכט געוואָרען. די רעגיערונג פון דער פרייער רוס־

לאַנד איז אַלץ אָפּגעקומען מיט תירוצים און אַלץ ניט פאַרגעשלאָ־
גען די אַנדערע פעלקער קיין געדעכטען שלום.

קיין ברויט איז נישטאָ. דער הונגער רוקט זיך אַלץ נעהנ־
טער און נעהנטער. אַלע זעהען, אז די קאַפּיטאַליסטען און די
רייכע באשווינדלען און באַראַבעווען די רעגיערונגסקאַסע אויף
די אַלע קריעגס־אַרטיקלען, וואָס זיי שטעלען צו (די מלחמה קאָסט
איצטער אָפּ דעם פאָלק פופציג מיליאָן רובעל א טאָג), אַלע זעהען
ווי די קאַפּיטאַליסטען ווערען וואָס אמאָל אַלץ מעהר און מעהר
אָנגעשטאָפּט מיט געלד פון די געוואַלדיג גרויסע פּרייזען, וואָס
זיי נעהמען, און אין דער זעלבער צייט לעגט מען ניט אריין קיין
האַנד אין קאַלטער וואַסער עפּיס אויפצוטאָן פאַר די אָרימע אַר־
בייטער און קיינער קימערט זיך גאָר ניט צו זעהן, אז די אויסגע־
אַרבייטע פּראָדוקטען זאָלען ווי נייהעריג איז פאַרטיילט ווערען
צווישען די אַרבייטער. דאָס קאַפּיטאַליסטישע געזינדעל באקומט
וואָס אמאָל אַלץ מעהר חוצפה, ארויסשלייַדערענדיג די אַרבייטער
אין גאַס, — און דאָס קומט פאַר אין אַזאַ צייט, ווען דאָס פאָלק
ליידעט איבער דעם וואָס ס'פעהלען אויס אַרטיקלען.

אויף א גאַנצער רייהע צוזאַמענפאָהרען האָט א ריעזיגע מאַ־
יאָריטעט פון פּויערים קלאָר און דייטליך ערקלעהרט, אז עס איז
פּשוט א רציחה און א רויבעריי, וואָס די ערד באלאַנגט צו די
פּריצים. און די רעגיערונג, וועלכע רעכענט זיך פאַר א רעוואָלו־
ציאָנערער און דעמאָקראַטישער, מאַכט זיך כלא ידע און פיהרט
נאָך אַלץ די פּויערים פאַר דער נאָז, פאַרנאַרענדיג זיי מיט פאַר־
שפּרעכונגען. עס געהען אַוועק מאָנאַטען און מאָנאַטען און די
כלומר'שט רעוואָלוציאָנערע, דעמאָקראַטישע רעגיערונג לעגט אַלץ
אָפּ די אַגראַר־פראַגע אויף שפּעטער. דעם ערד־אַרבייטס מיניס־
טער טשערנאָוו האָבען די קאַפּיטאַליסטען עטליכע מאָנאַטען כסדר
ניט ערלויבט ארויסצוגעבען קיין געזעצען וועגען א פאַרבאָט צו
קויפען אָדער פאַרקויפען ערד. און ווען מען האָט שוין סוף כל
סוף אַזאַ געזעץ יאָ ארויסגעגעבען, האָבען די קאַפּיטאַליסטען גלייך

אָנגעהויבען צו שיטען פּעך און שוועבעל אויף טשערנאָווו'ן; עס איז ביי זיי געווען רעכט אויסצוטראַכטען אויף איהם די ערגסטע בלבולים, און נאָך עד היום איז ער זיי ווי אַ דאָרן אין די אויגען. די חוצפּה, די אומפאַרשעהמטקייט פון דער רעגיערונג איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס איז שוין ביי איהר רעכט צו שלעפּען פּויערים אין געריכט דערפאַר וואָס זיי וואַגען אַליין צו פאַרכאַפּען ערד ביי די פּריצים. אַלעס איז ביי איהר רעכט אַבי ניט צו דער־לאָזען, אַז אויף די פּריצים זאָל חלילה וחס אַ שפּרינקעלע פּאַלען.

מען פיהרט די פּויערים פאַר דער נאָז און מען שמועסט זיי איין, אַז זיי דאַרפען וואַרטען ביז מען וועט צונויפרופען די גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג. און ווען עס קומט צו רייד וועגען דער גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג, מאַכט מען זיך ווייטער כלא ידע און מען לעגט דאָס אויך אָפּ אויף שפּעטער. איצט, ווען מען האָט שוין קוים מיט צרות באַשטימט, אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זאָל צונויפ־גערופען ווערען דעם 30טען דעצעמבער, איבער דעם, וואָס די באָלשעוויקעס האָבען דאָס געפאָדערט, האָבען די קאַפּיטאַליסטען געמאַכט אַ געוואַלד, אַז דאָס איז „פּשוט אוממעגליך", ווייל די צייט איז צו קורץ, און מען האָט קיין בושה ניט צו פאָדערען, אַז מען זאָל די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אָפּלעגען אויף נאָך דער מלחמה.

עס קומט אויס אַזוי: איהר ווילט ערד? פאַר וואָס ניט! אָבער — זייט מוחל און וואַרט ביז מען וועט צונויפרופען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג; איהר ווילט אַ גרינדונגס פאַרזאַמלונג? אדרבא, זעהר פיין! אָבער — איהר מוזט זיין אַזוי גוט און וואַרטען ביז די מלחמה וועט זיך ענדיגען; איהר ווילט, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיגען? אוודאי זעהר פיין! אָבער — האָט אביסעל געדולד און וואַרט ביז מיר וועלען דעם שונא אינגאַנצען באַזיעגען. אָט אַזוי פאַרציהט מען אַ פּלאָנטער, אַ דרעהעניש, אָט אַזוי נעהמען די קאַפּיטאַליסטען און פּריצים און מאַכען חוזק פון די אָרימע פּויערים; און ניט נאָר חוזק — מען איז זיך נוקם

אין זיי. און דאָס איז דערפאר, וואָס דאָס קאפּיטאליסטישע גע־זינדעל האָט די מאַיאָריטעט אין דער רעגיערונג.

.2

און דאָ שטעלט זיך די פראגע:

ווי האָט אזוינס געקענט פּאסירען אין א פרייער מדינה, נאָכ־דעם ווי מען האָט ארונטערגעוואָרפען די צארסקע ממשלה?

אין א מדינה, וואס איז ניט פריי, געוועלטיגען איבער׳ן פאלק א צאר און א הייפעלע פּריצים, קאפּיטאליסטען און טשינאָווניקעס, וועלכע זיינען פון קיינעם ניט ערוועהלט געוואָרען.

אין א פרייער מדינה אָבער רעגיערען איבער׳ן פּאָלק בלויז אזעלכע מענשען, וואָס דאָס פאָלק אליין האָט ערוועהלט. בשעת עס קומען פאָר די וואהלען, טיילט זיך דאָס פאָלק אויף פּארטייען, און געוועהנליך קומט אויס אזוי, אז יעדער קלאַס פון דער באַ־פעלקערונג שטעלט צונויף זיין אייגענע, באזונדערע פּארטיי. למשל: פּריצים, קאפּיטאליסטען, פּויערים, ארבייטער שטעלען צו־נויף באזונדערע, אייגענע פארטייען. דעריבער קומט אויס, אז אין די פרייע לענדער ווערט דאָס פאָלק רעגיערט דורך אן אָפענעם קאמפּף, וואס קומט פאר צווישען די פארטייען און דורך די ארט און וויזע, ווי זיי קומען צווישען זיך צו א פארשטענדניס.

נאָכדעם ווי מען האָט דעם 27טען פעברואר (אלטע צייט־רעכענונג) 1917 ארונטערגעוואָרפען די צארישע ממשלה, איז רוס־לאנד, אין משך פון אן ערך פיער חדשים, רעגיערט געוואָרען ווי א פרייע מדינה. דאָס הייסט, דורך דעם אָפענעם קאמפּף, וואָס עס האָבען צווישען זיך אָנגעפיהרט די פרייגעגרינדעטע פּארטייען און דורך דעם אופן ווי די דאָזיגע פּארטייען זיינען צווישען זיך אויסגעקומען און זיך אויסגעגלייכט. און דעריבער, ווען איי־נער וויל פארשטעהן די ענטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, מוז ער קודם כל שטודירען, וואָס פאר פּארטייען עס זיינען געווען,

וועמעס אינטערעסען זיי האָבען פארטיידיגט און וואָס פאר גע־מיינזאַמע באציהונגען אָט די אַלע פארטייען האָבען געהאט.

.3

נאָכדעם ווי מען האָט ארונטערגעוואָרפען די ממשלה פונ'ם צאַר, איז די מלוכה־מאכט איבערגעגאנגען אין די הענד פון דער ערשטער צייטווייליגער רעגיערונג. די דאָזיגע רעגיערונג איז באַשטאַנען פון פאָרטרעטער פון דער בורזשואַזיע, דאָס הייסט, פון קאַפּיטאַליסטען, און צו זיי זיינען שוין צוגעשטאַנען די פּריצים, די לאַנד באַזיצער. די „קאַדעטישע" פּארטיי, די הויפּט פּארטיי פון די קאַפּיטאַליסטען, האָט פארנומען דעם ערשטען פּלאַץ, אַלס די פאָרוואַלטענדע און רעגיערענדע פּארטיי פון דער בור־זשואַזיע.

ניט צופעליגערווייזע האָט די דאָזיגע פּארטיי אריינגעכאַפּט די מאַכט, הגם געקעמפט מיט'ן צאַר'ס מחנות, פארגיסענדיג בלוט פאַר פרייהייט, האָבען, פארשטעהט זיך, ניט די קאַפּיטאַליסטען, נאָר די ארבייטער און פויערים, מאַטראָזען און סאָלדאַטען. אריינ־געכאַפּט די מאַכט האָט די קאַפּיטאַליסטישע פּארטיי איבער דעם וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט געהאט אין זיינע הענט דעם כח פון רייכקייט, אָרגאַניזאַציע און קענטעניס.

און עס איז גאָר קיין חידוש ניט וואָס די קאַפּיטאַליסטען האָבען דאָס אַלעס פארמאָגט. וואָרים פונ'ם יאָהר 1905 אָן, באַ־זונדערס אין דער צייט פון דער מלחמה, האָבען די קאַפּיטאַליסטען, ווי אויך די פּריצים, וואָס קלעפּען זיך צו זיי, ניט גערוהט און ווי ווייט עס איז נאָר מעגליך געווען באַפעסטיגט זייער אָרגאַ־ניזאַציע.

די קאַדעטישע (קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישע) פּארטיי איז שטענדיג געווען אַ מאָנארכיסטישע. זי האָט געהאַלטען פאַר אַ זעלבסט־הערשאַפט אינ'ם יאָהר 1905, און ביי דער איבער־

ציגונג איז זי געבליבען די גאנצע צייט, פונ'ם יאָהר 1905 ביז'ן יאָהר 1917. און באלד נאָכדעם ווי דאָס פאָלק האָט ארונטער־געוואָרפען די אכזריות'דיגע ממשלה פונ'ם צאַר, איז זי, די קאַ־דעטישע פארטיי, אין איין שעהנעם פריהמאָרגען, געוואָרען אַ רעפובליקאנישע. אָט אזוי, גאָר פלוצים, זיינען אלע קאדעטען פון דער העלער הויט געוואָרען אָנהעגנגער פון אַ רעפובליק. אָבער מיר ווייסען פאר וואָס דער נס איז פלוצלונג געשעהן. די ערפאַה־רונג פון דער געשיכטע האָט אונז געלערענט, אז אלע מאָל, ווען אַ פאָלק ווארפט פון זיך ארונטער דעם יאָך פון אַ מאָנארכיע, ווערען די קאפיטאליסטען מיט אמאָל די מליצי יושר פון אַ רע־פובליק; זיי איילען זיך דאָס צו טאָן באצייטענס, ניט חלילה דער־פאר, ווייל אַ רעפובליק איז זיי אזוי שטארק צום הארצען, נאָר כדי זיי זאָלען דורך דעם קענען אָנהאלטען זייערע פריווילעגיעס און ווייטער קענען הערשען איבער'ן פאָלק.

לפנים איז די קאדעטישע פארטיי פאר „פאָלקס פרייהייט". אָבער אין דער אמת'ען איז זי בלויז אויסען צו באשיצען די קאַ־פיטאליסטען, און דערפאר האָבען זיך צו איהר באלד צוגעקלעפט אלע לאנד באזיצער, אלע מאָנארכיסטען און אלע שווארץ־מאה־ניקעס. אַ באוויוז דארויף — די פרעסע און די וואהלען. אלע בורזשואזנע צייטונגען און אלע שווארץ־מאה'דיגע בלעטלאך האָ־בען אין איין כאָר גענומען זינגען שירים ותשבחות פאר די קאַ־דעטען. וואו נאָר עפעס אַ מאָנארכיסטישע פארטיי, וועלכע האָט ניט געוואגט איהר אמת'ען פרצוף צו ווייזען, האָט אין דער צייט פון די וואהלען, ווי עס איז געווען דער פאל אין פעטראָגראד, געשטיצט די קאדעטישע פארטיי.

אריינקריגענדיג די רעגיערונגס מאכט האָבען זיך די קאדע־טען גלייך גענומען שטרעקען אין דער לענג און אין דער ברייט, ווייטער אָנצוגעהן מיט דער ערָאבערישער גזלנ'ישער מלחמה, וואָס צאר ניקאָלאי דער צווייטער האָט אָנגעהויבען, שליסענדיג געהיימע אָפמאכען מיט די ענגלישע און פראנצויזישע קאפיטאליסטען.

לויט די דאָזיגע אָפּמאַכען ווערט פאַר די רוסישע קאַפּיטאַליסטען, אין פאַל פון אַ זיעג, פאַרשפּראָכען צו פאַרכאַפּען אי קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אי גאַליציע, אי אַרמעניען, און נאָך און נאָך. פאַר'ן פאָלק ווידער איז די קאַדעטישע רעגיערונג יוצא מיט פּוסטע פאַרשפּרעכענס און ליגען אָפּ אַלע פראַגען, וואָס זיינען אַזוי וויכטיג פאַר די ארבייטער און פּויערים; עס געהט איהר נאָר ניט אַזוי שטאַרק אין לעבען, אַז די דאָזיגע וויכטיגע פראַגען זאָלען געלעזט ווערען, און דערפאַר לעגט זי זיי אָפּ פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, און עס ווערט אפילו ניט באַשטימט קיין צייט ווען מען וועט די דאָזיגע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג צונויפרופען.

באַנוצענדיג זיך מיט דער פרייהייט, האָט דאָס פאָלק אַליין זיך אָנגעהויבען אָרגאַניזירען. די הויפּט אָרגאַניזאַציעס פון די ארבייטער און פּויערים, וועלכע שטעלען צונויף די גרעסטע מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, זיינען געווען די סאָוויעטען פון ארבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים־דעפּוטאַטען. די סאָוויעטען האָבען זיך אָנגעהויבען אָרגאַניזירען נאָך אין דער פעברואַר רעוואָלוציע, און מיט עטליכע וואָכען שפּעטער זיינען שוין אַלע אויפגעקלעהרטע און פאָרטגעשריטענע ארבייטער און פּויערים אין די מעהרסטע גרויסע שטעדט און אין אַ סך געגענדען געווען פאַראייניגט דורך די סאָוויעטען.

די סאָוויעטען זיינען ערוועהלט געוואָרען אינגאַנצען פריי. די סאָוויעטען זיינען געווען די אמת'ע אָרגאַניזאַציעס פון די ברייטע פאָלקס־מאַסען, פון די ארבייטער און פּויערים. די סאָוויעטען זיינען געווען די אמת'ע אָרגאַניזאַציעס פון דער גרעסטער מאַיאָריטעט פונ'ם רוסישען פאָלק, די ארבייטער און פּויערים, וועלכע זיינען געווען אָנגעטאָן אין מיליטערישע קליידער, זיינען געווען באַוואָפענט.

נו, פאַרשטעהט זיך, אַז די סאָוויעטען האָבען געקענט און געמוזט נעמען די גאַנצע מלוכה־מאַכט אין זייערע אייגענע הענד. קיין אַנדער הערשאַפט האָט פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג

אין דער מלוכה ניט געטאָרט זיין. בלויז דאן וואָלט די רעוואָ־לוציע געוואָרען אַן אמת'ע פאָלקס־רעוואָלוציע, אַן אמת דעמאָ־קראַטישע רעוואָלוציע. בלויז דאַן וואָלטען די האַרעפּאַשניקעס, די ברייטע מאַסען, וועלכע גאָרען טאַקע באמת, אַז עס זאָל ווע־רען שלום, וועלכע זיינען ווירקליך ניט פאַראינטערעסירט אין דער עראָבערישער מלחמה, ענטשיידענד און פעסט געקענט אָנ־הויבען דורכפיהרען אזא פּאָליטיק, וואָס וואָלט איינמאָל פאַר אַלע מאָל געמאַכט אַ סוף צו דער בלוטיגער מלחמה און וואָלט סוף כל סוף געבראַכט דערצו, אַז עס זאָל שוין ווערען שלום אויף דער וועלט. בלויז דאַן וואָלטען די אַרבייטער און פויערים געקענט איינצאַמען די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע ווערען נתעשר פון דער מלחמה און ברענגען דאָס לאַנד צו חורבן און הונגער. אָבער אין די סאָוויעטען איז בלויז אַ קליינער טייל פון די דעפּו־טאַטען געוועזען אויף דער זייט פון דער פּאַרטיי רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער און סאָציאַלדעמאָקראַטען באָלשעוויקעס, וועלכע האָ־בען געפאָדערט, אַז די גאַנצע רעגיערונגס־מאַכט זאָל איבערגעהן אין די הענד פון די סאָוויעטען. די מאַיאָריטעט פון די דעפּו־טאַטען אין די סאָוויעטען איז געוועזען אויף דער זייט פון דער פּאַרטיי סאָציאַל־דעמאָקראַטען מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען געוועזען געגען דעם, אַז די גאַנצע מאַכט זאָל איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון די סאָוויעטען. אָנשטאָט דעם וואָס מען האָט געדאַרפט אָפּשאַפען די רעגיערונג פון דער בורזשואַזיע און אויף איהר פּלאַץ צונויפשטעלען אַ סאָוויעטען־רעגיערונג, איז ביי די דאָזיגע פּאַרטייען גאָר געוועזען רעכט צו שטיצען די רעגיערונג פון דער בורזשואַזיע, אויסקומען מיט איהר ווי עס ניט איז און זעהן צונויפשטעלען אַ רעגיערונג צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע. און אין אָט דער פּאָליטיק פון אויסקומען ווי ס'ניט איז מיט דער בורזשואַזיע — די פּאָליטיק, וואָס ס'האָבען אָנגעפיהרט די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, אויף וועמען די מאַיאָריטעט פון פאָלק האָט

זיך פאַרלאָזט — אין אָט דער פּאָליטיק, זאָג איך, ליגט דער הויפּט אינהאַלט פון גאַנצען ענטוויקלונגס גאַנג פון דער רעוואָ־לוציע, פאַר די אַלע פינף מאָנאַטען זינט זי האָט זיך אָנגעהויבען.

.4

קודם כל וועלען מיר באַטראַכטען דעם אופן ווי אַזוי די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען אויס־געקומען מיט דער בורזשואַזיע, און דערנאָך וועלען מיר אַ זוך טאָן אַן ערקלעהרונג דאַרויף פאַר וואָס די מאַיאָריטעט פון פאָלק האָט זיך אויף זיי פאַרלאָזט און געהאַט צוטרויען צו זיי.

.5

די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען אין אַלע פּעריאָדען פון דער רוסישער רעוואָלוציע אויס־געקומען מיט די קאַפּיטאַליסטען, אַלע מאָל אויף אַן אַנדער אופן.

ביים סוף פונ׳ם חודש פעברואַר, אינ׳ם יאָהר 1917, ווי דאָס פאָלק האָט נאָר געזיעגט און די צאַרסקע ממשלה איז אָפּ־געווישט געוואָרען, האָט די צייטוויילינגע רעגיערונג פון די קאַ־פּיטאַליסטען געטאָן אַ טובה דער וועלט און אריינגענומען אין איהר כתה קערענסקי׳ן, אַלס אַ „סאָציאַליסט“. אין דער אמת׳ען אָבער איז קערענסקי גאָר קיינמאָל קיין סאָציאַליסט ניט געווען, נאָר אַ „טרודאָוויק“, און אַ „סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער“ איז ער געוואָרען ערשט אין מאָנאַט מאַרט, אינ׳ם יאָהר 1917, ווען עס איז שוין ניט געווען קיין געפאַהר אין דעם און ווען עס האָט זיך געלוינט. און ווייל קערענסקי איז געווען דער פאָרזיצענדער פונ׳ם פּעטראָגראַדער סאָוויעט, האָט די צייטוויילינגע קאַפּיטאַ־ליסטישע רעגיערונג דורך איהם גלייך געקומען אַרבייטען צו־צובינדען צו זיך דעם סאָוויעט. און ווייל דער פּעטראָגראַדער סאָוויעט איז דאַמאָלט דאָס רוב באַשטאַנען פון סאָציאַליסטען־

רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס, האָט ער זיך געלאָזט פיה־רען ביי דער נאָז און אָנגעהויבען „אויסקומען" מיט דער רע־גיערונג. עס האָט געהייסען, אז דער סאָוויעט שטיצט די צייט־ווייליגע קאפּיטאַליסטישע רעגיערונג בלויז אויף אזוי פיעל אויף ווי ווייט זי פיהרט דורך איהרע פאַרשפּרעכונגען.

געהייסען האָט עס, אז דער סאָוויעט קוקט איבער און קאָנ־טראָלירט די ארבייט פון דער צייטווייליגער רעגיערונג. די פיהרער פונ'ם סאָוויעט האָבען געגרינדעט א כלומר'שטע „קאָנ־טאַקט־קאָמיסיע", דאָס הייסט אזא מין קאָמיסיע, וואָס שטעהט אין באַריהרונג מיט דער מלוכה. אין דער דאָזיגער „קאָנטאַקט־קאָמיסיע" האָבען די סאָוויעט־פיהרער, וועלכע זיינען אליין גע־ווען מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען ־ רעוואָלוציאָנערען, אָנגע־פיהרט פאַרהאַנדלונגען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער רעגיערונג, דאָס הייסט, אז אין דער אמת'ען זיינען זיי געווען מיניסטאָרען אָהן פּאָרטפעלען, אדער ניט־אָפיציעלע מיניסטאָרען.

דעם גאַנצען חודש מאַרט און כמעט גאַנץ אַפּריל האָט עס אזוי אָנגעהאַלטען. די קאַפּיטאַליסטען האָבען אַלעס אָפּגעלעגט אויף שפּעטער און אלץ יוצא געווען מיט פאַרשפּרעכונגען. און דערמיט זיינען זיי הויפּטזעכליך אויסען געווען צו געווינען צייט. פאַר דער גאַנצער צייט האָט די קאַפּיטאַליסטישע רעגיערונג ניט אויפגעטאָן קיין איין זאַך, ניט געמאַכט קיין איין טראָט א רוק צו טאָן אַביסעל ווייטער פאָראויס דעם גאַנג פון דער רעוואָ־לוציע. אפילו פאַר איהר אייגענער דירעקטער אוממיטעלבאַרער אויפגאַבע, פאַר דער צונויפרופונג פון דער גרינדונגס פאַרזאַמ־לונג, האָט די רעגיערונג לחלוטין גאַר ניט געטאָן; זי האָט נאָך אפילו ניט איבערגעגעבען די פראַגע אין די שטעדט אויף צו פאַרהאַנדלען, זי האָט נאָך אפילו ניט געגרינדעט קיין צענטראַלע קאָמיסיע אויף צוצוגרייטען די פראַגע. און וואָס איז דער חידוש? אז דער רעגיערונג איז מעהר פון אַלעס געלעגען אין זינען איין זאַך: שטילינקערהייד, בגנבה באַנייען יענע אלע רוצח'ישע,

נזלנ'ישע אפמאכען, וואס דער צאר האט געשלאסען מיט די קאַ־
פיטאליסטען פון ענגלאנד און פראנקרייך, ווי ווייט ס'איז נאר
מעגליך פארזיכטיג איינצוימען די רעוואלוציע, אלעס צוזאגען
און קיין זאך ניט געבען. אט דאס איז איהר געלעגען אין זינען.
די סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען און די מענשעוויקעס האבען
אין דער „קאנטאקט־קאמיסיע" געשפיעלט די ראלע פון נאראַ־
נים'לאך, וואס מען קען שטאפען מיט געצאצקעטע פראזען און
מיט פיינע פארשפרעכונגען. פונקט ווי יענע וואראנע פון דעם
באריהמטען פאבעל האבען זיי זיך געלאזט נארען און עס האט
זיי געוואלדיג הנאה געטאן ווען די נגידים, די קאפיטאליסטען,
האבען זיי פארזיכערט, אז ביי זיי זיינען די סאוויעטען גאר
דאס אויבערשטע פונ'ם שטויסעל, און אז אהן די סאוויעטען
גיבען זיי זיך אפילו קיין ריהר ניט.

אין דער אמת'ען אבער זיינען אוועק וואכען און וואכען
און די קאפיטאליסטישע רעגיערונג האט פאר דער רעוואלוציע
לחלוטין גאר ניט געטאן. זעהט איהר, געגען דער רעוואלוציע
האט זי פאר דער צייט שוין גאר א סך געטאן; זי האט באנייט
די געהיימע רויברעישע אפמאכען מיט די דיפלאמאכען פונ'ם
ענגליש־פראנצויזישען אימפעריאליזם. געגען דער רעוואלוציע
האט די קאפיטאליסטישע רעגיערונג, אינ'ם משך פון אזא קור־
צער צייט, באוויעזען צו גרינדען א קאנטער־רעוואלוציאנערע אר־
גאניזאציע פון גענעראלען און אפיצערען פון דער עקזיסטירענדער
ארמעע. געגען דער רעוואלוציע האט זי באוויעזען צו ארגאני־
זירען די פאבריקאנטען, וועלכע האבען געמוזט אנהויבען נאכ־
געבען די ארבייטער, און נאכגעבענדיג שוין באצייטענס געמאכט
אלע פארבארייטונגען אפצושטעלען און צוקאליעטשען די אינ־
דוסטריע אזוי שנעל ווי דער פאסיגער מאמענט וועט נאר קומען.

אבער די ארגאניזאציע פון די פארטגעשריטענע ארבייטער
און פויערים איז אין די סאוויעטען ניט געשטאנען אויף איין
ארט. די בעסערע מענשען פון די אונטערדריקטע קלאסען האַ־

בען געפיהלט, אז ניט קוקענדיג דארויף וואָס די רעגיערונג „קומט אוים" מיט'ן פעטראָגראדער סאָוויעט, ניט קוקענדיג אויף קע־רענסקי'ס קנאקעדיגע דרשות און ניט קוקענדיג דארויף וואָס ס'עקזיסטירט א „קאָנטאַקט־קאָמיסיע", איז די רעגיערונג דעם פאָלק קיין גוטער פריינד ניט און דער רעוואָלוציע אודאי ניט. די מאסען האָבען געפיהלט, אז אויב מען וועט ניט בייקומען די געגנערשאפט פון די קאפיטאליסטען, דאן איז קאפוט מיט דער רעוואָלוציע, מיט'ן שלום און מיט דער פרייהייט. צווישען די מאסען איז געוואָרען אלץ גרעסער דער צאָרן. מענשען האָבען די געדולד פארלאָרען.

.6

דעם 20טען און 21טען אפריל האָט די געדולד געפלאצט. פון זיך אליין האָט זיך ווי א שטראָם א לאָז געטאָן די באוועגונג. אזוי שארף איז געוועזן די באוועגונג געגען דער רעגיערונג, אזוי פארביטערט איז מען דאן געווען, אז א גאנצער פאָלק סאָלדאטען האָט זיך באוואפענט לויט אלע מיליטערישע כללים און צוגע־קומען צום מארינסקי פאלאץ, גרייט צו ארעסטירען אלע מיניס־טאָרען. דאן האָבען אלע פארשטאנען, אז די רעגיערונג קען זיך ניט האַלטען. די סאָוויעטען האָבען דאן געקענט (און געדארפט) איבערנעהמען די מאכט אין די אייגענע הענד אָהן א שום ווידער־שטאנד. קיינער וואָלט זיך דאן גאָר ניט געשטעלט אנטקעגען. אָנשטאָט דעם האָבען די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען און די מענשעוויקעס זיך א וואָרף געטאָן ראטעווען די קאפיטאליסטישע רעגיערונג, וועלכע האָט זיך געהאלטען אויף הינערשע פיסלאך. אָנשטאָט דעם האָבען זיי, די סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס, זיך נאָך מעהר פארפלאָנטערט מיט „אויסקומע־נישען", און נאָך ווייטער אוועק אויף דעם וועג, וואָס פיהרט די רעוואָלוציע צו אָן אונטערגאנג.

א רעוואָלוציע לערענט אַלע קלאַסען מיט אַזאַ שנעלקייט און גרינדליכקייט, וואָס מען זעהט נאָר ניט אין געוועהנליכע פריעדליכע צייטען. די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע זיינען בעסער אָרגאַניזירט און מעהר ערפאַהרען אין אַזעלכע זאַכען ווי קלאַסען־קאַמפּף און פּאָליטיק, האָבען זיך אויסגעלערענט שנעלער פאַר אַנדערע. איינזעהענדיג, אַז די רעגיערונג האַלט זיך אויף הינער־שע פיסלאַך, האָבען זיי זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דעם זעלבען מיטעל, וואָס איז צעהנדליגער יאָהרען, נאָך 1848 יאָהר, אָנגע־ווענדעט געוואָרען פון די קאַפּיטאַליסטען אין אַנדערע לענדער אויף צו פאַרניכטען, צורייסען און אָפּשוואַכען די ארבייטער. דאָס דאָזיגע מיטעל איז — אַ „קאָאַליציע”. דאָס הייסט, אַזאַ מין פּאַרזעהעניש־מיניסטעריום, וואו עס מישען זיך אויס קאַפּיטאַ־ליסטען און כלומר׳שטע סאָציאַליסטען.

אין יענע לענדער, וואו עס הערשט שוין לאַנג פרייהייט און דעמאָקראַטיע און וואו עס געפינט זיך אויך אַ רעוואָלוציאָנערע ארבייטער באַוועגונג, ווי למשל אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, האָ־בען די קאַפּיטאַליסטען שוין ניט איינמאָל דעם זעלבען מיטעל אָנ־געווענדעט, און עס האָט זיך זיי איינגעגעבען. די כלומר׳שט סאָציאַליסטישע פיהרער, וועלכע זיינען געוואָרען מיניסטאָרען אין אַ בורזשואַזנער רעגיערונג, זיינען אַלע מאָל געוואָרען די אונטער־שפּאַרער, די צאַצקעס און דער שירם פאַר די קאַפּיטאַליסטען. דורך זיי האָט מען זיך געקענט קליגערען און אָפּנאַרען די ארביי־טער. אונזערע רוסישע קאַפּיטאַליסטען האָבען דאָס גאַנץ גוט געוואוסט, זיינען זיי דעריבער אין איין שעהנעם פריהמאָרגען, פון דער העלער הויט געוואָרען „דעמאָקראַטען” און „רעפּובליקאַנער” און זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דעם זעלבען מיטעל. די סאָציאַ־ליסטען און די מענשעוויקעס האָבען זיך געלאָזט נאַרען, און אַזוי איז דעם 6טען מאַי צונויפגעשטעלט געוואָרען אַ „קאָאַליציאָנס מיניסטעריום” מיט דער באַטייליגונג פון טשערנאָוו׳ן, צערעטעלי׳ן און קאַמפּ.

די נאַראָנימלאַך פון דער מענשעוויסטישער און סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנערער פאַרטייען האָבען זיך ממש געפּרעגעלט אין נחת און אין פאַרגעניגען; זיי האָבען גאָר אָנגעקוואָלען פון דער גדולה — „אַ קלייניגקייט עפּעס, אונזערע פיהרער זיינען געוואָרען מיניסטאָרען!" און די קאַפּיטאַליסטען האָבען געלאַכט אין די הויפּענס און הנאה געהאַט דערפון וואָס זיי האָבען אריינגעפּאַקט די „סאָוויעט־פיהרער" אין זייער כתה אלס ארויסהעלפער געגען פאָלק; זיי זיינען געווען שטאַרק צופריעדען דערפון, וואָס זיי, די „סאָוויעט־פיהרער", האָבען פאַרשפּראָכען צו שטיצען די „טעטיגקייט אויפ׳ן פראָנט", דאָס הייסט, אָנצוגעהן מיט דער אימפּעריאַליסטישער, גזלנ׳ישער מלחמה. די קאַפּיטאַליסטען האָבען געוואוסט די אויפגעבלאָזענע מאַכטלאָזיגקייט פון די דאָזיגע פיהרער. זיי האָבען אויך גאַנץ גוט געוואוסט, אז די אַלע פאַרשפּרעכונגען וועגען קאָנטראָלירען די אינדוסטריע און פיהרען אזא פּאָליטיק, וואָס זאָל ברענגען צו שלום — די פאַרשפּרעכונגען וואָס זיי געבען, זיינען קיין אויסגעבלאָזענע איי ניט ווערט.

און אזוי איז טאַקע געווען. דער צווייטער פּעריאָד אין דער ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, פון 6טען מאי ביז׳ן 9טען אָדער 18טען יוני, האָט אינגאַנצען באַשטעטיגט דעם חשבון פון די קאַפּיטאַליסטען, ווי גרינג מען קען פאַרנאַרען אין זאַק אריין די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס.

בשעת פּעשעכאָנאָוו און סקאָבעלעיעוו האָבען גענאַרט זיך און דאָס פאָלק מיט שעהן־קלינגענדיגע פראַזען, אז מען וועט ביי די קאַפּיטאַליסטען נעמען הונדערט פּראָצענט ריוח, און אז זייער ווידערשטאַנד איז געבראָכען, און נאָך אזעלכע בבא־מעשיות, — האָבען זיך די קאַפּיטאַליסטען גאַנץ גוט באַפעסטיגט. פאַר דער גאַנצער צייט האָט מען גאָר ניט געטאָן, אָבער טאַקי לחלוטין גאָרניט, איינצוצוימען די קאַפּיטאַליסטען. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז די „סאָציאַליסטישע" מיניסטאָרען זיינען פּשוט געווען רעד־מאַשינען; זייערע רשות האָט מען אויסגענוצט אויף צו

פארדרעהען א קאפ די אונטערדריקטע מאסען, זיי זאלען מיינען, אז מען טהוט עפעס פאר זיי; דער אמת איז געווען, אז די „סאציאליסטישע" מיניסטארען האבען קיין ראלע ניט געשפיעלט, און דער גאנצער רעגיערונגס־אפאראט איז אין דער ווירקליכקייט נאר געווען אין די הענט פון דער ביוראקראטיע (טשינאווניקעס) און דער בורזשואזיע. דער אלט־באקאנטער פאלטשינסקי, דער גע־הילפס־מיניסטער פון האנדעלס ענינים, איז געווען דער טיפישער פארטרעטער פון דעם אפאראט, וואס האט ניט דערלאזט אנצונעמען קיין שום מיטעל געגען די קאפיטאליסטען. עס איז אויסגעקומען אזוי: די מיניסטארען האבען געפלאפעלט, געהאלטען דרשות — און עס אזוי אלץ געבליבען ביים אלטען.

אין איהר קאמפף געגען דער רעוואלוציע האט די בורזשואזיע אויסגענוצט דעם מיניסטער צערעטעלי מעהר פון אלע אנדערע. איהם האט מען געשיקט „בארוהיגען" קראנשטאדט, ווען די דארטיגע רעוואלוציאנערען האבען באקומען אזוי פיעל חוצפה, אז זיי האבען אזש געסמייעט ארונטערצוווארפען דעם באשטימטען קאמיסאר. די בורזשואזיע האט אין איהרע צייטונגען אנגעהויבען א קאמפף און גענומען שיטען פעך און שוועבעל, ליגענס, בלבולים און געמיינהייטען געגען קראנשטאדט; מען האט זיך ניט גע־שעהמט אויסצוטראכטען אזא בלבול, אז קראנשטאדט וויל זיך „אפ־רייסען פון רוסלאנד", און דעם דאזיגען געמיינעם נידערטרעכטיגען בלבול האט מען אויף טויזענטערליי אופנים ווידער אמאל און אבער אמאל איבערגע׳חזר׳ט און איבערגעקייט, כדי אנצושרעקען די בעלי הבתים׳לעך און די קליין־בורזשואזיע. און צערעטעלי, דער טיפישסטער פארשטעהער פון דער טעמפער, פארפלאנטערטער בעל הבית׳עלדיגקייט, האט זיך „געוויסענהאפטער" פאר אלע אנ־דערע אריינגעפאקט אין דער נעץ פון די בורזשואזנע בלבולים, און געטרייער פון אלע אנדערע „באמבארדירט און איינגעשמילט" קראנשטאדט, ניט פארשטעהענדיג אזא פשוט׳ע זאך, אז דערמיט ערפילט ער די ראלע פון א משרת׳על ביי דער

קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דורך איהם איז מען מיט דער רעוואָלוציאָנערער קראַנשטאַדט „אויסגעקומען" און אַנשטאַט דעם, וואָס פריהער איז דער קאָמי־סאַר באַשטימט געוואָרען פון דער רעגירונג, האָט מען איהם איצטער אויסגעקליבען גלייך אויפ'ן אָרט און די רעגירונג האָט געגעבען איהר הסכמה אויף איהם. אויף אַזעלכע און ענליכע נישטיגע פּשרות האָבען געפּטור'ט די צייט די מיניסטאָרען, וועלכע זיינען אָוועק פון'ם סאָציאַליזם און זיך פאַראייניגט מיט דער בורזשואַזיע.

דאָרט, וואו אַ בורזשואַזנער מיניסטער האָט דאָס פּנים ניט געקענט ווייזען און פאַרטיידיגען די רעגירונג פאַר רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער אָדער פאַר די סאָוויעטען, דאָרטען האָט מען אַרויסגע־שטעלט אַזעלכע „סאָציאַליסטישע" מיניסטאָרען ווי סקאָבעליעוו, צערעטעלי, טשערנאָוו אָדער אַנדערע, און יעדער „סאָציאַליסטישער" מיניסטער האָט געוויסענהאַפט און געטריי געדיענט דער בור־זשואַזיע, געקראָכען פון דער הויט אַרויס פאַרטיידיגענדיג די רעגי־רונג, זיך ניט געשעהמט צו מאַכען די קאַפּיטאַליסטען פאַר כשר'ע לעמעלאַך, וואָס זיינען נעבאַך גאָט די נשמה שולדיג, פאַרדרעהט אַ קאָפּ דעם פאָלק, איבערקייענדיג צום הונדערט און איינטען מאָל פאַרשפּרעכונגען און פאַרשפּרעכונגען און פאַרשפּרעכונגען, און זיך ניט געשעהמט צו זאָגען די סאָוויעטען אַלץ דיזעלבע חכמה, אַז מען דאַרף וואַרטען, וואַרטען און וואַרטען.

דער מיניסטער טשערנאָוו האָט זיך געהאַלטען אין איין דינגען מיט זיינע בורזשואַזנע קאָלעגען: ביז'ן מאָנאַט יולי, ביז'ן „רע־גירונגס־קריזיס", וואָס איז געקומען נאָך דער באַוועגונג פון'ם 3טען און 4טען יולי, ביז די קאַדעטען זיינען אַרויס פון'ם מיניס־טעריום, איז טשערנאָוו די גאַנצע צייט געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אַ ניצליכער, אינטערעסאַנטער, גרויסער פאָלקס־אַרבייט „איינשמועסענדיג" זיינע בורזשואַזנע קאָלעגען, אַז זיי זאָלען זיין אַזוי גנעדיג און געבען זייער הסכמה כאָטש אויף אַזאַ קליינינגקייט ווי פאַרבאָטען דאָס שאַכער־מאַכעריי אין'ם קויף־און־פאַרקויף פון

ערד. אָט דעם פאַרבאָט האָט מען די פּויערים פאַרשפּראָכען בחצוצרות וקול שופר אויף דעם אַל־רוסישען סאָוועטען־צוזאַמענ־פאָהר פון פּויערים דעפּוטאַטען אין פּעטראָגראַד. און ביי דעם פאַרשפּרעכען איז מען געבליבען. טשערנאָוו האָט עס ניט געקענט דורכפיהרען ניט אין מאָנאַט מאַי און ניט אין מאָנאַט יוני, ביז די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, וואָס האָט אַ פּלאַץ געטאָן דעם 3טען און 4טען יולי און אַרויסגעשאַרט די קאַדעטען פון׳ם מיניסטאָרען קאַבינעט, האָט געגעבען די מעגליכקייט דאָס דורכצופיהרען. אָבער אפילו דאַן ווען דער פאַרבאָט איז שוין יאָ אַרויסגעגעבען געוואָרען, האָט דאָס אויך קיין סך ניט געהאָלפען די פּויערים אין זייער קאַמפף פאַר ערד געגען די פּריצים.

און וואָס איז געוועזען אויפ׳ן פראָנט? די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אימפּעריאַליסטישע אויפגאַבע צו באַנייען די עראָבערישע גזלנישע מלחמה, די אויפגאַבע, וועלכע האָט ניט געקענט דורכגעפיהרט ווערען פון אַ גוטשקאָוו׳ן, וועמען דאָס פאָלק האָט פיינט געהאַט בתכלית השנאה, איז גלענצענד און קנאַקעדיג דורכגעפיהרט געוואָרען פון דעם אומשטיינס געזאָגט „רעוואָלוציאָנערען דעמאָקראַט״ און פריש־געבאַקענעם „סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער״ קערענסקי. ער אַליין האָט ממש אָנגעקוואָלען פון זיינע אייגענע שעהנע דרשות, איהם אַליין זיינען שטאַרק געפעלען געוואָרען זיינע צאַצקעדיגע, קלינגעדיגע פראַזען. און נאָך מעהר האָבען די אימפּעריאַליסטען פון איהם אָנגעקוואָלען; זיי האָבען זיך מיט איהם געשפּיעלט, אַלע לעבער מיט איהם פאַרשטעקט, און דערביי האָט מען איהם, ווי דער שטייגער איז, ניט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלימענטען און איהם דערהויבען ביז׳ן זיעבעטען הימעל — — און דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס ער האָט געטריי און איבערגעבען געדיענט די קאַפּיטאַליסטען, באַוויזענדיג די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטען ווי נויטיג עס איז ווייטער אָנצוגעהן מיט דער מלחמה, וועלכע ווערט געפיהרט כדי ניט צו צוברעכען די אָפּמאַכען, וואָס צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער האָט געשלאָסען מיט די קאַפּיטאַליסטען פון ענגלאַנד

און פראַנקרייך — אַ מלחמה אויף צו קריגען פאַר די רוסישע קאַפּיטאַליסטען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און לעמבערג, ערזערום און טראַפּעזונד.

אַזוי איז אַוועק די צווייטע פּעריאָדע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, פון'ם 6טען מאַי ביז'ן 9טען יוני. די קאָנטער־רעוואָלוציאָנע בורזשואַזיע איז געוואָרען שטאַרקער און זיך גוט באַפעסטיגט אונטער'ן שוץ פון די אומשטיינס געזאָגט „סאָציאַליסטישע" מיניסטאָרען, צוגרייטענדיג אַן אָנפאַל אי געגען אויסערליכען שונא, אי געגען אינערליכען, דאָס הייסט, געגען די רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער.

## 7.

דעם 9טען יוני האָט די פּאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער, די באָלשעוויקעס, צוגעגרייט אַ דעמאָנסטראַציע אין פּעטראָגראַד, כדי צו געבען אַן אָרגאַניזירטע פאָרמע דעם צאָרן און דער אומצופרידענהייט, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט אָנגעזאַמעלט אין די הערצער פון די מאַסען. די פיהרער פון די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען זיך אַליין פאַרפּלאָנטערט אין די „אויסקומענישען" מיט דער בורזשואַזיע און אין אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק, האָבען דערפיהלט, אַז זיי האָבען פאַרלאָרען זייער איינפלוס אויף די מאַסען און ס'איז אויף זיי געפאַלען אַ פּחד. באַלד איז געוואָרען אַ מהומה, אַ בהלה און אַ געוואַלד; אַלע האָבען גענומען שיטען פעך און שוועבעל אויף דער דעמאָנסטראַציע — אַלע, אי די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קאַדעטען, אי די מענשעוויקעס, אי די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. אונטער זייער פיהרערשאַפט,און איבער דעם, וואָס זיי האָבען געהאַלטען אין איין אויסקומען מיט די קאַפּיטאַליסטען, זיינען די קליין־בורזשואַזע מאַסען אויך צוגעשטאַנען צו דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע. אין דעם ליגט די היסטאָרישע באַדייטונג, אין דעם ליגט דער קלאַסען־זינען פון'ם קריזיס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען דעם 9טען יוני.

די באָלשעוויקעס האָבען די געפּלאַנטע דעמאָנסטראַציע אָפּגעלעגט, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט פיהרען די ארבייטער אויף א הלומיגען שלאַכט געגען די פּאַראייניגטע קאַדעטען, סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס. אָבער כדי ניט צו פּאַרלירען איגגאַנצען דעם צוטרויען פון די מאַסען, זיינען די לעצטע געוועזן געצוואונגען צו באַשטימען אַן אַלגעמיינע דעמאָנסטראַציע אויפ'ן 18טען יוני. די בורזשואַזיע איז דאַן געוועזן אויסער זיך פאַר כעס, ווייל אין דעם וואָס די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס האָבען באַשטימט אַן אַלגעמיינע דעמאָנסטראַציע האָבען זיי — מיט רעכט — געזעהען א סימן, אַז די קליינבירגערליכע דעמאָקראַטיע הויבט זיך אָן בויגען אויף דער זייט פון'ם פּראָלעטאַריאַט.

און ווירקליך, דער 18טער יוני האָט געבראַכט דערצו, אַז די לאָזונגען פון'ם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט, די לאָזונגען פון'ם באָלשעוויזם, זאָלען נאָך טיעפער אריינדרינגען אין די רייהען פון די פּעטראָגראַדער מאַסען, און דעם 19טען יוני איז פייערליך געמעלדעט געוואָרען פון דער בורזשואַזיע און פון'ם באָנאַפּאַרטיסט קערענסקי וועגען דעם, אַז דוקא דעם 18טען יוני האָט מען אָנגעהויבען אַן אנגריף אויפ'ן פראָנט.

דער אנגריף אויפ'ן פראָנט האָט פּשוט געמיינט, אַז מען הויבט ווידער אָן פיהרען די גזלנ'ישע מלחמה אין די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס די גרעסטע מאַיאָריטעט פון די האָראָפאַשניקעס איז געגען דעם. און דעריבער האָט שוין געמוזט קומען דערצו, אַז דער שאָוויניזם זאָל ווערען שטאַרקער, אַז די גאַנצע קריעגס־מאַכט (און פאָלגליך, די גאַנצע רעגירונגס־מאַכט) זאָל איבערגעהן אין די הענט פון דער קריעגס־באַנדע באָנאַפּאַרטיסטען, און אַז מען זאָל אָנהויבען אונטערדריקען די מאַסען, פאַרפאָלגען די אינטערנאַציאָנאַליסטען, אָפּשאַפען פרייהייט פון אַגיטאַציע, אַרעסטירען און דערשיסען יענע, וועלכע זיינען געגען דער מלחמה.

אויב דער 6טער מאי האָט צוגעבונדען די סאָציאַליסטען־רע־וואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס צום זיעגרייכען בורזשואזנעם וואָגען מיט א שטריק, האָט זיי דער 19טער יוני צוגעשמידט ווי א שקלאַף פאר די קאפּיטאליסטען מיט א קייט.

.8

איבער דעם וואָס מען האָט זיך ווידער א נעם געטאָן אָנפיהרען די רויבערישע מלחמה, האָט זיך די פארביטערונג פון די מאסען צעוואַקסען און איז געוואָרען וואָס אמאָל שטארקער און שטארקער. דעם 3—4טען יולי האָט די פארביטערונג געפּלאַצט — די פאר־ביטערונג, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבען געפּרואווט איינהאל־טען, און וועלכער זיי האָבען זעלבסטפארשטענדליך געמוזט געבען אַן אָרגאניזירטע פאָרמע.

אלס קנעכט פון דער בורזשאזיע, אלס געפּענטעטע פון'ם בעל־הבית, האָבען די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען און די מענשע־וויקעס איינגעשטימט אויף אלעס, אפילו אויף אזא געמיינהייט ווי ברענגען קיין פּעטראָגראַד רעאקציאָנערע חיל, איינפיהרען טויט־שטראָף, צונעמען דאָס געוועהר ביי די ארבייטער און ביי די רע־וואָלוציאָנערע סאָלדאטען, ארעסטירען מאסען מענשען, פארפאָל־גען רעוואָלוציאנערען און אָהן א משפט אפילו צומאכען צייטונגען. די מאכט, וואָס די בורזשואזיע האָט ניט געקענט אינגאנצען פאר־כאפּען אין דער רעגירונג, די מאכט, וואָס די סאָוויעטען האָבען ניט געוואָלט איבערנעמען, איז אריינגעפאלען אין די הענט פון דער מיליטערישער באנדע, פון די באָנאַפּארטיסטען, וועלכע זיינען, ס'פארשטעהט זיך, מיט'ן גאנצען הארצען געשטיצט געווארען פון די קאדעטען און שוואַרץ־מאה'ניקעס פּריצים און קאפּיטאליסטען.

און אבי די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען און מענשעווי־קעס האָבען זיך שוין א לאָז געטאָן אויפ'ן גליטשיגען וועג פון „אויסקומען" מיט דער בורזשואזיע, האָבען זיי זיך אזוי לאָני

געגליטשט, ביז זיי זיינען איינגאַנצען נעפאַלען. וואָס אמאָל זיי־נען זיי געזונקען אַלץ טיעפער און טיעפער. דעם 28טען פעב־רואר האָבען זיי דער בורזשואַזנער רעגירונג פאַרשפּראָכען, אַז דער פּעטראַגראַדער סאָוויעט וועט זי שטיצען אונטער געוויסע באַ־דינגונגען. דעם 6טען מאַי האָבען זיי שוין געמאַכט אַ שריט ווייטער און געראַטעוועט די בורזשואַזנע רעגירונג פון אונטערגאַנג, און איינשטימענדיג אויף אַן אַנגריף אויפ׳ן פראָנט, זיך געמאַכט פאַר איהרע משרתים און באַשיצער. דעם 9טען יוני האָבען זיי שוין געמאַכט אַ שריט נאָך ווייטער און זיך פאַראייניגט מיט דער בורזשואַזיע אין דעם פאַרביטערטען קאַמפף פון שקרים, זלזולים און בלבולים געגען דעם רעוואָלוציאָנערען פראָלעטאַריאַט. דעם 19טען יוני האָבען זיי גוטגעהייסען די באַנייאונג פון דער מערדערישער מלחמה, און דעם 3טען יולי האָבען זיי שוין געגעבען אַ הכשר, אַז מען מעג אַרויסרופען דאָס רעאַקציאָנערע חיל צו אונטערדריקען די רעוואָלוציע פון די מאַסען און איינגאַנצען אי־בערגעבען די מאַכט אין די הענט פון די באָנאָפּאַרטיסטען. אַט אַזוי זיינען זיי געזונקען אַלץ טיעפער און טיעפער.

אַזאַ מיאוסער סוף פון סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען און מעסיגע סאָציאַליסטען איז ניט קיין צופאַל. אין דער געשיכטע פון אייראָפּאַ האָט דאָס שוין ניט איינמאָל פאַסירט, און אַלע מאָל איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די קליינע בעלי בתים, דער קליין־בורזשואַזיע.

9.

ווער האָט דען ניט געזעהן ווי די קליינע בעלי בתים׳לאך שלאָגען זיך אַרויס פון די כוחות און שטרעקען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו ווערען „מיט לייטען גלייך", אַן אמת׳ער בעל הבית, אַ גאַנצער מאַכער, אַ תקיף מיט אַ פּאַרנעס — אַ בורזשוי. אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג האָבען די קליינע

ניט קיין אנדער אויסוועג ווי נאר איינס פון די צוויי: אדער אליין ווערען קאפיטאליסטען (און דאס איז אין בעסטען פאל מעגליך, אז פון הונדערט קליינע זאל זיך ארויסכאפען איינער און ווערען א גרויסער), אדער ווערען אן ארימער בעל הבית, א האלבער פראלעטאריער, און דערנאך — א גאנצער פראלעטאריער. דאס זעלבע איז אין דער פאליטיק: די קליין־בורזשואזנע דעמאקראטיע, באזונדערס איהרע פיהרער, שלעפען זיך שטענדיג נאך דער בורזשואזיע. די פיהרער פון דער קליין־בורזשואזער דעמאקראטיע האבען שוין אזא טבע איינצונעמען זייערע מאסען מיט פארשפרעכונגען און פארזיכערונגען אויף דעם חשבון, וואס זיי וועלען אויסקומען מיט די גרויסע קאפיטאליסטען, — אין בעסטען פאל קריגען זיי ארויס ביי די קאפיטאליסטען, אויף נאר א קורצער צייט, געוויסע קליינע הנחה׳לעך אויף צו פארשטאפען די מיילער פון א קליינעם טייל הארעפאשניקעס, און אין די איבערינע זאכען, אין די סאמע וויכטיגסטע, ענטשידענסטע ענינים, שלעפט זיך די קליינבירגערליכע דעמאקראטיע נאך פאר׳ן עק פון דער בורזשואזיע, און איז ניט מעהר ווי א צוטשעפעניש, אדער א שטיקעל געצייג אין די הענט פון די פינאנץ־קעניגע. די ערפאהרונג אין ענגלאנד און אין פראנקרייך האט דאס שוין ניט איינמאל באשטעטיגט.

די ערפאהרונג פון דער רוסישער רעוואלוציע, באזונדערס דאן, ווען די פאסירונגען האבען זיך אזוי אויסערגעוועהנליך שנעל ענטוויקעלט אונטער׳ן איינפלוס פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה און דעם טיעפען קריזיס, וואס זי האט ארויסגערופען, די ערפאהרונג פון מאנאט פעברואר ביז׳ן מאנאט יולי, 1917, האט מערקווירדיג קלאר און דייטליך באשטעטיגט דעם אלטען מארקסיסטישען אמת, אז די קליין־בורזשואזיע שטעהט קיינמאל ניט אויף קיין פעסטען באדען.

די רוסישע רעוואלוציע האט קלאר און דייטליך באוויזען אט וואס: די ארבייטער מאסען קענען זיך ניט ראטעווען פון די

THIS BOOK BELONGS TO
LEN WAGA



אייזערנע לאַפּעס פון דער מלחמה און הונגער און קענען נים פּטור ווערען פון דעם יאָך פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטען, אויב זיי וועלען נים איבעררייסען אינגאַנצען מיט די סאָציאַליס־טען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס און קלאָר באַגרייפען די פּאַררעטערישע ראָלע, וואָס זיי האָבען געשפּיעלט; מען מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערען פון די „אויסקומענישען״ מיט דער בורזשואַזיע און אינגאַנצען איבערגעהן אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער. בלויז זיי ,די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער, מיט דער שטיצע פון די אָרימסטע פּויערים, זיינען אימשטאַנד צו ברעכען דעם ווידערשטאַנד פון די קאַפּיטאַליס־טען, פיהרען דאָס פאָלק דערצו, אַז עס זאָל עראָבערען די ערד אָהן אַן אויסקויף, צו פולער פרייהייט, צו אַ זיעג איבער׳ן הונגער און איבער דער מלחמה; בלויז זיי קענען ברענגען אויף דער וועלט אַן אמת׳ען דויערהאַפטען און פעסטען שלום.

# איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען פון דער רעוואָלוציע

# הקדמה.

דער ארטיקעל, ווי מען קען זעהן פונ׳ם אינהאַלט, איז אָנגעשריבען געוואָרען סוף יולי. די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע פאַר׳ן חודש אויגוסט האָט אין גאַנצען באַשטעטיגט דאָס, וואָס ס׳איז אין דעם אַרטיקעל ארויסגעזאָגט געוואָרען. דער קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען ענדע אויגוסט, האָט פאַרקירעוועט די רעוואָלוציע אין א נייער ריכטונג, און באַוויזען גאַנץ קלאָר דעם גאַנצען פאָלק, אַז די קאַדעטען, וועלכע זיינען יד אחת מיט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע גענעראַלען, האָבען זעהר גרויס חשק צו צוטרייבען די סאָוויעטען און ווידער איינפיהרען אַ מאָנאַרכיע. אויף ווי ווייט ס׳איז שטאַרק די נייע ריכטונג אין דער רעוואָלוציע, און צי עס וועט זיך איהר איינגעבען צו מאַכען א סוף צו דער שעדליכער פּאָליטיק פון „אויסקומען" מיט דער בורזשואַזיע — דאָס וועט באַווייזען די נאָהענטע צוקונפט.

נ. לעגין.

6־טען סעפּטעמבער 1917.

# איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען פון דער רעוואָלוציע.

עס קען גאָר ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט זיין, אז די וויכטיגסטע פראגע פון יעדער רעוואָלוציע, איז די פראגע וועגען דער רעגירונגס־מאכט. וואָרים עס וועגדעט זיך אין גאנצען אָן דעם, וועלכער קלאַס עס האָט די מאכט אין די הענד. און אויב די צייטונג פון דער הויפט רעגירונגס־פארטיי אין רוסלאנד, די „דיעלאָ נאראָדא“, האָט זיך ניט לאנג צוריק (אין נומ. 147) געקלאָגט, אז איידער די דייסערייען וועגען דעם ביי וועמען די מאכט זאל זיין, פארגעסט מען אָן דער פראגע וועגען דער גרינדונגס פארזאמלונג, און אָן דער פראגע וועגען ברויט, האָבען די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען געדארפט ענטפערען אזוי: „האָט טענות צו זיך אליין. ווייל דאָס שאָקלען זיך און די אונענטשלאָסענקייט פון אייער פארטיי איז דאָך מעהר ווי אלעם שולדיג אין דעם, וואָס די מיניסטאָרען־קאבינעטען שפרינגען אלע מאָל ארויף און אראָפּ, אין דעם, וואָס מען האלט אין איין אָפּלעגען אויף שפעטער די גרינדונגס פארזאמלונג און אין דעם, וואָס מען פיהרט ניט דורך די אָנגענומענע ווי אויך די געפלאנטע מיטלען צו פארזאָרגען דאָס לאנד מיט ברויט“.

אויסמיידען אָדער פאררוקען אָן א זייט די פראגע וועגען דער מאכט — דאָס קען מען ניט, ווייל דאָס איז דאָך די סאמע וויכטיגסטע, פונדאמענטאלסטע פראגע, וואָס באשטימט אלעם אין דער ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, אין איהר אויסערליכער און אינערליכער פּאָליטיק. אז אונזער רעוואָלוציע האָט צו'פטור'ט א האלב יאָהר צייט ניט קענענדיג באשליסען אין וועמעס הענד־מאכט זאל זיין — וועגען דעם קענען גאָר קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. דאָס איז א פאקט, וואָס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר דער ניט ענטשלאָסענהייט פון די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָ־

נערען און מענשעוויקעס. די וואַקלענדיגע פּאָליטיק פון די דאָזיגע פּאַרטייען איז באַשטימט געוואָרען דורך דער קלאַסען־לאַגע פון דער קליין־בורזשואַזיע, דורך איהר עקאָנאָמישער ניט־פעסטקייט אין קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט.

די פראַגע איז איצט, צו די קליינבירגערליכע דעמאָקראַטיע האָט עפּעס געלערנט אין דעם האַלבען יאָהר, וואָס איז געווען אַזוי רייך אין אינהאַלט און אין פּאַסירונגען, צי זי איז אַלץ געבליבען ביי דער זעלבער תורה. אויב זי, די קליינבירגערליכע דעמאָקראַ־טיע, האָט פאַר דעם האַלבען יאָהר גאָר ניט געלערנט, דאַן איז די רעוואָלוציע פאַרלאָרען, און בלויז אַ זיעגרייכער אויפשטאַנד פון'ם פּראָלעטאַריאַט קען זי ראַטעווען. אויב אָבער זי האָט יאָ עפּעס געלערנט, דאַן דאַרף מען גלייך שאַפען אַ פעסטע, ניט וואַקלענדע מאַכט. אַ פעסטע מאַכט, דאָס הייסט אַזאַ, וועלכע האָט דערהוי־בען די מאַסען, די מאַיאָריטעט פון די אַרבייטער און פּויערים, קען אין דער צייט פון אַ פאָלקס־רעוואָלוציע זיין בלויז אַזאַ מאַכט, וואָס שטיצט זיך זיכער אויף דער מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג. ביז איצט איז די גאַנצע רעגירונגס־מאַכט אין רוסלאַנד פּאַקטיש אין די הענד פון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז געצוואונגען צו מאַ־כען קליינע, טיילווייזע הנחות (כדי זי זאָל זיי מאָרגען קענען אוועק־נעמען צוריק), זיך וואַרפען מיט פאַרשפּרעכענס רעכטס און לינקס (כדי צו שיטען דעם פאָלק זאַמד אין די אויגען און זיך צאַצקען מיט דער „פיינער קאָאַליציע") א. ז. וו., א. ז. וו., לפנים — אַ דעמאָקראַטישע רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־רעגירונג, און אין דער אמת'ען — אַן אַנטי־דעמאָקראַטישע רעגירונג, וואָס איז גאָר נעגען פאָלק. אין דעם איז דער ווידערשפּרוך, וואָס האָט עקזיסטירט ביז איצט און איז געווען די אורזאַכע דערפון, וואָס די רעגירונגס־מאַכט האָט זיך געהאַלטען אין איין שאָקלען און די מיניסטאָרען־קאַבינעטען זיינען געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ. און מיט אַזאַ אַרבייט האָבען זיך דאָס אָפּגעגעבען די הערען מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען !

„אָדער צוטרייבען די סאָוויעטען און — זאָלען זיי שטארבען מיט א מיאוס'ען טויט, אדער—די גאנצע מאכט צו די סאָוויעטען!"

— אזוי האָב איך געזאָגט אויפ'ן אַל־רוסישען סאָוויעטען־צוזאַמענפאָהר אנפאנג יוני 1917. און די פאסירונגען פון יולי און אויגוסט האָבען קלאָר און דייטליך באוויזען, אז איך בין געווען גערעכט. בלויז א סאָוויעטען־מאכט קען זיין א פעסטע, איינגאַנצען געשטיצט פון דער מאיאריטעט פונ'ם פאָלק — ווי עס זאָלען דאָס ניט לייקענען די משרתים פון דער בורזשואזיע: פאָטריעסאָוו, פלעכאנאָוו און די אנדערע, ביי וועמען עס קומט אויס, אז איבערגעבען די מאכט אין די הענד פון א נישטיגער מינאָריטעט, אין די הענד פון דער בורזשואזיע און עקספלאָאטאטאָרס, הייסט „פארברייטערען דעם באזיס" פון דער מלוכה.

בלויז א סאָוויעטען־מאכט וואָלט געקענט זיין א פעסטע, בלויז זי וואָלט מען ניט געקענט ארונטערוואַרפען אפילו אין די סאמע שטורמדיגסטע מאָמענטען פון א סאמע שטורמדיגסטער רעוואָלוציע, בלויז אזא מאכט וואָלט געקענט פארזיכערען די רעוואָלוציע מיט א שטענדיגער, ברייטער ענטוויקלונג און מיט א פרידליכען פארטיי־קאמף אין די סאָוויעטען גופא. און כל זמן אזא מאכט איז נישטאָ, מוז מען זיך אַלע מאָל ווארפען אין אַלע זייטען, מוז מען זיך דרעהן אהין און אהער און עס מוז אויסקומען אזוי, אז די מיניסטאָרען זאָלען זיך מאכען נאריש און שפרינגען ארויף און אראָפ און שטענדיג זיין אין דער מורא, עס זאָל נאָך, חלילה, ניט אויסברעכען קיין שטורם פון רעכטס, אָדער פון לינקס.

איז אָבער די צרה, וואָס דער לאָזונג: „די גאנצע מאכט צו די סאָוויעטען!" ווערט זעהר שלעכט פארשטאנען. מען מיינט, אז דערמיט איז מען אויסען, אז עס זאָל צונויפגעשטעלט ווערען א „מיניסטעריום פון דער פארטיי פון דער סאָוויעטען־מאיאָריטעט". און וועגען אָט דער פאלשער מיינונג וואָלטען מיר זיך געוואָלט אָפשטעלען אביסעל מעהר באריכות.

א „מיניסטעריום פון דער פארטיי פון דער סאָוויעטען־מאיאָ־

ריטעט" מיינט פּשוט איבערבייטען די פּערזאָנען אין׳ם מיניסטאָרען קאַבינעט, און אַליין ניט טשעפּען דעם אַלטען אַפּאַראַט פון דער רעגירונגס־מאַכט, דעם אַפּאַראַט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ ביוראָקראַטישען גייסט און איז ניט פעהיג דורכצופיהרען אין לעבען קיין איין און איינציגע רעפאַרמע, וואָס קריגט אַ הכשר אפילו אין דער פּראָגראַמע פון די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען.

„די מאַכט צו די סאָוויעטען" הייסט — אינגאַנצען איבערמאַכען די אַלטע רעגירונגס־מאַשין, וואָס ציטערט פאַר אמת'ער דעמאָקראַטיע ווי פאַר'ן טייפעל, עס הייסט — אינגאַנצען פּטור ווערען פון דער אַלטער רעגירונגס מאַשין, און אויף איהר אָרט איינפיהרען אַן אמת דעמאָקראַטישען פאָלקס־אַפּאַראַט פון די סאָוויעטען, דאָס הייסט פון דער אָרגאַניזירטער און באַוואָפענטער מאַיאָריטעט פון'ם פאָלק, פון די אַרבייטער, סאָלדאַטען און פויערים ; עס הייסט — מאַכען אַן אַנפאַנג, אַז די מאַיאָריטעט פון'ם פאָלק זאָל האָבען אַ דעה ניט נאָר אין די וואַהלען, נאָר אויך אין דער רעגירונג און אין דעם אופן ווי אַזוי מען זאָל איינפיהרען די נויטיגע רעפאָרמען און ווי אַזוי מען זאָל דאָס גאַנצע לעבען איבערבויען.

כדי מען זאָל אָט דעם אונטערשיעד מעהר פאַרשטעהן, וועלען מיר דאָ דערמאָנען, וואָס די „דיעלאָ נאַראָדאַ", די צייטונג פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געשריבען. דער אַרטיקעל אין יענער צייטונג איז געווען אַ מין וידוי, און מיר וועלען פון דאָרטען אַרויסנעמען דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע. „אַפילו אין יענע מיניסטעריומס, — האָט די „דיעלאָ נאַראָדאַ" געשריבען, — וועלכע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענט פון די סאָציאַליסטישע מיניסטאָרען, (דאָס איז געשריבען געוואָרען דאַן ווען עס איז געווען די באַרימטע קאָאַליציע מיט די קאַדעטען, ווען די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען מיניסטאָרען) אַפילו אין יענע מיניסטעריומס איז דער גאַנצער פאַרוואַלטונגס־אַפּאַראַט געבליבען דער־

זעלבער, און דאס האט ניט געלאזט אנגעהן מיט דער ארבייט, וואס מען האט געוואלט אויפטאן".

און אנדערש האט עס ניט געקענט זיין. די גאנצע געשיכטע אין די בורזשוא-פארלאמענטארישע לענדער, ווי אויך אין א געוויסען גראד אין די בורזשוא-קאנסטיטוציאנעלע לענדער, באווייזט קלאר און דייטליך, אז בייטען מיניסטארען, ארונטערזעצען איינעם און ארויפזעצען א צווייטען, האט זעהר א קליינע באדייטונג. מחמת די גאנצע פארוואלטונגס ארבייט ליגט דאך אין די הענד פון א ריזינער ארמעע פון פארשידענע טשינאווניקעס. און די דאזיגע ארמעע איז דורך און דורכגעדרונגען מיט אן אנטי רעמאקראטישען גייסט, איז פארבונדען דורך טויזענדער און מיליאנען פעדים מיט דעם געזינדעל פון פריצים און קאפיטאליסטען, און איז אויף טויזענדערליי אופנים אפהענגיג פון דעם דאזיגען געזינדעל. אט די ארמעע פון טשינאווניקעס איז ארומגערינגעלט מיט א בורזשואזנער אטמאספערע, אין וועלכער זי וועיקט זיך שטענדיג, אין וועלכער זי אטעמט תמיד; אט די ארמעע איז שוין פארגליווערט, פארהארטעוועט און פארשימעלט; זי קען זיך שוין גאר בשום אופן פון איהר אטמאספערע נים ארויסרייסען; און זי קען שוין גאר ניט דענקען אדער פיהלען אנדערש ווי מען האט זי געלערנט. אט די ארמעע איז געבונדען דורך פארשידענערליי באציהונגען און דורך געוויסע פריווילעגיעס פון די „רעגירונגס-שטעלעס". און ווער שמועסט נאך, די גאר גרויסע טשינאווניקעס — זיי זיינען דאך אודאי דאס אויבערשטע פון'ם שטויסעל, זיי מוזען דאך אודאי זיין געבונדען מיט הענד און מיט פיס דורך די פארשידענערליי אקציעס און באנקען, ווייל גאנץ אפט זיינען זיי גאר אליין די אגענטען פון דעם קאפיטאליסטישען געזינדעל, און זיי מוזען שוין ארבייטען מיט אלע כוחות אין די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען.

און מען דארף פשוט זיין א נאאיווער מענש, אדער א פאלשער מענש איינצורעדען זיך אליין און אנדערע, אז דורך אזא רעגירונגס-

מאַשין וועט מען קענען דורכפיהרען אין לעבען אַזעלכע ענדערונגען ווי צונעמען ביי די פּריצים די ערד אָהן אַ באַלוינונג, איינפיהרען אַ ברויט־מאָנאָפּאָל, א. ד. גל. אַזאַ רעגירונגס־מאַשין קען אַרבייטען בלויז פאַר אַ רעפּובליקאַנער בורזשואַזיע און שאַפען אַזאַ מין רעפּובליק, וואָס זאָל אין דער אמת'ען גאָר זיין אַ מין „מאָנאַרכיע אָהן אַ מאָנאַרך", ווי די דריטע רעפּובליק אין פראַנק־רייך. אָבער דורכפיהרען רעפאָרמען, אַפילו ניט אַזעלכע, וואָס זאָלען איינגאַנצען אָפּשאַפען די רעכט פון קאַפּיטאַל, נאָר אַפילו אַזוינע, וואָס זאָלען דאָס רעכט פון קאַפּיטאַל איינצוימען, באַשרענ־קען — דאַרויף איז אַזאַ רעגירונגס־מאַשין לחלוטין ניט פעהיג. און דערפאַר קומט אַלץ אויס אַזוי, אַז וואָס פאַר „סאָציאַליסטישע" מיניסטאָרען מען זאָל אין אַ בורזשואַזנער רעגירונג ניט אַריינזעצען, און ווי די „סאַציאַליסטישע" מיניסטאָרען זאָלען זיך ניט שטרעקען אין דער לענג און אין דער ברייט, מיינענדיג מיט'ן גאַנצען האַרצען עפּעס אויפצוטאָן פאַר'ן פאָלק, בלייבען זיי אַלץ ניט מעהר ווי אַ שיינדעל, אַ צאַצקע אין דער בורזשואַזנער רעגיערונג; דורך זיי קומט עס לייכטער אָן אָפּצונאַרען דאָס פאָלק, אונטער זייער שוץ קען מען זיך באַהאַלטען אין דער צייט פון אַ שטורם; זיי זיינען ניט מעהר ווי אַ מין סגולה איינצושטילען דעם צאָרן פון פאָלק ווען עס הויבט זיך אָן אַ שטורם. אַזוי איז געווען מיט לואי בלאַן אין'ם יאָהר 1848, אַזוי איז געוועזן שוין צעהנדליגער מאָל אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך, ווען מען האָט געטאָן אַ טובה דער וועלט און אַריינגענומען סאָציאַליסטען אין מיניסטאָרען־קאַ־בינעט, אַזוי איז געווען מיט טשערנאָוו'ן און צערעטעלי'ן אין 1917, אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זיין, כל זמן עס האַלט זיך נאָך די בורזשואַזנע אָרדנונג, כל זמן מען טשעפּעט ניט די אַלטע בור־זשואַזנע פאַרהאַרטעוועטע, פאַרגליווערטע און פאַרשימעלטע רע־גירונגס־מאַשין.

די סאָוויעטען פון אַרבייטער, סאָלדאַטען און פּויערים־דעפּו־טאַטען זיינען זעהר וויכטיג דערמיט אַליין, וואָס זיי שטעלען מיט

זיך פאַר אַן אמת דעמאָקראַטישען און העכסטען טיפ פון א נייעם רעגירונגס־אפּאַראַט. די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און די מענשעוויקעס האָבען געטאָן אַלעס אין דער וועלט אויף צו מאַכען פון די סאָוויעטען (באַזונדערס פון׳ם פעטראָגראַדער און אַל־רוסי־שען סאָוויעט, דאָס הייסט פון דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט) פוסטע פּלאַפּעל־מאַשינען, וועלכע „קאָנטראָלירען" כלומרשט זעהר וויכ־טיגע ענינים, בשעת די רעגיערונג האָט אין דער אמת׳ן מיט א צינישען שמייכעלע אויף די ליפּען גענומען די אַלע רעזאָלוציעס און זיי פאַררוקט אין א ווינקעל, אז זיי זאָלען זיך דאָרטען ליגען ביז משיח וועט קומען. עס איז אָבער געווען גענוג, אז א ניי ווינטעל זאָל א בלאָז טאָן, עס איז געווען גענוג, אז קאָרנילאָוו זאָל זיך ארויסרוקען אין פאָדערגרונד, און דאָס פארשימעלטע און אָפּגע־שטאַנענע, וואָס ס׳איז געווען אין די סאָוויעטען, איז פארשארט געוואָרען אין א זייט, און די איניציאַטיווע פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסען האָט זיך ארויסגעוויזען מיט איהר פולער קראַפט.

דערפון מעגען זיך אראָפּנעמען א מוסר די אַלע פאַרשוינען, וועלכע גלויבען ניט אין די כוחות פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסען. זאָלען זיך שעהמען אָט די אַלע פאַרשוינען, וועלכע זאָגען, אז מיר האָבען נאָך ניט אזא אפּאַראַט, וואָס זאָל קאָנען פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון׳ם אַלטען רעגירונגס־אפּאַראַט, וועלכער דיענט די אינ־טערעסען פון דער בורזשואַזיע. דאָס וואָס זיי זאָגען איז ניט אמת, ווייל מיר האָבען יא אזא אפּאַראַט, און דאָס זיינען די סאָ־וויעטען. שרעקט אייך ניט אזוי פאַר דער איניציאַטיווע און פאַר דער זעלבסטשטענדיגקייט פון די מאַסען; איהר פארלאָזט זיך נאָר אויף די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון די מאַסען — און איהר וועט אין אַלע צווייגען פון דעם מלוכה לעבען דערזעהן אזא מאַכט, אזא ריזיגקייט, אזא אונבאַזיגבאַרען כוח פון די ארבייטער און פויערים, ווי זיי האָבען ארויסגעוויזען פאַראייניגענדיג זיך געגען די שווארצע כוחות פון קאָרנילאָוו׳ן.

די פיהרער פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענ־

שעוויקעס באַגעהן דעם גרעסטען פאַרברעכען דערמיט, וואָס זיי גלויבען ניט אין די כוחות פון די מאַסען, ציטערען פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע און שרעקען זיך פאַר זייער זעלבסטשטענדיגקייט. דאָס איז אַ געמיינהייט! אנשטאַט דעם, וואָס זיי ציטערען אַזוי פאַר דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע פון די מאַסען, וואָלטען זיי זיי בעסער געדאַרפט שטיצען און זיי אונטערגעבען מוט. און ווייל זיי ציטערען אַזוי פאַר די מאַסען, מוזען זיי שוין געהן אויף דעם גליטשיגען וועג, מוזען זיי זיין ניט ענטשלאָסען, מוזען זיי זיך וואַרפען אין אַלע זייטען, מוזען זיי זיך וואַקלען אַהין און אַהער און טאָן איין נאַרישקייט גרעסער פאַר דער אַנדערער און זיך אָפּגעבען מיט אַזאַ נישטיגער אומווירדיגער אַרבייט ווי פּרואווען אַריינגיסען נייעם וויין אין דער פאַרשימעלטער כלי פון'ם ביוראָקראַטישען רעגירונגס־אַפּאַראַט.

טראַכט אייך נאָר אומיסטען גוט אַריין אין דער געשיכטע ווי אַזוי מען האָט דעמאָקראַטיזירט די אַרמעע אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין 1917, נעמט די געשיכטע פון טשערנאָוו'ס מיניסטעריום, די געשיכטע פון פּאַלטשינסקי'ס הערשען, די געשיכטע פון פּלעכאַנאָוו'ס אַוועקגעהן פון'ם מיניסטאָרען־קאַבינעט — און איהר וועט אויף שריט און טריט איינזעהן אַזוי קלאָר אַ פעסטע באַשטעטיגונג דאַרויף, וואָס איך האָב דאָ אויבען געזאָגט. איבער דעם וואָס מען האָט קיין צוטרויען ניט געהאַט צו די אָרגאַניזאַציעס, וואָס די סאָלדאַטען אַליין האָבען אויסגעקליבען, איבער דעם וואָס מען האָט מורא געהאַט אויף די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס זיך צו פאַרלאָזען, איז שוין במילא אויסגעקומען אַזוי, אַז די קאָרנילאָווס, קאַלעדינס און די אַלע אַנדערע אָפיצירען, ביי וועמען די רעוואָלוציע איז געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגען, זיינען דאָך געבליבען די הויפּט מאַכערס און געהאַט די גאַנצע דעה. דאָס איז אַ פאַקט. און ווער עס וויל נאָר ניט אומיסטען צומאַכען די אויגען, דער קען ניט בשום אופן ניט זעהן, אַז אפילו נאָך דער קאָרנילאָווטשינע נעמט די קערענסקי־

רעגירונג און לאָזט אַלעס איבער אויפ'ן אַלטען שטייגער, און פיהרט אויף אַזאַ אופן ווידער איין א נייע קאָרנילאָוושטשינע. דערמיט אליין וואָס מען ווערט „חבר־לאַפּ" מיט אלעקסיעוו'ן און מיט די אלע קלעמבאָווסקים, גאַגאַרינס, באַגראַטיאָנס און מיט די אלע אנדערע חברה פון'ם קאָר־נילאָוו־געזינדעל; דערמיט אליין, וואָס מען באַגעהט זיך אַזוי עדעל און מאַניערליך מיט קאָרנילאָוו'ן אליין און מיט קאַלעדינ'ען, באַווייזט מען אַזוי קלאָר וואָס קלערער קען שוין גאָר ניט זיין, אַז אין דער אמת'ן פיהרט קערענסקי איין א נייע קאָרנילאָוו־שטשינע.

קיין מיטעל־וועג איז נישטאָ! די ערפאַהרונג האָט געוויזען, אַז קיין מיטעל־וועג איז נישטאָ. איינס פון די צוויי — אָדער די גאַנצע מאַכט צו די סאָוויעטען און איינפיהרען אַן אמת'ע דע־מאָקראַטיע אין אַרמעע, אָדער — א קאָרנילאָוושטשינע.

און וואָס איז מכח דער געשיכטע וועגען טשערנאָוו'ס מי־ניסטעריום? האָט זי דען ניט קלאָר און דייטליך באַוויזען, אַז יעדער ערנסטער שריט אויף צו באַפרידיגען די נויטען פון די פויערים, יעדער שריט, וואָס האָט עטוואָס געהאַט אין זיך א סימן פון צוטרויען צו די פויערים און צו זייערע אייגענע מאַסען־אָרגאַניזאַציאָנען און האַנדלונגען, האָט אַרויסגערופען די גרעסטע באַגייסטערונג צווישען פויערטום. און טשערנאָוו האָט זיך נעבאַך געדאַרפט פיער מאָנאַטען כסדר האַלטען אין איין דינגען מיט די קאַדעטען און מיט די טשינאָווניקעס, וועלכע האָבען אלע וויכ־טיגע זאַכען אָפּגעלעגט אויף שפּעטער און סוף כל סוף געבראַכט דערצו, אַז טשערנאָוו זאָל אינגאַנצען אַרויס פון'ם מיניסטאָרען־קאַבינעט, ניט האָבענדיג גאָרניט אויפגעטאָן. די פּריצים און די קאַפּיטאַליסטען האָבען דערוויילע אין'ם משך פון די פיער מאָנאַטען „געוואונען די שפּיעל"; זיי האָבען אָפּגעלעגט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און זיך גענומען אונטערדריקען די ערד־קאָמיטעס.

קיין מיטעל־וועג איז נישטאָ! די ערפאהרונג האָט געוויזען, אז קיין מיטעל־וועג איז נישטאָ. אָדער די גאנצע מאכט צו די סאָוויעטען, אי אין צענטר, אי אין דער פּראָווינץ; די גאנצע ערד צו די פּויערים באלד, נאָך איידער די גרינדונגס־פאר־זאמלונג באשליסט דאָס, — אָדער די פּריצים און די קאפּיטאַ־ליסטען לאָזען קיין זאַך ניט אויפטאָן, פיהרען איין זייער אייגענע הערשאפט, ברענגען די פּויערים צו פארביטערונג, וואָס עס וועט סוף כל סוף פיהרען דערצו, אז ביי די פויערים וועט די גערולד פּלאצען און זיי וועלען מאכען א שרעקליכען אויפשטאנד.

און דאָס זעלבע איז געווען מיט פעשעכאָנאָוו'ן. ער האָט נעבאַך נעוואָלט עפּיס אויפטאָן, אָבער מען האָט איהם ניט גע־לאָזט. די קאפּיטאליסטען האָבען ניט דערלאָזט איינפיהרען די מינדסטע קאָנטראָלע איבער דער אינדוסטריע און די סוחרים האָבען ניט דערלאָזט איינפיהרען קיין תבואה־מאָנאָפּאָל. קיין זאַך האָבען זיי ניט געלאָזט אויפטאָן.

אייניגע מיינען, אז איצט דאַרף מען זיך ערשט אוועקזעצען ברעכען דעם קאָפּ, קנייטשען דעם מוח און אויסטראַכטען „שפּאָגעל נייע רעפאָרמען" און אויסארבייטען נייע „פּלענער". עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! אזוי מיינען בלויז די קאפּיטאליסטען און אויך די פּאָטרעסאָווס און פּלעכאנאָווס, וועלכע מאכען גוואַלדען, מען זאָל ניט „איינפיהרען דעם סאָציאַליזם" און ניט ערקלערען קיין „דיקטאטור פון'ם פּראָלעטאריאט". אין דער אמת'ען אָבער איז די איצטיגע לאגע אין רוסלאנד אזא, אז די שרעקליכע שוועריג־קייטען און נויטען, וואָס די מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט און די גרויסע סכנה פון מיש־מאַש און הונגער, האָבען אליין אָנגעוויזען אן אויסוועג, וואָס מען דאַרף און וואָס מען מוז טאָן, און דאָס איז — איינפיהרען א מאָנאָפּאָל אויף די תבואות, א קאָנטראָלע אויף דער אינדוסטריע, באשטימען און באשרענקען דאָס ארויס־לאָזען פון פּאַפּיער־געלט און ווי נעהעריג איז אויסצובייטען ברויט פאר סחורה א. ז. וו.

אַט אזעלכע מיטלען דאַרף מען אָננעמען. דאָס גיבען אלע צו. און אַזעלכע מיטלען האָט מען שוין טאַקי אָנגעהויבען אָננעמען אין אַ סך שטעדט, אין פאַרשיידענערליי געגענדען. אָבער טאַקי ניט מעהר ווי אָנגעהויבען. מחמת די פּריצים און די קאַפּיטאַליסטען לאָזען ווייטער ניט אָנ־געהן מיט זיי. אויף יעדען שריט און טריט באַגעגענט מען שטערונגען פון זייער זייט און אין דעם העלפט זיי אַרויס קע־רענסקי׳ס רעגירונג, וועלכע איז אין דער אמת׳ען אַ בורזשואַזנע, באַנאַפּאַרטיסטישע רעגירונג, און דערצו האָבען זיי נאָך די דיי־רעקטע און אומדירעקטע שטיצע פון׳ם רוסישען, ווי אויך פון דעם עליאַס־קאַפּיטאַל.

ערשט ניט לאַנג צוריק האָט י. פּרילעזשאַיעוו געשריבען אין דער צייטונג „דיעלאָ נאַראָדאַ" (נומער 147), באַווייזענדיג פּע־שעכאָנאָוו׳ס אַרויסטרעטען פונ׳ם מיניסטאָרען־קאַבינעט און דאָס, וואָס ס׳האָט זיך ניט איינגעגעבען אָוועקצושטעלען פעסטע פּריי־זען און איינפיהרען אַ מאָנאָפּאָל אויף תבואה:

„געוואַגטקייט און ענטשלאָסענהייט — אָט וואָס עס האָט געפעהלט די פאַרשיידענערליי רעגירונגען אונזערע.... די רעוואָלו־ציאָנערע דעמאָקראַטיע טאָר ניט וואַרטען, זי מוז אַרויסווייזען אַן אייגענע איניציאַטיווע און אליין מאַכען אַ טאָלק אין דעם מיש־מאַש.... וואו וואו — אין דעם פּרט מוז מען אָננעמען אַ פעסטע שטעלונג און אַרויסווייזען אַן ענטשיידענדע מאַכט".

וואָס אמת, איז אמת. גאָלדענע ווערטער. דער שרייבער האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען, אַז די פראַגע וועגען אָננעמען אַ פעסטע שטעלונג און וועגען אַרויסווייזען געוואַגטקייט און ענט־שלאָסענהייט, איז ניט קיין פּערזענליכע פראַגע, נאָר אַ פראַגע וועגען דעם קלאַס, וועלכער איז טאַקי באמת פעהיג אַרויסצואווייזען געוואַגטקייט און ענטשלאָסענהייט. און דער איצטיגער קלאַס דער־פאַר איז — דער פּראָלעטאַריאַט. געוואַגטקייט און ענטשלאָסענ־הייט פון דער מאַכט און אַ פעסטע שטעלונג מצד דער דאָזיגער

מאכט — דאָס איז ניט קיין אנדער זאַך ווי א דיקטאטור פון׳ם פּראָלעטאַריאט און די אָרימסטע פּויערים. און י. פּרילעזשאַיעוו אַליין גארט נאָך אַזאַ דיקטאַטור, ניט ווינסענדיג דאָס אַליין.

וואָרים וואָס וואָלט אין דער אמת׳ן געמיינט אַזאַ דיקטאַטור? דאָס וואָלט געמיינט — ארויסווייזען א געהעריגען ווידערשטאַנד דעם קאָרנילאָוו געזינדעל, מאכען א סוף צו אַזאַ ממשלה און איינפיהרען טאַקי אָן אמת׳ע דעמאָקראַטיע אין דער ארמעע. ניין און נײַנציג הונדערטלעך פון דער ארמעע וואָלטען געווען די שטאַרקסטע אָנהענגער פון אַזאַ דיקטאַטור צוויי טעג נאָכדעם ווי מען וואָלט זי איינגעפיהרט. אַזאַ דיקטאַטור וואָלט געגעבען די פּויערים ערד און וואָלט געבראַכט דערצו, אַז די פּויערים־קאָמיטעטען אין די דערפער זאָלען האָבען די פולע מאַכט. און מען דאַרף דאָך פּשוט זיין א מטורף, א מענש אָהן א ברעקעל פאַרשטאַנד, צו צווייפלען אין דעם צו די פּויערים וועלען שטיצען אַזאַ דיקטאַטור. פּעשעכאָנאָוו׳ס ווערטער אויפ׳ן סאָוויעטען צו־זאַמענפאָהר, אַז „דער ווידערשטאַנד פון די קאַפּיטאַליסטען איז שוין געבראָכען”, וואָלטען דורך אַזאַ דיקטאַטור ניט געבליבען בלויז קיין ווערטער, נאָר זיי וואָלטען דורכגעפיהרט געוואָרען אין לעבען, און דערביי וואָלט זי, די דיקטאַטור, ניט געשאַדט די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען שוין געגרינדעט געוואָרען, נאָר פאַרקעהרט, זי וואָלט זיי נאָך געשיצט, זי וואָלט זיי נאָך געהאָלפען זיך ענטוויקלען און וואָלט באַזייטיגט די אַלע זאַכען, וואָס שטערען אין דער ארבייט.

בלויז די דיקטאַטור פון׳ם פּראָלעטאַריאט און די אָרימסטע פּויערים קען צוברעכען דעם ווידערשטאַנד פון די קאַפּיטאַליסטען, ארויסווייזען א ווירקליך גרויסע געוואַגטקייט און ענטשלאָסענהייט און זיך פאַרזיכערען מיט א מעבטינגער, באמת העלדישער שטיצע פון די מאַסען אי אין דער ארמעע אי צווישען די פּויערים.

די מאַכט צו די סאָוויעטען — דאָס איז די איינציגע תרופה אויף צו באַפרידיגען די באַדירפניסע פון די ברייטע פאָלקס־

מאַסען און זיי העלפען אויסנוצען זייער אייגענע ערפאַהרונג. די מאַכט צו די סאָוויעטען מיינט — איבערגעבען די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון לאַנד אין זייערע הענט; דאָס מיינט איבער־געבען איינגאַנצען די פאַרוואַלטונג פון דער מלוכה און די קאָנט־ראָלע איבער דער גאַנצער מלוכה־ווירטשאַפט אין די הענט פון די אַרבייטער און פויערים, געגען וועמען קיינער וואָלט ניט געסמייעט זיך צו שטעלען אַנטקעגען, און וועלכע וואָלטען זיך גאַנץ שנעל, דורך אייגענער ערפאַהרונג, אַליין אויסגעלערענט פאַנאַנדערצוטיי־לען די ערד, די פּראָדוקטען און די תבואות.

## וועגען „ענטוואפנונג".

אין א גרויסע צאהל לענדער, הויפטזעכליך אין אזעלכע קליינע לענדער, וואס נעמען ניט קיין דירעקטען אנטייל אין דער יעצטיגער מלחמה, — ווי צום ביישפיעל אין שוועדען, נארוועגיען, האלאנד, שווייץ, — הערט זיך אלע מאל א שטימע צו גונסטען פון אויס־בעסערען דעם אלטען פונקט אין דעם סאציאל־דעמאקראטישען מינימום פראגראם, נעמליך, „אנשטאט „מיליץ" אדער „באוואפנונג פון פאלק", ארויסשטעלען די נייע פאדערונג פון „ענטוואפנונג". אין דעם ארגאן פון דער „אינטערנאציאנאלער יוגענד", נומער 3, געפינט זיך א לייט־ארטיקעל וועגען ענטוואפנונג. אין דער „אפהאנדלונג" פון ר. גרים וועגען דער מלחמה פראגע, צוגעגרייט פאר דעם קאנגרעס פון דער שווייצארישער סאציאל־דעמאקראטי־שער פארטיי, געפינען מיר געוויסע פארשלעגע וועגען דער אידעע פון „ענטוואפנונג". אין דער שווייצארישער פעריאדישער אויס־גאבע, „דאס נייע לעבען", זאגט זיך ראלאנד האלסט ארויס פאר „פאראייניגען" די צוויי פאדערונגען, אבער אין דער ווירקליכקייט זיינען זיי איינגענטליך עהנליך צו ר. גרים'ס פארשלאג. אין דעם אינטערנאציאנאלען ארגאן פון דעם לינקען פליגעל, „פארבאט" („דער שליח") נומער 2, איז דא אן ארטיקעל פון דעם האלענדישען מארקסיסט וויאניקאפ צום גונסטען דער אלטער פאדערונג פון באוואפנען דאס פאלק. דער סקאנדינאווישער לינקער פליגעל פון דער סאציאליסטישער פארטיי, ווי דאס וועט זיך ארויסצייגען פון די ארטיקלען, וואס וועלען ווייטער איבערגעגעבען ווערען, נעמט אן די פאדערונג פון „ענטוואפנונג" און פאראייניגט די פאדערונג מיט געוויסע עלעמענטען פון פאציפיזם.

לאמיר זיך אומקערען צו די וועלכע פארטיידיגען דעם פונקט וועגען „ענטוואפנונג".

## .1

איינער פון די הויפט ארגומענטען צום גונסטען פון „ענט־וואפנונג" באשטעהט אין פאלגענדען: מיר זיינען נעגען מלחמה, בכלל נעגען יעדען מלחמה, און דער קלארסטער אויסדרוק, וואס מיר קענען וועגען דעם שטאנדפונקט געבען, אז אויסדרוק, וואס זאל ניט האבען קיין צוויי באדייטונגען איז די פאדערונג וועגען ענטוואפנונג.

אז דער שטאנדפונקט איז ניט ריכטיג, האבען מיר שוין אננעצייגט אין אונזער ארטיקעל וועגען וועלכען מיר האבען פריהער אנגעדייטעט.*) סאציאליסטען קענען ניט זיין געגנער פון יעדער מלחמה און דאך בלייבען סאציאליסטען. מיר קענען זיך אויך ניט ערלויבען צו זיין פארבלענדעט פון דעם אימפעריאליסטישען כאראקטער פון דער איצטינער מלחמה. פאר דער אימפעריאליס־טישער צייט זיינען אזעלכע מלחמות צווישען די „גרויסמעכטע" זעהר כאראקטעריסטיש, אבער עס איז גאר ניט אוממעגליך צו האבען א דעמאקראטישע מלחמה און א אויפשטאנד, וואס ווערט, צום ביישפיעל, ארויסגערופען פון אונטערדריקטע פעלקער נעגען די וואס אונטערדריקען זיי, אום צו באפרייען זיך פון זייער אונ־טערדריקונג. דער בירגער־קריעג פון פראלעטאריאט נעגען דער בורזשואזיע פאר'ן סאציאליזם, איז אומפארמיידליך. מלחמות זיינען מעגליך צווישען אן ערפאלגרייכען סאציאליזם אין איין לאנד נעגען אנדערע בורזשואזע אדער רעאקציאנערע לענדער.

ענטוואפנונג איז א סאציאליסטישער אידעאל. אין א סא־ציאליסטישער געזעלשאפט וועלען ניט זיין קיין מלחמות, וואס מיינט, אז די אידעע וועגען ענטוואפנונג וועט זיין פארווירקליכט.

---

*) לעבין שטיצט זיך אויף אן ארטיקעל וואס איז ערשינען אין „סבארניק סאציאל דעמאקראטא", נומער 1 פון אקטאבער 1916.

דער יעניגער, וועלכער ערוואַרטעט אַז דער סאָציאַליזם זאָל פאַר־
ווירקליכט ווערען **אָהן דער סאָציאַליסטישער**
**רעוואָלוציאָן** און אָהן דער דיקטאַטור פון פראָ־
לעטאַריאַט, איז ניט קיין סאָציאַליסט. דיקטאַטור איז אַ רעגירונגס
קראַפט, וואָס שטיצט זיך דירעקט אויף מאַכט, און אין צוואַנציג־
סטען יאָהרהונדערט מיינט מאַכט ניט קיין פויסט און אַ שטעקען,
נאָר אַן אַרמעע. אַריינצושטעלען אין אונזער פראָגראַם די פאָ־
דערונג וועגען „ענטוואַפנונג“ איז, גלייך ווי צו זאָגען, מיר זיינען
נעגען באַנוצען זיך מיט וואַפען. אָבער אַזאַ ערקלערונג וואָלט ניט
געהאַט אין זיך מעהר דעם תמצית פון מאַרקסיזם ווי מיר וואָלטען
ערקלערט: מיר זיינען געגען באַנוצען זיך מיט מאַכט!

מען דאַרף באַמערקען, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע דיסקוסיאָן
וועגען דער פראַגע איז געפיהרט געוואָרען הויפּטזעכליך, אויב ניט
אינגאַנצען, אין דייטש. אין דער דייטשער שפּראַך זיינען פאַראַן
צוויי עהנליכע ווערטער, וואָס זייער אונטערשייד איז שווער אי־
בערצוגעבען אין אַן אַנדער שפּראַך.*) דאָס ערשטע מיינט גע־
וועהנליך „ענטוואַפנונג“ און ווערט, צום ביישפּיעל, געברויכט פון
קאַוטסקי און זיינע אָנהענגער אין דעם זין צו פאַרקלענערען דעם
געברויך פון וואַפען. דאָס צווייטע מיינט, דאָס ניט באַנוצען זיך
מיט וואַפען און ווערט געברויכט הויפּטזעכליך פון דעם לינקען
פליגעל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דעם זין פון אָפּ־
שאַפען מיליטאַריזם, פון אָפּשאַפען יעדע מיליטערישע סיסטעם.
מיר ווילען אין דעם אַרטיקעל רעדען אין דעם צווייטען זין, וואָס
ווערט אָפּט אַרויסגעשטעלט אַלס פאָדערונג אין געוויסע רעוואָ־
לוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזען.

קאָוטסקי'ס פרעדיגען פון „ענטוואַפנונג“, וואָס ווערט הויפּט־
זעכליך אַדרעסירט צו די יעצטיגע רעגירונגען פון די אימפּעריאַ־

---

*) לענין מיינט ווארשיינליך די דייטשע ווערטער — „אבריסטונג“
און „ענטוואפנונג“. דאָס ערשטע מיינט אין אידיש ענטוואפנונג, און
דאָס צווייטע, ניט באנוצען זיך מיט וואפען.

ליסטישע גרויסע מעכטע, איז אַ וואולגארער שטיק פון אָפּאָרטוניזם, פון בורזשואזען פּאַציפיזם, וואָס איז אייגענטליך אויסגערעכענט — ניט אַכטענדיג אויף די גוטע אַבזיכטען פון דעם עדעלען קאָוטסקי — אָפּצוציהען די אַרבייטער פון דעם קלאַסען־קאַמף. מיט אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע ווירקט מען, אַז די אַרבייטער זאָלען אָנפאַנגען רעכענען, דאָס די יעצטיגע בורזשואזיע רעגיערונגען פון די אימפּעריאַליסטישע מעכטע זיינען נ י ט פאַרבונדען מיט טויזענדער פעדים פון פינאַנציעלען קאַפּיטאַל און צעהנדליגע אָדער הונדערטע געהיימע אָפּמאַכען צווישען זיך אליין.

.2

אַן אונטערדריקטער קלאַס, וואָס האָט ניט קיין פאַרלאַנג צו לערנען ווי צו געברויכען און צו טראָגען געוועהר, פאַרדיענט ניט מעהר, ווי צו ווערען באַהאַנדעלט אַלס שקלאַפען. מיר קענען ניט, אויסער ווען מיר ווילען פון זיך אַליין מאַכען בלויז בורזשואזע פּאַציפיסטען, פאַרגעסען דאָס מיר לעבען אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט אויף קלאַסען, און אַז מען קען ניט פאַרמיידען אַזאַ געזעלשאַפט אויסער דורך קלאַסען־קאַמפּף און דורך אַרונטערוואַרפען די מאַכט פון דעם הערשענדען קלאַס.

אין יעדער קלאַסען־געזעלשאַפט, סיי זי איז געגרינדעט אויף שקלאַפעריי, סיי, ווי אין דעם יעצטיגען מאָמענט, אויף אַרבייטס־לוין, איז דער קלאַס פון די אונטערדריקער אַ באַוואָפענטער קלאַס. ניט בלויז די שטענדיגע היינטיגע אַרמעע, נאָר אויך דאָס היינטיגע באַוואָפענטע פאָלק — אַפילו אין די העכסט־בורזשואזע דעמאָקראַטישע רעפּובליקען, ווי אין דער שווייץ, — מיינט באַוואָפענען די בורזשואזיע געגען דעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז אַזאַ עלעמענטאַרער אמת, אַז עס איז קוים נויטיג זיך אויף דעם מעהר אָפּצושטעלען. ס'איז גענוג אָנצוצייגען אויף דעם וואָס סאָלדאַטען (אריינרעכענענדיג אויך די רעפּובליקאַנער, דעמאָקראַטישע

מיליץ) וואָרען געברויכט געגען סטרייקער, א געוועהנליכע ערשיינונג, אָהן אויסנאַמען אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אין דער ווירקליכקייט איז די באַוואַפנונג פון דער בורזשואזיע געגען דעם פּראָלעטאַריאַט איינע פון די מערקווירדיגסטע, פונדאַמענטאַלע, באַדייטענדע פאַקטען פון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

ווי אַזוי קען מען איהר, רעכענענדיג זיך מיט דעם פאַקט, זאָגען דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַרויסצושטעלען די „פאָדערונג" פון „ענטוואפנונג"? דאָס צו פאָדערען מיינט איינגאַנצען זיך צו אַנטזאָגען פון דעם שטאַנדפּונקט פון קלאַסען־קאַמפּף, איינגאַנצען זיך צו אַנטזאָגען פון דעם געדאַנק ווענען רעוואָלוציאָן. אונזער לאָזונג דאַרף זיין: באַוואַפענט דעם פּראָלעטאַריאַט אַזוי, דאָס ער זאָל קענען באַזיגען, עקספּראָפּריאירען און ענטוואַפענען די בורזשואזיע. דאָס איז די איינציגע מעגליכע פּאָליטיק פון דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַס, די פּאָליטיק וואָס שטאַמט דירעקט פון דער ווירקליכער עוואָלוציאָן פון קאַפּיטאַליסטישען מיליטאַריזם, און ווערט פאַקטיש דיקטירט פון דער רעוואָלוציאָן. בלויז נאָך דעם ווי די בורזשואזיע וועט זיין ענטוואַפענט, וועט דער פּראָלעטאַריאַט, ניט פאַרראַטענדיג זיין היסטאָרישע אויפגאַבע, קענען אַוועקוואַרפען דאָס געוועהר אין מיסטקאַסטען, — און עס איז קיין ספק ניט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט דאָס טאָן, — אָבער בלויז דאַן, אין קיין פאַל וועט ער ניט האָבען קיין מעגליכקייט צו טאָן דאָס פריהער.

אָבוואָהל עס איז אמת, אַז די יעצטיגע מלחמה רופט אַרויס צווישען די רעאַקציאָנערע קריסטליכע סאָציאַליסטען און דער פאַרוויינטער קליין בורזשואזיע בלויז שרעק און פאַרצווייפלונג, בלויז אַן אָפּשטויסונג צו יעדען געברויך פון געוועהר, צו בלוטפאַרגיסונג, צו טויט, א. אז. וו., מיר אָבער, פון דער צווייטער זייט, מוזען ערקלערען אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט

איז שטענדיג געווען און וועט אימער זיין א ש ר ע ק אָ ה ן א ס ו ף. און אויב די יעצטיגע רעאקציאָנערסטע פון אַלע מלחמות גרייט זיך צו מאכען א ס ו ף צ ו ד ע ם ש ר ע ק, איז ניטאָ קיין אורזאכע פאר אונז צו זיין קרבנות פון פארצווייפלונג. אָבער די „פּאָדערונג“ וועגען ענטוואפנונג קען ניט באטראכט ווערען אנדערש ווי א טרייסט אין פארצווייפלונג — לאָמיר זאָגען א „טרוים וועגען ענטוואפ־נונג“ גיכער ווי א „פּאָדערונג וועגען ענטוואפנונג“, — ווען עס איז קלאָר פאר יעדען אויג וואָס זעהט, אז די מאכט פון דער בורזשואזיע אליין גרייט צו א וועג פאר דער איינציגער מלחמה וואָס איז אין איינקלאנג מיט די געזעצען פון עוואָלוציאָן און רעוואָלוציאָן: די בירגער־קריעג געגען דער אימפעריאליסטישער בורזשואזיע.

די יעניגע, וואָס זאָגען, אז דאָס איז טעאָריע, וועלען מיר מיט ערפאהרונגען פון לעבען ענטפערען, דערמאָנענדיג צוויי וויכ־טיגע פאקטען אין דער וועלטליכער געשיכטע. ערשטענס, די ראָלע וואָס די טראָסטס האָבען געשפּיעלט אין צוציהען די פרוי צו דער פאבריק ארבייט, און צווייטענס, די פראנצויזישע קאָמונע פון 1871, און אויך דער דעצעמבער אויפשטאנד פון 1905, אין רוסלאנד.

עס איז געווען די אויפגאבע פון דער בורזשואזיע צו ענטוויק־לען טראָסטס, צו טרייבען פרויען און קינדער אין פאבריקען און דאָרט זיי צו פּייניגען, צו רואינירען זיי מאָראליש און אונטער־ווארפען זיי עקספּלואטירט צו ווערען אָהן רחמנות. מיר „פּאָדערען“ ניט דיזע איינפיהרונג, מיר אונטערשטיצען דאָס ניט, מיר קעמפפען געגען דעם. אָבער, ו ו י א ז ו י קעמפפען מיר? מיר ווייסען, אז די טראָסטס און די פאבריק ארבייט פון פרויען זיינען שריט צו פּראָגרעס. מיר ווילען זיך ניט אומקעהרען צו דער צייט פון קליינע געווערקשאפטען, צו דער צייט פון דעם פארמאָנאָפּאָליסטישען קאפּיטאליזם, צו דער צייט ווען די פרוי־

האט געארבייט אין דער היים. פּראָוועדטס דורך די טראַסטס און דאָס גלייכען, און דורך זיי צום סאָציאַליזם!

דער שטאנדפונקט, וועלכער נעהמט אין אנבאטראכט דעם ווירקליכען גאנג פון עוואָלוציאָן, קען אויך אָנגעווענדעט ווערען יעצט צו דער פראגע וועגען מיליטאריזירען די באפעלקערונג. די בורזשואזיע מיליטאריזירט היינט ניט בלויז אלע מענער, נאָר אויך אלע קינדער. וואָרום זאָל זי ניט אָנפאנגען מאָרגען אויך צו מיליטאריזירען אלע פרויען? אין צוזאמענהאנג מיט דעם קענען מיר בלויז זאָגען: דאָס וועט זיכער זיין בעסער! מאכט פאָרבעררייטונגען! וואָס שנעלער איהר טוט דאָס, אלץ נעהנטער קומען מיר צו אַ באוואפענטען אויפשטאנד געגען קאַ־פּיטאליזם. ווי אזוי קענען די סאָציאַל־דעמאָקראטען זיך זאָרגען וועגען מיליטאריזירען פון די קינדער און דאָס גלייכען, אויב זיי פארגעסען נאָרניט דעם ביישפּיעל פון דער פראנצויזישער קאָמונע? דאָס איז ניט קיין „טעאריע געגומען פון לעבען“, ניט קיין חלום, נאָר אַ פאקט. עס וואָלט ניט געווען קיין אורזאכע זיך צו פרעהען, אויב עס וואָלטען זיך געפונען סאָציאַל־דעמאָקראטען וואָס זאָלען, אין געגענטייל פון אלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאקטען, אָנפאנגען צו צווייפלען, אז די אימפּעריאליסטישע צייטען און די אימפּעריאליסט־שע מלחמות וועלען ברענגען אַ ווידערהאָלונג פון פיעלע אזעלכע ערשיינונגען.

אין מאי 1871 האָט אַ בורזשואזער שרייבער אין אן ענג־לישער צייטונג געזאָגט פאָלגענדעס וועגען דער פראנצויזישער קאָמונע: „אויב דאָס פראנצויזישע פאָלק וואָלט בלויז באשטאנען פון פרויען, וואָס פאר אַ שרעקליך פאָלק דאָס וואָלט געווען“! פרויען און דרייצעהן יעהריגע קינדער האָבען געקעמפט אין דער פראנצויזישער קאָמונע אין רייהען מיט די מענער. און אין די קומענ־ע שלאכטען ארונטערצוואַרפען די בורזשואזיע וועט דאָס אויך ניט זיין אנדערש. פּראָלעטארישע פרויען קענען ניט קוקען גלייכגילטיג ווען די גוט־באוואפענטע בורזשואזיע שיסט

אויף די שוואכבאוואפענטע אדער אומבאוואפענטע ארבייטער. זיי וועלען זיך נעמען פאר די וואפען, פונקט ווי אין יאהר 1871, און פון די היינטיגע פארצווייפעלטע פעלקער, אדער בעסער געזאגט, פון דער היינטיגער ארבייטער באוועגונג, וואס איז מעהר דיס־ארגאניזירט פון די אפארטוניסטען ווי פון די רעגירונגען, ווען אהן דעם מינדסטען צווייפעל פריהער אדער שפעטער אויסוואקסען אן אינטערנאציאנאלער פארבאנד פון די „שרעקליכע נאציאנען" פון דעם רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט.

דאס גאנצע געזעלשאפטליכע לעבען איז היינט דורכגעדרונגען מיט מיליטאריזם. דער אימפעריאליזם איז א בייזער קאמפף פון די גרויסמעכטע פאר דער צוטיילונג אדער פאנאנדערטיילונג פון דער וועלט. עס מוז דארום אומפארמיידליך פיהרען צו ווייטערעם מיליטאריזירען פון אלע לענדער, איינשליסענדיג אויך די נייטראלע און די קליינע לענדער. וואס וועלען די פראלעטארישע פרויען טאן וועגען דעם? וועלען זיי בלויז פארשעלטען אלע מלחמות און אלעס וואס שמעקט מיט קריעג — בלויז פאדערען ענטוואפנונג? קיין מאל וועלען די פרויען פון דעם אונטערדריקטען קלאס, וואס איז אמת רעוואלוציאנער, ניט זיין צופרידען מיט אזא צושטאנד פון אונטעטיגקייט. זיי וועלען זאגען צו זייערע זיהן: „דו וועסט גיך זיין א מאן. זיי וועלען דיר געבען געוועהר. טראג דאס געוועהר און לערען די קונסט פון מלחמה. דאס איז נויטיג פאר די פראלעטאריער ניט אום זיי זאלען קענען שיסען זייערע איינענע ברידער, די ארבייטער פון אנדערע לענדער, ווי זיי טוען דאס אין דער היינטיגער מלחמה און ווי עס הייסען זיי טאן די פאררעטער פון סאציאליזם, — נאר אום זיי זאלען קענען קעמפפען נעגען דער בורזשואזיע פון זייער אייגען לאנד, אום זיי זאלען קענען מאכען א סוף פון עקספלואטאציאן, פון ארימקייט און קריעג, ניט דורך גוטע ווינשע זאנדערן דורכ'ן זיעג איבער דער בורזשואזיע און דורך דער ענטוואפנונג פון דער בורזשואזיע".

אויב מיר זאלען פארדאמען דאס אנפיהרען פון אזא פראַ־

פּאַגאַנדאַ און הויפּטזעכליך, אויב מיר זאָלען דאָס פאַרדאַמען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם היינטיגען קריעג, וואָלטען מיר בעסער געדאַרפט באַלד אויפהערען צו געברויכען אונזערע שעהנע ווערטער וועגען דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועגען דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָן, וועגען דער מלחמה געגען מלחמה.

3.

די וואָס אַניטירען געגען ענטוואַפנונג דאַרפען, צווישען אַנדערע זאַכען, זיין געגען דעם פּונקט אין אונזער פּראָגראַם וועגען „באַוואַפנען דאָס פאָלק", ווייל די פאָדערונג קען לייכט אויסגענוצט ווערען אַלס אַ גרונד פאַר הנחות צו אָפּאָרטוניזם. מיר האָבען פריהער באַטראַכט דעם וויכטיגסטען פּונקט, די באַציהונג פון ענטוואַפנונג צו דעם קלאַסען־קאַמפּף און צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. לאָמיר יעצט באַטראַכטען די פראַגע פון דער באַציהונג צווישען ענטוואַפנונג און אָפּאָרטוניזם. איינע פון די הויפּט אורזאַכען וואָרום די פאָדערונג איז ניט צוועקמעסיג, איז דאָס, וואָס צוזאַמען מיט די שעהנע אידעען, מיט וועלכע די פאָדערונג איז פאַרבונדען, וועט זי אויך אומפאַרמיידליך אָפּשוואַכען אונזער קאַמפּף מיט דעם אָפּאָרטוניזם.

עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אַז דאָס איז דער הויפּט־קאַמפּף וואָס שטעהט איצט פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַל. צו קעמפּפען געגען דעם אימפּעריאַליזם און צו דערזעלבער צייט ניט באַקעמפּפען דעם אָפּאָרטוניזם וואָלט געווען אַ פּוסטע פראַזע אָדער אַן ענטוישונג. איינע פון די הויפּט שוועריגקייטען, וואָס איז פאַרבונדען מיט דער צימערוואַלד און קינטהאַל באַוועגונג, איינע פון די הויפּט אורזאַכען פאַר דעם מעגליכען דורכפאַל פון לעגען אַ פונדאַמענט פאַר דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל, איז דער פאַקט, דאָס די פראַגע איז ניט קלאָר אויפגעשטעלט געוואָרען, און פאַר־

שטענדליך, אז די פראגע איז דארום ניט געענטפערט געווארען דורך א באשלוס אפצוברעכען איין מאל פאר אלע מאל מיט דעם אפאר־טוניזם. אויף א מאמענט האט דער אפארטוניזם געוואונען די אויבערהאנט אין דער אייראפעאישער ארבייטער באוועגונג. צווישען אלע גרויסע נאציאנען האבען זיך ענטוויקעלט צוויי שטרעמונגען, קלאר און ציניש, און דארום וועניגער שעדליך ווי דער סאציאל אימפעריאליזם פון די הערען שיידעמאן, לעגיען, אלבערט טאמאס, סעמבא, וואנדערוועלדע, היינדמאן, הענדערסאן, א. ז. וו., און פון דער צווייטער זייט שטעהט א מעהר פארשטעלטע קאוטסקי גרופע: קאוטסקי און האזע און די סאציאל־דעמאקרא־טישע ארבייטער גרופע אין דייטשלאנד: לאנגע, פרעסמאן, מא־יערעס א. ז. וו. אין פראנקרייך; ראמזי מעקדאנאלד און אנדערע פיהרער פון דער אומאפהענגינגער ארבייטער פארטיי (אינדעפענ־דענט לייבאר פארטי), אין ענגלאנד; מארטאוו, טשכעאידזע, א. ז. וו., אין רוסלאנד; טרעווע און די אנדערע זאגענאנטע רע־פארמיסטען פון לינקס, אין איטאליען.

די געוועהנליכע אפארטוניסטען זיינען עפענטליכע און די־רעקטע געגנער פון א רעוואלוציאן און פון יעדע רעוואלוציאנערע באוועגונג אדער אויפשטאנד, פאראייניגען זיך עפענטליך מיט זייערע רעגירונגען, כאטש אין דער פארם פון דער פאראייניגונג קענען זיי זיין פארשיידען, — זיי קענען אנפאנגען מיט באטיי־ליגען זיך אין דעם מיניסטעריום און ענדיגען מיט אנטייל נעמען אין די קאמיטעס פאר מלחמה אינדוסטריען. די פארשטעלטע אפארטונסטען פון קאוטסקי׳ס חדר זיינען א סך מעהר שעדליך פאר דער ארבייטער באוועגונג, ווייל באלד פון אנפאנג באהאלטען זיי דעם געדאנק, דאס זיי אגיטירען פאר אזא פאראייניגונג, דורך דעם וואס זיי געברויכען הויך־קלינגענדע, כמעט „מארקסיסטישע" ווערטער און לאזונגען. דער קאמפף געגען אזעלכע אפארטוניס־טען, וועלכע זיינען יעצט אין דער מעהרהייט, מוז אנגעפיהרט ווערען אויף יעדען פעלד פון דער פראלעטארישער פאליטיק: אין פאר־

לאמענט, צווישען די טרייד־יוניאנס, אין סטרייקס, אין מלחמה טעטיגקייט ,א. ד. גל.

וואס איז דער צייכען, וועלכער אונטערשיידט די ביידע פאר־מען פון דעם הערשענדען אפארטוניזם?

דער צייכען איז דער — זיי שווייגען ביידע אדער פארדעקען זייער כאראקטער, אדער באגרעניצען זיך צו אזא טעטיגקייט וואס ווערט ערלויבט פון דער פאליציי, וועו עס האנדעלט זיך וועגען באשטימטע פראבלעמען פון דער באציהונג צווישען דער איצטיגער מלחמה און רעוואלוציאן און אנדערע באשטימטע פראבלעמען פון דער רעוואלוציאן. דאס ווערט געטאן ניט קוקענדיג דארויף, וואס פאר דער מלחמה האט מען פיעל מאל אנגעצייגט אויף דער באציהונג טאקע צווישען דער איצטיגער מלחמה, וועלכע האט שוין דאמאלס געהאנגען אין דער לופטען, און דער פראלעטארישער רעוואלוציאן, און דאס איז געטאן געווארען אונאפיציעל און אויך אפיציעל (אין דעם מאניפעסט ארויסגעלאזען אין באזעל, שווייץ).

די הויפט צרה וועגען דער פאדערונג פון ענטוואפנונג באשטעהט אין דעם וואס דיעזע פאדערונג איגנארירט אלע קאנקרעטע פראגען פון דער רעוואלוציאן. אדער האבען די וואס אגיטירען פאר ענטוואפנונג, באשטימט אנצונעמען א נייע פארם פון רעוואלוציאן אהן געוועהר?

## .4

נאך מעהר, מיר זיינען פאר קיין פאל ניט קיין געגנער פון דעם קאמפף פאר רעפארמען. מיר ווילען ניט איגנארירען די טרויעריגע מעגליכקייט — אלס א צוגאב צו דעם עלענד — דאס די מענשהייט קען נאך דער ענדע פון דער מלחמה זיין געצוואונגען דורכצוגעהן אנאנדערע אימפעריאליסטישע מלחמה, אויב די רע־

וואָלוציאָן וועט אין דעם קריעג ניט געבוירען ווערען, ניט קוקענדיג דארויף וואָס עס פלאצט דער געדולד פון די מאסען, וואָס עס וואקסט די אומצופרידענהייט פון די מאסען, ניט קוקענדיג אויף אונזער אייגענע אָנשטרענגונג. מיר אגיטירען פאר אזא פּראָגראַם פון רעפאָרמען, וואָס זאָל אויך זיין געווענדעט געגען די אָפּאָר־טוניסטען. די אָפּאָרטוניסטען וואלטען געוועזן העכסט צופרידען, אז מיר זאָלען פאר זיי אליין איבערלאָזען דעם קאמפף פאר רעפאָרמען און זאָלען זיך אליין באגרעניצען מיט דער נעבעלהאפטער פאָדערונג וועגען „ענטוואפנונג“. רעטען זיך פון דעם אומגליק פון דער ווירק־ליכקייט דורך דעם, וואָס מיר זאָלען אנטלויפען, ווייל „ענטוואפ־נונג“ מיינט אנטלויפען פון דער גראָבער ווירקליכקייט און ניט קעמפפען געגען איהר.

פארבייגעהענדיג, מעג געזאָגט ווערען, אז די הויפט שוואכ־קייט פון אוועקשטעלען די פראגע וועגען פארטיידיגען דאָס פא־טערלאנד, ווי דאָס ווערט געטאָן פון מאנכע פון לינקען פליגעל, באשטעהט אין דעם, וואָס די פראגע אליין איז ניט גענוג קלאָר. עס וואָלט געוועזן מעהר ריכטיג פון דעם טעאָרעטישען שטאנדפונקט און אויך מעהר באדייטענד פון דעם פראקטישען שטאנדפונקט צו זאָגען, אז אין דער איצטיגער אימפעריאליסטישער מלחמה איז די פארטיידיגונג פון פאטערלאנד גיכער א בורזשואזע רעאקציאָנערע אילוזיע, ווי צו באשטימען אן „אלגעמיינע“ שטעלונג געגען „יעדע“ פארטיידיגונג פון דעם פאטערלאנד. אן אלגעמיינע שטעלונג געגען יעדער מלחמה איז ניט ריכטיג און העלפט אויך ניט באקעמפפען די דירעקטע פיינד פון די ארבייטער און ארבייטער פארטייען — די אָפּאָרטוניסטען.

וועגן דער פראגע פון א פאָלקס־מיליץ איז אונזער חוב צו זאָגען, געבענדיג א קאָנקרעטען ענטפער און אין איינקלאנג מיט דער פראקטישער נויטווענדיגקייט: מיר זיינען ניט פאר א בורזשואזע מיליץ, נאָר בלויז פאר א פראָלעטארישע מיליץ. דארום: „קיין איין פּענע און קיין איין מאן“ נימ פאר שטענדיגע ארמעען

און ניט פאר בורזשואזע מיליץ, פאר אזעלכע ווי עס ווערען אויפ־געהאלטען אין די פאראייניגטע שטאאטען, שווייץ, נארוועגיען, א. ד. גל. נאך מעהר, ווען מיר קוקען זיך צו, דאס זאגאר אין דער פרייעסטער פון די רעפובליקאנישע לענדער (ווי צום ביישפיעל, אין דער שווייץ) ווערט פארשטארקט דער פרייסישער גייסט פון דער מיליץ, ווערט פראסטיטואירט די מיליץ צו מאביליזירען זי געגען סטרייקער, מוזען מיר פאדערען: דאס די אפיצערען זאלען ערוועהלט ווערען דורכ'ן פאלק, דאס עס זאלען אפגעשאפט ווערען אלע מיליטערישע געריכטען, דאס עס זאל איינגעפיהרט ווערען גלייכע רעכטע פאר אויסלענדישע און אינלענדישע ארבייטער (הויפטזעכליך איז דער פונקט וויכטיג אין יענע אימפעריאליסטישע לענדער, וועלכע, ווי די שווייץ, עקספלואטירען אויף א שענדליכען אופן די אויסלענדישע ארבייטער און שטעלען זיי אוועק אין א לאגע פון געזעצליכער הילפלאזיגקייט). מיר מוזען פאדערען: יעדע הונדערט מענשען פון דער באפעלקערונג פון אירגענד וועל־כען לאנד זאל האבען דאס רעכט צו גרינדען א פרייוויליגע ארגא־ניזאציאן צו לערנען זיך האלטען געוועהר און באקענען זיך מיט פראגען וואס זיינען פארבונדען מיט מלחמה און זאלען קענען אליין ערוועהלען פאר זיך לעהרער, וועלכע זאלען געצאהלט ווערען פון דער רעגירונג. בלויז אונטער אזעלכע אומשטענדען קען דער פראלעטאריאט לערנען די קונסט פון מלחמה פאר זיך אליין און ניט פאר זיינע אונטערדריקער, און די פארם פון לערנען זיך די קונסט פון מלחמה ווערט געפאדערט פון די אינטערעסען פון פראלעטאריאט. די רוסישע רעוואלוציאן האט געוויזען אז יעדער ערפאלג, אפילו יעדער טיילוויזער ערפאלג פון א רעוואלוציאנערער באוועגונג, ווי דאס באזיעגען פון געוויסע שטעדט, פון איינפיהרען געוויסע באדינגונגען אין פאבריקען, באהערשען טיילען פון דער ארמעע, פאדערט דורכאויס, אז כדי דער פראלעטאריאט זאל זיין ערפאלגרייך, מוז ער פארווירקליכען דעם אנגעדייטעטען פראגראם.

עס איז אבער ניט גענוג צו באקעמפפען דעם אפארטוניזם

מיט פראגראמען אליין: מיר מוזען זיך אריינטראכטען אין דעם, וואס פאר אן איינפלוס די פראגראמען קענען ווירקליך שאפען. דער גרעסטער, שרעקליכסטער טעות פון דעם באנקראטירטען צווייטען אינטערנאציאנאל איז באשטאנען אין דעם פאקט, וואס זיינע ווערטער זיינען ניט געווען אין איינקלאנג מיט זיינע טאטען, וואס ער האט געשאפען א געוואוינהייט אומבאוואוסטזיניג און אומפאראנטווארטליך צו באנוצען זיך מיט רעוואלוציאנערע פראזען (באטראכט צום ביישפיעל די יעצטיגע באציהונג פון קאוטסקי און זיין חברותא צו דעם באזעל'ער מאניפעסט). באטראכטענדיג די פאדערונג וועגען ענטוואפנונג פון דעם שטאנדפונקט, מוזען מיר פריהער פון אלץ שטעלען די פראגע: אין וואס באשטעהט איהר ווירקליכע באדייטונג? ענטוואפנונג, אלס געזעלשאפטליכע אידעע, דאס הייסט אלס אן אידעע געשאפען פון א געוויסען געזעלשאפטליכען קרייז און פעהיג צו באאיינפלוסען געוויסע געזעלשאפטליכע אומשטענדען, גענען דעם קאפריז פון אן איינצעלנעם אדער א קליקע, — איז אין דעם זין געשאפען געווארען אין די באזונדערע „פרידליכע" לעבענס אומשטענדען פון די פארשיידענע קליינע שטאאטען, וואס האבען פאר א געוויסע צייט זיך געהאלטען פון דער ווייטענס פון דער בלוטיגער וועלט־רויבעריי פון קריעג און וואס האפען אויך ווייטער צו האבען די פריווילעגיע ניט צו באטייליגען זיך אין מלחמות. יעדער איינער, וואס וויל זיך אין דעם איבערציינען, דארף בלויז באטראכטען, צום ביישפיעל, ווי עס ווערט איבערגעגעבען דער געדאנק פון די נארוועגישע פארטיידיגער פון ענטוואפנונג. זיי זאגען: „מיר זיינען א קליינע נאציאן, אונזער ארמעע איז זעהר קליין, מיר קענען קיין זאך ניט אונטערנעמען גענען די גרויסמעכטע (און דארום זיינען מיר אויך מאכטלאז צו פארהיטען זיך פון אריינגעשלעפט צו ווערען אין אן אימפעריאליסטישען פארבאנד מיט איין גרופע פון די אדער יענע גרויסמעכטע!). מיר ווילען פארבלייבען אין פרידען אין אונזער קליינעם ווינקעל און ווייטער פיהרען אונזער אייגענע פראווינציעלע

פּאָליטיק; מיר פאָדערען ענטוואַפנונג, מיר פאָדערען אז שטריט־פונקטען זאָלען מוזען געשליכטעט ווערען אויף א פרידליכען אופן, מיר פאָדערען א שטענדיגע נייטראַליטעט, און דאָס גלייכע, („שטענדיגע נייטראַליטעט" — צי דען פארגעסען זיי, אז דאָס מיינט די בעלגישע נייטראַליטעט?)

דער שטאַרקסטער פאַרלאַנג פון די קליינע נאציאָנען צו האַל־טען זיך פון דער ווייטענס פון בלוט־פארגיסונג, דער פאַרלאַנג פון דער קליין־בורזשואַזיע ווייטער ניט צו באַטייליגען זיך אין די גרוי־סע שלאַכטען פון דער וועלטליכער געשיכטע, ווייטער אָנצוהאַלטען זייער אַלטע פּאָזיציעס און בלייבען ביי דער שרעקליכער גלייכגיל־טיגקייט, דאָס זיינען די ווירקליכע געזעלשאַפטליכע אומשטענדען, וואָס קענען ביז א געוויסען גראַד פאַרזיכערען דעם ערפאָלג פון דער אידעע וועגען ענטוואַפנונג און שאַפען א געוויסע פּאָפּולאַריטעט אין מאַנכע פון די קליינע נאציאָנען. עס איז פונדעסטוועגען קלאָר, אז די נייגונג איז רעאַקציאָנער און פאַרבלענדעט, ווייל דער אימ־פּעריאַליזם וויל אויף דעם אָדער יענעם אופן איינשלעפען אַלע קליינע שטאַאטען אין דעם שטראָם פון דער וועלטליכער פּראָדוק־ציאָן און פון דער וועלטליכער פּאָליטיק.

לאָמיר געבען א ביישפּיעל מיט א פאַל אין דער שווייץ. די אימפּעריאַליסטישע לאַגע פון דעם לאַנד צייכענט פאַקטיש אָן צ ו ו י י ליניעס פון טעטיגקייט פאַר דער ארבייטער באַוועגונג. די אָפּאָרטוניסטען, אין פאַרבאַנד מיט דער בורזשואַזיע באַמיהען זיך צו מאַכען פון דער שווייץ א רעפּובליקאַניש־דעמאָקראַטישע מאָ־נאָפּאָליסטישע פעדעראַציע אַרויסצוקריגען פּראָפיטען פון די ריי־זענדע און צו עקספּלואַטירען דיזע „פרידליכע" מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע אונטער די העכסט גינסטיגע און העכסט פרידליכע אומשטענ־דען, וואָס זיינען נאָר מעגליך. עס איז א פאַקט אז די פּאָליטיק איז א פּאָליטיק פון אן אפּמאַך גיכער צווישען א קליינע פּריווילע־גירטע טייל ארבייטער פון א קליינער נאציאָן, וועלכע געפינט זיך אין א פּריווילעגירטער לאַגע, מיט דער בורזשואַזיע פון איהר אייגען

לאנד און נ ע נ ע ן די מאסען פון דעם פראלעטאריאט. אבער די אמת'ע סאציאל דעמאקראטען פון דער שווייץ ווילען אויסנוצען די פארהעלטניסמעסיגע פרייהייט פון דער שווייץ, איהר „אינטער־נאציאנאלע" סיטואציע (וואס זי איז ארומגערינגעלט פון די גרויסע קולטורעלע נאציאנען און רעדט, דאנקען גאט, ניט אויף „איהר אייגענער שפראך", נאר אויף דריי וועלט־שפראכען), פאר דעם צוועק פון אויסברייטען און פארשטארקען דעם רעוואלוציאנערען פאר־באנד צווישען די רעוואלוציאנערע עלעמענטען פון דעם פראלעטא־ריאט פון גאנץ אייראפא. „לאמיר געבען א מעגליכקייט אונזער בורזשואזיע אנצוהאלטען די לאגע פון מאנאפאליזירען דעם האנדעל מיט דער שענקייט פון די אלפען־בערג און עטליכע מטבעות וועלען אויך צו אונז אריינפאלען", — דאס איז דער ווירקליכער אינהאלט פון דער פאליטיק פון די אפארטוניסטען אין דער שווייץ. „לאמיר אונטערשטיצען דעם פארבאנד פון דעם רעוואלוציאנערען פראלעטא־ריאט פון פראנקרייך, דייטשלאנד און איטאליען אזוי, דאס זיי זאלען קענען ארונטערווארפען די בורזשואזיע", — דאס איז דער ווירקליכער אינהאלט פון דער פאליטיק פון דער רעוואלוציאנערער סאציאל־דעמאקראטיע אין דער שווייץ. צום באדויערען ווערט דיזע פאליטיק ניט געפיהרט מיט גענוג ענערגיע פון די „לינקע" אין דער שווייץ, און די שעהנע ערקלערונג פון דעם שווייצארישען פארטיי קאנגרעס, אפגעהאלטען אין אראו אין 1905 (אנערקענענדיג דעם רעוואלוציאנערען מאסען־קאמפף) בלייבט בלויז אויפ'ן פא־פיער. אבער דאס איז ניט די טעמא פאר דער יעצטיגער דיס־קוסיאן.

די פראגע פאר אונז איצט איז פאלגענדע: איז די פאדערונג וועגען ענטוואפנונג אויסגעהאלטען און אין איינקלאנג מיט די רע־וואלוציאנערע שטרעבונגען פון דער שווייצארישער סאציאל־דע־מאקראטיע? עס איז קלאר אז ניט. עס איז א פאקט אז די „פא־דערונג" וועגען ענטוואפנונג ענטשפרעכט דעם אפארטוניסטישען, שמאל נאציאנאלען, באגרעניצטען בליק פון דעם טיפ פון דער אר־

בייטער באַוועגונג צווישען קליינע נאַציאָנען. עס איז א פאַקט אַז ענטוואַפנונג איז דער העכסט נאַציאָנאַליסטישער, דורך און דורך נאַציאָנאַליסטישער פּראָגראַם פון די קליינע שטאַאַטען, אָבער פאַר קיין פאַל ניט קיין אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

# די אויפגאַבע פון פראָלעטאַריאַט אין אונזער רעוואָלוציע.

דער היסטאָרישער מאָמענט, וואָס רוסלאַנד לעבט איצטער איבער, קען כאראקטעריזירט ווערען מיט פאָלגענדע גרונד־שטריכען:

1. די אַלטע צארישע ממשלה, וועלכע איז באשטאנען פון א באנדע פריצים, וואס האָט געדרעהט דאָס רעדעל פון דער גאַנצער רעגירונגס־מאַשין (ארמעע, פאָליציי און טשינאָוו־ניקעס) איז צושלאָגען און באזייטיגט, אָבער ניט דערשלאָגען אינ־גאנצען. פאָרמעל איז די מאָנארכיע נאָך ניט געפאלען. דאָס ראָמאנאָוו־געזינדעל געהט זיך ווייטער אָן מיט דער ארבייט פון שאפען מאָנארכיסטישע אינטריגעס, און די פריצים זיינען נאָך אלץ די בעלי בתים פון דער ערד.

2. די מלוכה־מאכט פון רוסלאנד איז פשוט איבערגעגאנגען אין די הענט פון א נייעם קלאַס — אין די הענט פון די רייכע און רייך־געווארענע פריצים. אויף אזוי ווייט איז די בורזשוא־רעמאָקראטישע רעוואָלוציע אין רוסלאנד געענדיגט.

אזוי שנעל ווי די בורזשואזיע האָט ארייננעכאפט די מאכט אין איהרע הענט, האָט זי גלייך געמאכט יד אחת מיט די מאָ־נארכיסטישע עלעמענטען, וועלכע זיינען מיט לייב און לעבען געווען איבערגעבען ניקאָלאי׳ען דעם בלוטיגען און סטאָליפינ׳ען רעם תליון אין די יאָהרען 1906 און 1914. די נייע בורזשואזנע רעגיערונג פון פרינץ לוואָוו און קאָמפ. האָט געפרואווט פאר־האנדלען מיט דעם ראָמאנאָוו־געזינדעל וועגען דעם, אז מען זאָל ווידער איינפיהרען א מאָנארכיע אין רוסלאנד. מאכענדיג א טומעל מיט רעוואָלוציאָנערע פראזען, נעמט די דאָזיגע רעגירונג

און באשטימט אויף הויכע פּאָסטען אזעלכע פּאַרשוינען, וועלכע זיינען באַקאַנט אלס גרויסע אָנהענגער פון'ם אַלטען רעזשים, דעם גאַנצען אַפּאַראַט פון דער מלוכה־מאַשין סטאַרעט מען זיך ווי ווייט מעגליך ניט צו רעפאָרמירען צופיעל, און אויף אזא אופן גיט מען איהם איינגאַנצען איבער אין די הענט פון דער בורזשואזיע. און געגען דעם שטראָם פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות, וואָס זיינען שטענדיג די בעסטע פאַרזיכערונג פאַר ערפאָלג אין א רעוואָלוציע — געגען דעם שטעלט זיך די רעגיערונג אנטקעגען און לאָזט ניט געהן צו ווייט.

ביז איצט האָט נאָך די רעגיערונג געפונען פאַר נויטיג צו באשטימען א צייט ווען די גרינדונגס פאַרזאַמלונג זאָל צונויפגערופען ווערען. אויף די פּריצים לאָזט זי חלילה קיין שפּרינקעלע ניט פאַלען און היט זיי אָפּ ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון'ם אויג, מען זאָל חלילה ביי זיי די ערד ניט צונעמען. און עס פעלט איהר נאָר ניט איין, אז מען דאַרף זיך נעמען עפּיס טאָן אויף צו קאָנטראָלירען די פינאַנציעלע מאָנאָפּאָל־אָרגאַניזאַציעס, די גרויסע בענק, די קאַפּיטאַליסטישע סינדיקאַטען און דאָס גלייכען. אזעלכע זאַכען ליגען איהר גאָר ניט אין זינען.

די הויפּט שטעלעס אין'ם מיניסטאָרען־קאַבינעט פון דער בורזשואזנער רעגיערונג (דאָס מיניסטעריום פון אינערליכע אַנגעלעגענהייטען, דאָס קריעגס מיניסטעריום, דאָס הייסט די גאַנצע דעה אין דער אַרמעע, אין דער פּאָליציי, איבער די בעאַמטע און איבער דעם גאַנצען אַפּאַראַט, וואָס אונטערדריקט די מאַסען) פאַרנעמען באַקאַנטע מאָנאַרכיסטען און אָנהענגער פון די רייכע פּריצים. די קאַדעטען, וועלכע זיינען ערשט נעכטען פון דער העלער הויט געוואָרען רעפּובליקאַנער, ווייל זיי האָבען קיין אנדער ברירה ניט געהאַט, האָט מען צוגעטיילט קלענערע שטעלעס, אזעלכע, וואָס האָבען ניט קיין דירעקטע שייכות מיט דער מלוכה מאַכט. און אַלעקסאַנדער קערענסקי, וועלכער איז דער פאַר־

טרעטער פון די טרודאָוויקעס און א „אויך מיר סאָציאַליסט". שפּיעלט לחלוטין ניט קיין ראָלע, אויסער דעם וואָס ער פאַרדרעהט דעם עולם א קאָפּ מיט זיינע קלינגענדיגע, אויסגעצאַצקעטע און מליצה'דיגע דרשות.

איבער אַט די אַלע אורזאַכען פאַרדיענט ניט די נייע בורזשואַזנע רעגיערונג קיין שום צוטרויען מצד די ארבייטער, אפילו אויף דעם געביעט פון דער אינערליכער פּאָליטיק, און וועגען דעם, אַז די ארבייטער זאָלען אַזאַ רעגיערונג שטיצען, קען גאָר קיין רעדע ניט זיין.

## די אויסערליכע פּאָליטיק פון דער נייער רעגיערונג.

3. וואס איז שייך דער אויסערליכער פּאָליטיק, וועלכע איז איבער אויסערליכע באדינגונגען, ארויסגערוקט געוואָרען אויפ'ן ערשטען פּלאַן, טוט די נייע רעגירונג פּונקט דאָס זעלבע, וואָס די אַלטע רעגיערונג האָט געטאָן און פיהרט ווייטער די אימפּעריאַליסטישע מלחמה, האַנט אין האַנט מיט די אימפּעריאַליסטישע מלוכות פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע — אַ מלחמה, וואָס ווערט געפיהרט צוליעב דעם, אַז די קאַפּיטאַליסטען זאָלען זיך טיילען דערמיט וואָס זיי וועלען דערשמיקען די קלענערע, שוואַכערע פעלקער.

איבער דעם וואָס די נייע רוסישע רעגיערונג איז אַזוי גע־האַרכזאַם און אונטערטהעניג צום רוסישען קאַפּיטאַל און צו זיין מעכטיגען באַשיצער און בעל הבית, דעם ענגליש־פראַנצויזישען אימפּעריאַליסטישען קאַפּיטאַל, האָט זי לחלוטין נאַרניט געטאָן צו מאַכען אַ סוף צו דער גרויסער וועלט־מלחמה, וועלכע ווערט געפיהרט אין די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען, כאָטש די גרעסטע מאַיאָריטעט פון'ם רוסישען פאָלק האָט דורך דעם סאָוויעט פון ארבייטער־סאָלדאַטען און פויערים־דעפּוטאַטען אויסגעדריקט אַ שטאַרקען פאַרלאַנג, אַז מען זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף צו דער מלחמה. זי, די נייע רעגיערונג, האָט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג צו פאַרעפענטליכען יענע געהיימע אָפּמאַכען, וועלכע זיינען לכל הדעות גזלנ'ישע און רויבערישע (וועגען צוריי־סען פערסיען, באַראַבעווען כינאַ, בדיל הרל מאַכען טערקיי, צו־ברעקלען עסטרייך, צונעמען מזרח פרייסען, די דייטשע קאָלאָניעס און אז. וו.) — אָפּמאַכען, וועלכע פאַרבינדען רוסלאַנד מיט דעם ענגליש־פראַנצויזישען אימפּעריאַליסטישען רויבערישען קאַפּיטאַל. זי האָט געגעבען איהר הסכמה אויף די געהיימע אָפּמאַכען, וואָס זיינען געשלאָסען געוואָרען פון'ם צאַריזם, וועלכער האָט אין אַ

משך פון דורות־לאַנג געדריקט און געשטיקט די פעלקער מעהר פון אנדערע טיראַנען און דעספּאָטען, — פון'ם צאַריזם, וועלכער האָט ניט נאָר געדריקט, נאָר אויך באַשמוצט און פאַרפּאַטשקעט דאָס גרויסע רוסישע פאָלק, מאַכענדיג עס פאַר אַ תליון פון אנדערע פעלקער.

געבענדיג איהר הסכמה אויף די שענדליכע גזלנישע אָפּמאַ־כען, האָט די נייע רוסישע רעגיערונג ניט פאַרגעשלאָגען קיין באַלדיגען וואַפענשטילשטאַנד צו די קריעגספיהרענדע פעלקער, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס די מאַיאָריטעט פון'ם רוסישען פאָלק האָט דאָס אַזוי קלאָר געפאָדערט דורך די סאָוויעטען פון אר־בייטער־סאָלדאַטען און פויערים־דעפּוטאַטען. זי איז אָפּגעקומען מיט פייערליכע און קלינגענדיגע, אָבער פּוסטע דעקלאַראַציעס און פראַזען, וועלכע האָבען שטענדיג געדיענט און דיענען נאָך איצט ביי די בורזשואַזנע דיפּלאָמאַטען אלס אַ מיטעל אָפּצונאַרען די נאַאיווע, פאַרגלויבטע מאַסען פון אַ אונטערדרדיקטען פאָלק.

4. און דערפאַר קען מען זיך אויף דער דאָזיגער רעגיערונג לחלוטין ניט פאַרלאָזען. עס דאַרף גאָר ביי קיינעם קיין ספק ניט זיין, אַז אויפ'ן פעלד פון אויסערליכער פּאָליטיק וועט זי גאָר ניט אויפטאָן. נאָך מעהר, ניט נאָר קען מען זיך אויף איהר אין דעם פּרט ניט פאַרלאָזען, נאָר מען דאַרף גאָר ביי איהר ניט פאָדערען, אַז זי זאָל אָנזאָגען דער וועלט, אַז רוסלאַנד פאַרלאַנגט אַ שלום אָהן עראָבערונגען, אָהן קאָנטריבוציעס און דאָס רעכט פון קלענערע פעלקער אויף זעלבסטבאַשטימונג א. ז. וו., א. ז. וו. פאָדערען פון איהר אַזאַ זאַך, הייסט פּשוט אָפּנאַרען דאָס פאָלק אין גלויבען אין נעכטיגען טאָג ; הייסט פשוט פאַרדרעהען די מאַסען אַ קאָפּ און אויף אַ קרומען אופן זיי צופּאַסען צו דער מלחמה, וועלכע ווערט געפיהרט ניט פון די פעלקער, נאָר פון די רעגיערונגען, וועלכע זיינען ניט אויסען די טובה פון'ם פאָלק, נאָר עגאָאיסטישע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסען.

# אייגענאַרטיגע דאָפּעלטע מאַכט און איהר קלאַסען-באַדייטונג.

5. די הויפּט אייגענאַרטיגקייט פון אונזער רעוואָלוציע, די אייגענאַרטיגקייט אין וואָס מען דאַרף זיך גוט אריינטראַכטען, באַשטעהט אין דעם, וואָס אין די ערשטע פּאָר טעג נאָכ'ן זיעג איז געשאַפען געוואָרען א מין דאָפּעלטע הערשאַפט.

די דאָפּעלטע הערשאַפט ווייזט זיך ארויס אין דעם, וואָס אין דער אמת'ען עקזיסטירען צוויי רעגיערונגען: די „צייטווייליגע רעגיערונג" פון לוואָוו'ן און קאָמפּ., וועלכע פאַרטרעט די אינטערעסען פון דער בורזשואַזיע, און א זייטיגע „קאָנטראָלירענדע" רעגיערונג — דער פּעטראָגראַדער סאָוועט פון ארבייטער־סאָלדאַטען און פויערים־דעפּוטאַטען, וועלכער האָט ניט אין זיינע הענט די קערפּערשאַפטען פון דער רעגירונגס מאַכט, נאָר שטיצט זיך אוממיטעלבאַר און לכל הדעות אויף דער מאַיאָריטעט פון'ם פאָלק, וואָס באַשטעהט פון באַוואָפענטע ארבייטער און פויערים.

דער קלאַסען־גרונד פון דער דאָזיגער דאָפּעלטער מאַכט און איהר קלאַסען־באַדייטונג באַשטעהט אין דעם, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע פון מאַרט 1917 האָט ניט נאָר געמאַכט א סוף צו דער גאַנצער צאַרישער ממשלה און איבערגעגעבען די גאַנצע מאַכט אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, נאָר זי איז אויך געוואָרען רייף גענוג פאַר א רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פון'ם פּראָלעטאַריאַט און דעם פויערטום. און אזא דיקטאַטור, (דאָס הייסט, א מאַכט, וואָס שטיצט זיך ניט אויפ'ן געזעץ, נאָר אויף די שטאַרקע כוחות פון די באַוואָפענטע מאַסען) איז דער פּעטראָגראַדער סאָוועט און אויך די לאָקאַלע סאָוועטען פון ארבייטער־ און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען.

6. די צווייטע זעהר וויכטיגע אייגענאַרטיגקייט פון דער

רוסישער רעוואלוציע באשטעהט אין דעם, וואס דער פעטראגראדער סאוויעט פון סאלדאטען און ארבייטער דעפוטאטען, האבענדיג, ווי עס שיינט לויט אלע באווייזע, דעם צוטרויען פון דער מאיאריטעט פון די לאקאלע סאוויעטען, האט אליין, מיט'ן אייגענעם ווילען, איבערגעגעבען די מלוכה־מאכט אין די הענט פון דער בורזשואזיע און פון איהר צייטווייליגער רעגיערונג. דאס הייסט פשוט, אליין איבערגעגעבען איהר די פולע דעה, באגנוגענדיג זיך מיט דער ראלע פון א בעאבאכטער און פון אן אויפפאסער איבער דער צונויפרופונג פון דער גרינדונגס פארזאמלונג, וועלכע די צייטווייליגע רעגיערונג האט נאך ביי זיך ניט אפגעמאכט ווען צונויפצורופען.

אט די זעהר אייגענארטיגע, מאדנע לאגע, וועלכע איז נאך ביז איצט אין דער געשיכטע אין אזא פארמע ניט געווען, האט געבראכט דערצו, אז עס זאלען זיך צונויפמישען אזעלכע צוויי דיקטאטורען, וואס פלאנטערען זיך איינע אן דער אנדערער — די דיקטאטור פון דער בורזשואזיע (ווארום וויסען דארפט איהר, אז די רעגיערונג פון פרינץ לוואוו און קאמפ. איז א דיקטאטור, דאס הייסט, א הערשאפט, וואס שטיצט זיך ניט אויפ'ן געזעץ און אויך ניט אויף דעם ווילען פון'ם פאלק, נאר דארויף, וואס זי האט פארכאפט די מאכט מיט געוואלט) און די דיקטאטור פון'ם פראלעטאריאט און פויערטום (דער סאוויעט פון סאלדאטען און ארבייטער דעפוטאטען).

און עס קען גאר דער מינדסטער ספק ניט זיין, אז אזא צונויפמישונג, אזא שידוך קען זיך לאנג ניט האלטען. קיין צוויי הערשאפטען אין איין מלוכה קענען ניט זיין. איינע פון זיי מוז אונטערגעהן. און די גאנצע רוסישע בורזשואזיע ארבייט שוין טאקי אומעדום מיט אלע כחות און מיט אלע מעגליכקייטען צו פארדרוקען אינגאנצען אין א ווינקעל, אפשוואכען די מאכט פון די סאוויעטען און איינפיהרען איין גאנצע בורזשואזנע הערשאפט.

א דאָפּעלטע הערשאפט דריקט בלויז אויס אַן *איבערגאַנגס* מאָמענט אין א רעוואָלוציע, ווען זי איז אוועק ווייטער פון דער געוועהנליכער בורזשוא־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, און *האַלט אָבער נאָך ניט ביי* א; אמת׳ער דיקטאַטור פון׳ם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום.

די קלאַסען־באַדייטונג (און אויך די קלאַסען־ערקלערונג) פון דעם ניט פעסטען איבערגאַנגס מאָמענט, באַשטעהט אין פאָלגענדען: פּונקט ווי יעדע רעוואָלוציע, האָט אויך אונזער רוסישע רעוואָלוציע געפאָדערט גרויסע העלדענטאַטען, אָפּפערוויליגקייט פון די מאַסען אין׳ם קאַמפּף געגען צאַריזם, און אין דערזעלבער צייט האָט זי *אַריינגעשלעפּט אין דער באַוועגונג* א גאַנץ היבש ביסעל בעל הבתים׳לעך.

איינער פון די וויכטיגסטע, וויסענשאַפּטליכע און פּראַקטיש־פּאָליטישע סימנים פון יעדער ווירקליכער רעוואָלוציע באַשטעהט אין דעם, וואָס א גאַנץ גרויסע צאָהל „בעלי בתים" ווערען גאַנץ שנעל זעהר טעטיג אין׳ם פּאָליטישען לעבען, אין דער איבערבויאונג פון דער מלוכה.

דאָס זעלבע איז געווען אין רוסלאַנד אויך. אין רוסלאַנד קאָכט איצט דאָס פּאָליטישע לעבען ווי אין א קעסעל. מיליאָנען און צעהנדליגער מיליאָנען מענשען, וועלכע זיינען פּאָליטיש געשלאָפען, פּאָליטיש געוועזן דערשלאָגען פון דער שרעקליכער אונטערדריקונג פונ׳ם צאַריזם אין שווערער האָראַוועניע פאר די ערד־אייגענטימער און פאַבריקאַנטען, *האָבען זיך מיט אמאָל אויפגעכאַפּט און זיך א לאָז געטאָן* אין׳ם שטראָם פון׳ם פּאָליטישען לעבען. און ווער זיינען אָט די מיליאָנען און צעהנדליגער מיליאָנען? דאָס רוב זיינען זיי קליינע בעל הבתים׳לעך, קליינבירגער, מענשען, וואָס שטעהען אין מיטען וועג צווישען קאַפּיטאַליסטען און געדונגענע ארבייטער. און רוסלאַנד איז דאָך צווישען אַלע אייראָפּעאישע לענדער דאָס קליינבירגערליכסטע לאַנד.

די ריעזיגע קליינבירגערליכע כוואליע האט מיט אימפעט א שטראם געטאן און פארפלייצט דעם אויפגעקלערטען פראלעטאריאט ניט נאר מיט איהר גרויסער צאהל, נאר אויך מיט איהרע אידעאלען, מיט איהר תורה. זי האט פארגיפטעט און אנגעשטעקט גאנץ ברייטע ארבייטער קרייזען מיט איהרע קליינבירגערליכע אנשויאונגען אויף פאליטיק.

די קליינבורזשואזיע איז אפהענגיג פון דער בורזשואזיע. לעבענדייג אליין אויפ'ן בעל־הבית'ישען שטייגער און ניט אויפ'ן ארבייטער שטייגער (אין דעם זינן פון דעם פלאץ, וואס זי פארנעמט אין דער געזעלשאפטליכער פראדוקציאן) און אויך אין איהר געדאנקענגאנג, שלעפט זי זיך שטענדיג נאך דער בורזשואזיע.

בלינדער צוטרויען צו די קאפיטאליסטען, די ערגסטע שונאים פון שלום און סאציאליזם, — אט וואס עס כאראקטעריזירט די איצטיגע פאליטיק פון די מאסען אין רוסלאנד, אט וואס איז אויסגעוואקסען מיט אזא רעוואלוציאנערער שנעלקייט אויף דעם סאציאל־עקאנאמישען באדען אין דעם קליינבירגערליכסטען לאנד אין איירפא. אט אין דעם ליגט דער קלאסען־שורש פון דעם „אויסקומען” וואס געהט אן צווישען דער פראוויזארישער רעגירונג מיט'ן סאוויעט פון ארבייטער און סאלדאטען דעפוטאטען, און „אויסקומעניש”, וואס שארט צו גוטשקאוו'ן א געשמאקען ביסען און א ווירקליכע מאכט, און פאר די סאוויעטען — פארשפרעכונגען, כלומר'שמען דרך ארץ, חניפה, פראזען, פארזיכערונגען און די עדעלע מאניערליכע קונצען פון קערענסקי'ן.

די ניט גענוגע צאהל פון'ם פראלעטאריאט אין רוסלאנד, ווי אויך דאס וואס ער איז ניט גענוג אויפגעקלערט און ניט ווי געהעריג ארגאניזירט — דאס איז די צווייטע זייט פון'ם מעדאל.

אלע פאלקס־פארטייען, אריינגערעכענט די פארטיי סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען, זיינען פון תמיד אן געווען קליינבירגערליכע. טשכעאידזע, צערעטעלי און זייערע חברים, די אומפארטייאישע רעוואלוציאנערען, ווי סטעקלאוו און אנדערע, האבען

זיך גלייך א לאז געטאן מיט'ן שטראם, ווייל זיי האבען פשוט ניט געהאט נענוג כחות זיך צו שטעלען אקעגען שטראם.

7. פון דער אויבענאנגעוויזענער איינגענארטיגער לאגע שטראמט ארויס די אייגענארטיגע טאקטיק פון'ם איצטיגען מא־כיענט. און דאס דארף צוגעבען יעדער מארקסיסט, וועלבער מוז זיך רעכענען מיט די אביעקטיווע פאקטען, מיט די מאסען און קלאסען, און ניט מיט איינצעלנע פערזאנען.

אט די אייגענארטיגקייט רוקט ארויס אין דער ערשטער שורה דאס וואס חבר טעאדאראוויטש האט זעהר געלונגען אנגערופען „ארייננגיסען עסיג און גאל אין דער זיסליכער וואסער פון די רעוואלוציאנער־דעמאקראטישע פראזען". די ארבייט פון דער קריטיק באשטעהט אין דעם, וואס זי מאכט קלאר פאר אלעמען די טעות'ען פון די קליינבירגערליכע פארטייען סאציא־ליסטען־רעוואלוציאנערען און סאציאל־דעמאקראטען, גרייט צו און פאראייניגט די עלעמענטען פון דער באוואוסטזיניג־פראלעטא־רישער, קאמוניסטישער פארטיי, און לופטערט אויס דעם פראַ־לעטאריאט פון דעם „אלגעמיינעם" קליינבירגערליכען שטאנד.

לפנים דוכט זיך, אז דאס איז ניט מעהר ווי פראפאגאנדע ארבייט. אין דער אמת'ען אבער איז דאס די פראקטישסטע רע־וואלוציאנערע ארבייט, ווארים מען קען דאך ניט א רוק טאן ווייטער אזא רעוואלוציע, וועלכע האט זיך אפגעשטעלט אין מיטען דערינען, זיך פארכלינעט מיט א פראזע און „טאפטשעט זיך אויף איין ארט" ניט דערפאר וואס מען שטערט איהר פון דרויסען, אויך ניט דערפאר, וואס די בורזשואזיע נעמט אן געוואלד־מיטלען און לאזט ניט געהן ווייטער (גוטשקאוו סטראשעט בלויז דערווייל, אז ער וועט אננעמען געוואלד־מיטלען געגען די סאלדאטען), נאר דערפאר וואס די מאסען גלויבען בלינד.

בלויז קעמפפענדיג מיט אט דעם בלינדען צוטרויען (און קעמפפען מיט איהם דארף מען בלויז גייסטיג, דורך חבר'שע אי־בערצייגונגען און דורך אנווייזונגען אויף ערפאהרונגען פון לעבען),

הענגען מיר זיך באפרייען פון דעם הו־הא און פון דעם טומעל, וואס מען האט געמאכט מיט רעוואלוציאנערע פראזען, און ווירקליך א רוק טאן פאראויס אי דעם פראלעטארישען באוואוסטזיין, אי דעם באוואוסטזיין פון די מאסען, אי די דרייסטע ענטשלאסענע איניציאטיווע זייערע אומעדום, די ענטוויקלונג און פארשטארקונג פון די געוואונענע פרייהייטען, דעמאקראטיע און דעם פרינציפ, אז דאס פאלק זאל הערשען איבער'ן גאנצען לאנד.

8. אין דער געשיכטע זעהען מיר, אז בורזשואזנע רעגירונגען האבען פון תמיד אן געהאט צווייערליי מיטלען אויף איינצוהאלטען און אונטערדריקען דאס פאלק. דער ערשטער מיטעל איז — געוואלד, מאכט. ניקאלאי ראמאנאוו, דער ערשטער, און ניקאלאי דער צווייטער — דער בלוטיגער, האבען געוויזען דעם רוסישען פאלק די העכסטע מעגליכע און אוממעגליכע מדרגה פון אט דעם תלינ'ישען רוצח'דיגען מיטעל. עס איז אבער פאראן נאך א מיטעל, וואס איז זעהר קונציג אויסגעארבייט געווארען פון דער ענגלישער און פראנצויזישער בורזשואזיען, וועלכע דערשמעקען אזוי שנעל דעם ריח פון א גרויסער רעוואלוציע און פון א רעוואלוציאנערער מאסען־באוועגונג. דאס איז דער מיטעל — אפצונארען, חנפה'נען, ניט זשאלעווען קיין שעהנע פראזען, זיין מילד אויף פארשפרעכונגען, צו־ווארפען א ביינדעל, מאכען פשרות און האבען אן אפענע פריינעבינע האנט אין אומוויכטיגע זאכען, און זיך האלטען שטאל און אייזען אין האבען א פארמאכטע האנט אין וויכטיגע זאכען.

אין רוסלאנד איז די לאגע ארויסגעקומען גאנץ אייגענארטיג. מיט אמאל האט מען זיך גענעבען א קוליע איבער פון'ם ערשטען מיטעל צום צווייטען. פונקט אזוי ווי מען האט פריהער אנגעווענדעט די בלוטיגסטע מאכט כדי צו אונטערדריקען דאס פאלק, אזוי האט מען דערנאך אנגעווענדעט די זיסעסטע חניפה, כדי צו אונטערדריקען דאס פאלק. און וואס קומט ארויס פון דער חניפה און פון די אלע גוטע הבטחות? עס קומט ארויס דאס זעלבע,

וואס אין יענעם באריהמטען פאבעל, וואו דער קוכער האט זיך גענומען זאגען מוסר דער קאץ פאר וואס זי איז א נאשערין. ער דרשנ'ט, זאגט מוסר — און די קאץ הערט איהם ווי דעם פאר־איאהריגען שנעע און נאשט ווייטער. מיליוקאוו און גוטשקאוו האלטען די מאכט אין זייערע הענט, זיי באשיצען די פראפיטען פון קאפיטאל, זיי פיהרען ווייטער די אימפעריאליסטישע מלחמה אין די אינטערעסען פון'ם רוסישען און ענגליש־פראנצויזישען קאפי־טאל, — און טוענדיג דאס, קומען זיי אפ מיט פארשפרעכונגען, מליצות, און קנאקעדיגע דעקלאראציעס, אלס אן ענטפער אויף די דרשות פון אזוינע „קוכערס" ווי טשכעאידזע, צערטעלי און סטעקלאוו, וועלכע מאכען זיך נאריש און זאגען מוסר, סטראשען, שילטען, בעטען, פאדערען און אפעלירען צום יושר פון דער קאץ, וועלכע הערט דאס אלעס אויס — און באלעקט זיך.

אבער מיט דער צייט וועט דער בלינדער צוטרויען און די צוטרויליכע בלינדקייט ווערען אלץ קלענער, באזונדערס מצד די ארבייטער און ארימסטע פויערים, ווען דאס געזעלשאפטליך־עקאנאמישע לעבען לערענט, אז זיי זאלען צו די קאפיטאליסטען קיין צוטרויען נים האבען.

די פיהרער פון דער קליינבורזשואזיע „מוזען" לערנען דאס פאלק צו האבען צוטרויען צו דער בורזשואזיע. אבער די פיהרער פון'ם פראלעטאריאט דארפען לערנען דאס פאלק נים צו האבען קיין צוטרויען צו דער בורזשואזיע.

# די לאַגע אינ'ם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל.

אין'ם איצטיגען מאָמענט פארנעמען די אינטערנאַציאָנאלע פליכטען פון'ם רוסישען ארבייטער קלאַס דעם אויבען אָן.

ס'איז געוואָרען א מאָדע היינטיגע צייטען זיך צו שווערען בנאמנות, אַז מען איז אַ אינטערנאַציאָנאַליסט. יעדער איינער, אַבי ער פוילט זיך נאָר ניט, שווערט אויף זיינע נאמנות, אַז ער איז אָ אינטערנאַציאָנאַליסט. אַפילו די שאָוויניסטען־פּאַרטיידי־גער (אָבאָראָנצי), אפילו די הערדען פּלעכאַנאָוו און פּאָטרעסאָוו, און אַפילו קערענסקי זאָגט אויך, אַז ער איז אַ אינטערנאַציאָנאַ־ליסט. און ווייל עס איז געוואָרען אַזאַ געוועהנליכע זאַך זיך צו קרוינען מיט'ן נאָמען „אינטערנאַציאָנאַליסט", איז דעריבער די פליכט פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי פעסטצושטעלען קלאָר און דייטליך וואָס אינטערנאַציאָנאַליזם איז טאַקי אין דער אמת'ען.

וואָרים ס'איז נאָך וועניג, וואָס מען טשעפּעט אויף זיך אליין אָן אַ בלעטעל מיט אַן אויפשריפט „אינטערנאַציאָנאַליסט". די אַלע פּאַפּירענע אויפרופען צו די ארבייטער פון אַלע לענדער, די אַלע פאַרזוכען דירעקט אָדער אינדירעקט אַוועקצושטעלען א „נעקסט" דעם אַרויסטריט פון'ם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַ־ריאַט און די פאַרשידענע קריגס פיהרענדע לענדער, די אַלע אַנ־שטרענגונגען צו שליסען אַן „אָפּמאַך" צווישען די סאָציאַליסטען פון די קריגס פיהרענדע לענדער ווענען א רעוואָלוציאָנערען קאמף, די גאַנצע טרחה פון די סאָציאַליסטישע צוזאַמענפאָהרען אויף אָנ־צופיהרען אַ קאַמף פאַר שלום און נאָך און נאָך — אָט די אַלע זאַכען, ווי ערנסט און אויפריכטיג מען זאָל דערביי ניט זיין, זיינען מליצה, אָדער אין בעסטען פאַל — ניט מעהר ווי אומשולדיגע גו־טינקע פאַרלאַנגען, וועלכע טויגען זיך בלויז פאַר די שאָוויניסטען אויף אָפּצונאַרען די מאַסען. און די פראַנצויזישע סאָציאַל־שאָווי־

ניסטען, וועלכע זיינען מעהר ווי אַלע אַנדערע געשיקט אין דער קונץ פון פּאַרלאַמענטאַרישער נאַרעריי, האָבען פּשוט באַוויזען וואונדער אויף דעם געביט פון הויכקלינגענדער פּאַסיפיסטישער און אינטערנאַציאָנאַליסטישער מליצה, וואָס זיי האָבען צונויפגעטשעפּעט מיט דעם אונערהערטען חוצפּה׳דיגען פאַרראַט צום סאָציאַליזם און צום אינטערנאַציאָנאַל. ביי זיי איז געווען רעכט אריינצוטרעטען אין אַ מיניסטאָרען־קאַבינעט, וואָס פיהרט אָן אַ אימפּעריאַליסטישע מלחמה, ביי זיי איז געווען רעכט צו שטימען פאַר די קריגס הלוואות (פּונקט ווי טשכעאידזע, סקאָבעליעוו, צערעטעלי און סטעקלאָוו האָבען דאָס ניט לאַנג צוריק געטאָן אין רוסלאַנד), עס האָט ביי זיי נים אויסגעמאַכט זיך צו שטעלען נעגען דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען ביי זיי אין לאַנד.

גוטע מענשען האָבען אַ טבע צו פאַרגעסען די אכזריות׳דיגע ווילדע אומשטענדען פון דער אַל־וועלטליכער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. אָבער אָט די אומשטענדען האָבען אַ טבע ניט צו דולדען קיין מליצה, זיי לאַכען זיך אויס און זיינען זיך נוקם אָן די אומשולדיגע זיסינקע פאַרלאַנגען.

עס איז פאַראַן בלויז איין אינטערנאַציאָנאַליזם: אַן אונערמיעדליכע אַרבייט אויף צו ענטוויקלען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף ביי זיך אין לאַנד, און שטיצען (דורך פּראָפּאַגאַנדאַ, געלד און מיטגעפיהל) פּונקט אַזאַ קאַמף, וואָס ווערט געפיהרט אויף פּונקט אַזאַ שטייגער און נאָר אויף אַזאַ שטייגער, אין אַלע לענדער, אָהן אַן אויסנאַם.

אָט דאָס איז אמת׳ער אינטערנאַציאָנאַליזם, און די אַלע אַנדערע דריידלעך וואָס מען מאַכט, זיינען פאַלש.

פאַר די קנאַפּע דריטהאַלבען יאָהר פון דער מלחמה האָבען זיך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער באַוועגונג אין אַלע לענדער אויסגעאַרבייט דרייערליי שטרעמונגען. און ווער עס געהט אַרונטער פון דעם רעאַלען באָדען פון די דאָזיגע

דריי שטרעמונגען, זייער אַנאַליז און דעם אופן ווי זיי פיהרען אַן א קאַמף — דער ברענגט זיך אַליין צו נעבעכדינקייט, אומבאהאָל־פענקייט און טעות'ען.

די דריי שטרעמונגען זיינען פאָלגענדע :

1) סאָציאַל־שאָוויניסטען, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס רופען זיך סאָציאַליסטען און זיינען אין דער אמת'ען גאָר שאָוויניסטען — דאָס זיינען אַזעלכע מענשען, וועלכע האַלטען, אַז מען דאַרף „פארטיידיגען דאָס פאטערלאנד" אין אַן אימפּעריאַליסטישער מלחמה, און הויפּטזעכליך אין דער איצטיגער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

אָט די מענשען זיינען אונזערע קלאַסען־געגנער. זיי זיינען אריבער אויף דער זייט פון דער בורזשואַזיע.

אַזוי זיינען די מעהרסטע אָפיציעלע פיהרער פון דער אָפיציע־לער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין א ל ע לענדער : די העררען פּלעכאַנאָוו און קאָמפּ. אין רוסלאַנד, די שיידעמאַנס אין דייטש־לאַנד, רענאָדעל, געד און סאַמבאַ אין פראַנקרייך, ביסאָלאַטי און קאָמפּ. אין איטאַליען, היינדמאַן, בראַנטינג און קאָמפּ. אין דער שווייץ, טרולסטרא און זיין פּאַרטיי אין האָלאַנד, סטאַונינג און זיין פּאַרטיי אין דענעמארק, וויקטאָר בערגער און די אַנדערע אין אַמעריקאַ.

2) די צווייטע שטרעמונג, דער זאָגענאַנטער „צענטער", באַ־שטעהט פון אַזעלכע מענשען, וועלכע וויגען זיך צווישען די סאָ־ציאַל־שאָוויניסטען און אינטערנאַציאָנאַליסטען.

די „צענטריסטען" האַלטען זיך אין איין שווערען מיט כל השבועות, אַז זיי זיינען מאַרקסיסטען, אינטערנאַציאָנאַליסטען, אַז זיי זיינען פאַר שלום און אויך דערפאַר, אַז מען זאָל „צווינגען" די רעגירונגען עפּעס אויפצוטאָן ; אַז זיי „פאָדערען" פון זייערע רעגירונגען צו לאָזען וויסען דער וועלט וועגען דעם, אַז דאָס פאָלק גאַרט נאָך פריעדען ; זיי דערצעהלען אויך געשיכטעס וועגען דעם, אַז זיי זיינען מיט'ן נאַנצען האַרצען פאַר א פריעדען אָהן

עראָבערונגען און אָהן קאָנטריבוציעס א. ז. וו., א. ז. וו. זיי זיי־נען אויף פאר א פאראייניגונג מיט די סאָציאל־שאָוויניסטען. קורץ — די צענטריסטען זיינען געגען א שפּאלטונג.

די „צענטריסטען" באָדען זיך אין א ים פון גוטינקע, קליין־בירגערליכע פראזען; לפּנים זיינען זיי אינטערנאציאָנאליסטען, אָבער אין דער אמת'ען זיינען זיי שרעקעדיגע אָפּאָרטוניסטען און זיי שטרעקען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט יוצא צו זיין פאר די סאָציאל־שאָוויניסטען.

דער עיקר באשטעהט אין דעם, וואָס די „צענטריסטען" זיינען ניט איבערצייגט אין דער נויטיגקייט פון א רעוואָלוציע געגען זייע־רע רעגירונגען, זיי פּרעדיגען ניט פאר אזא רעוואָלוציע, זיי פיהרען ניט אָן קיין שטארקען רעוואָלוציאָנערען קאמף, און אנ־שטאט דעם דרעהן זיי זיך אויס מיט כלומרשט „מארקסיסטישע" פראזען און תירוצים.

די סאָציאל־שאָוויניסטען זיינען אונזערע קלאסען־געגנער, זיי זיינען די בורזשואזיע אין דער ארבייטער באוועגונג. זיי זיינען די גרופּע פון דער ארבייטער באוועגונג, וועמען די בורזשואזיע קויפט אָפּ מיט א גוטער שטעלע, זיי העלפען דער בורזשואזיע בארויבען און אונטערדריקען די קלענערע, שוואכערע פעלקער, זיי העלפען איהר אָנפיהרען א קאמף, אז זי, די בורזשואזיע, זאָל זיך קענען טיילען מיט דעם, וואָס זי ראַבעוועט אָן.

די „צענטריסטען" זיינען מענשען, וועלכע האָבען מורא פאר א נייע וואָרט, זיי זיינען שוין פארשימעלט געוואָרען פון דער פאר־שימעלטער געזעצליכקייט, דער פּארלאמענטאריזם און די אלע אנ־דערע זיבען גליקען איז זיי שוין אזוי אין די עצמות אריינגעקראָכען, אז אָהן איהם קענען זיי זיך ניט א ריהר טאָן פון דאנען אהין, זיי זיינען „טשינאָווניקעס", וועלכע זיינען שוין געוועהנט געוואָרען צו ווארימע ערטעלאך און צו „רוהיגער" ארבייט. ריידענדיג היס־טאָריש און עקאָנאָמיש, זיינען זיי, די „צענטריסטען", ניט קיין באזונדער שטאנד, זיי שטעלען מיט זיך בלויז פאָר דעם איבער־

ג א נ ג פון דער אָפּגעלעבטער מדרגה פון דער ארביטער באוועגונג, פון דער פּעריאָדע פון 1871טען יאָהר ביז'ן יאָהר 1914, פון דער פּעריאָדע, וואָס האָט געגעבען אַ סך גוטעס, באַזונדערס אין דער קונסט, וואס איז אַזוי נויטיג פאַר דעם פּראָלעטאַריאט, אין דער קונסט פון פּאַמעליכער, אויסגעהאַלטענער, סיסטעמאַטישער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט אין'ם ברייטסטען מאַסשטאַב — ביז דער נייער פּעריאָדע, וועלכע איז געוואָרען אָביעקטיוו נויטיג פון דער צייט פון דער ערשטער אַל־וועלטליכער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, וועלכע האָט געעפענט אַ וועג פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

קאַרל קאַוטסקי, דער הויפּט פיהרער און פאָרשטעהער פון'ם „צענטר“, דער אנגעזעהענסטער אויטאָריטעט פון'ם צווייטען (1889—1914) אינטערנאַציאָנאַל, קען דיענען פאַר אַביישפּיעל ווי אַזוי מען האָט דעם מאַרקסיזם צוטרייבערט; ער קען דיענען פאַר אַ ביישפּיעל פון דער אונערהערטער כאַראַקטערלאָזיגקייט, פון דעם וויעגען זיך הין און הער און פון דעם פאַרראַט, וואָס ווערט באַגאַנגען פונ'ם מאָנאַט אויגוסט 1914 אָן. די פאַרשטעהער פון דער שטרעמונג פון „צענטר“ זיינען: קאַרל קאַוטסקי, הוגאָ האַאַזע און לעדערבור, די זאָגענאַנטע „אַרבייטער שטיצע“ אינ'ם דייטשען רייכסטאַג; אין פראַנקרייך—לאָנגע, פּרעססמאַן און די זאָגענאַנטע „מינאָריטעט־גרופּען“ בכלל; אין ענגלאַנד—פילינפּ סנאָודען, ראַמזי מעקדאָנאַלד און אַ סך אַנדערע פיהרער פון דער „אונאַפּהענגיגער לייבאָר פּאַרטיי“; מאָררים הילקוויט און אַ סך אַנדערע אין אַמעריקאַ; טוראַטי, טרעוועס, מאָדיליאַני און אַ סך אַנדערע אין איטאַליען; ראָבערט גרים און אַנדערע אין דער שווייץ; וויקטאָר אַדלער און קאָמפּ. אין עסטרייך; אַקסעלראַד, מאַרטאָוו, טשכעאידזע, צערעטעלי און אַנדערע אין רוסלאַנד. א. ז. וו.

ס'פאַרשטעהט זיך, אַז אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין, נעהן אַמאָל איינינגע סאָציאַל־שאָוויניסטען איבער צום „צענטר“, און אַמאָל פאַרקערט. יעדער מאַרקסיסט ווייסט גאַנץ גוט, אַז

דער אונטערשיעד צווישען די קלאסען בלייבט אלץ דערזועלבער, ניט קוקענדיג דארויף, וואס איינצעלנע פערזאנען גייען אריבער פון איין קלאס צום צווייטען ; און אזוי איז אויך אין פאליטישען לעבען, מעגען איינצעלנע פערזאנען איבערגעהן פון איין פאליטישער שטרע־מונג אין דער אנדערער — דער אונטערשיעד צווישען די צוויי פאליטישע שטרעמונגען בלייבט אלץ דערזעלבער.

3) די דריטע שטרעמונג — דאס זיינען די אמת'ע אינטער־נאציאנאליסטען. די „לינקע צימערוואלדער".

דער הויפט שטריך, וואס אונטערשיידט די אמת'ע אינטערנא־ציאנאליסטען באשטעהט אין דעם, וואס זיי האבען אין גאנצען אי־בערגעריסען מיט די סאציאל־שאוויניסטען און מיט'ן „צענטר". דער עיקר איז : א שטארקער רעוואלוציאנערער קאמף געגען דער איינענער אימפעריאליסטישער רעגירונג און אויך געגען דער איי־גענער אימפעריאליסטישער בורזשואזיע. דער פרינציפ : „דער ערגסטער שונא געפינט זיך אין איינענעם לאנד, אין דער היים". א אום'רחמנות'דיגער קאמף מיט דער סאציאל־פאסיפיסטישער פראזע און מיט די אלע טויזענדטערליי תירוצים, וועלכע זיינען אוי־סען אפצולייקענען די מעגליכקייט און די פאסיגקייט פון א רעוואַ־לוציאנערען פראלעטארישען קאמף און פון א פראלעטארישער סאַ־ציאליסטישער רעוואלוציע אין פארבינדונג מיט דער איצטיגער מלחמה.

די אנגעזעהענסטע פארשטעהער פון דער דאזיגער שטרעמונג זיינען : אין דייטשלאנד — די „ספארטאקער", אדער „אינטער־נאציאנאליסטען", מיט דר. קארל ליעבקנעכט אלס מיטגליעד. ער, דר. קארל ליעבקנעכט, איז דער באריהמטעסטער פארטרעטער פון דער דאזיגער שטרעמונג און פון דעם נייעם אמת'ען פראלעטארי־שען אינטערנאציאנאל.

קארל ליעבקנעכט האט אויפגעפאדערט די ארבייטער און די סאלדאטען פון דייטשלאנד, אז זיי זאלען אוילדרעהן זייערע ביקסען און קאנאנען געגען זייער איינענער רעגירונג. קארל ליעבקנעכט

האָט דאָס ניט געטאָן פאַרשטעלט, נאָר אָפען, אויף דער טריבונע פון'ם דייטשען פאַרלאַמענט (רייכסטאַג). דערנאָך איז ער אַליין אוועק אויפ'ן פּאָטסדאַמער פּלאַץ, דאָס גרעסטע פּלאַץ אין בערלין, און דאָרטען האָט ער פאַנאַנדערגעטיילט געדרוקטע אומלעגאַלע פּראָקלאַמאַציעס מיט'ן רוף: „ניעדער מיט דער רעגירונג!“ מען האָט איהם אַרעסטירט און פאַר'משפט אויף קאַטאָרגע. איצט זיצט ער אין דער קאַטאָרזשנער טורמע אין דייטשלאַנד, און ער איז ניט דער איינציגער, אין די דייטשע טורמעס זיצען הונדערטער, אויב ניט קיין טויזענדער אמת'ע סאָציאַליסטען, דערפאַר, וואָס זיי זיינען געוועזן געגען דער מלחמה.*)

קאַרל ליעבקנעכט האָט אין זיינע רעדעס און אין זיינע אַר־טיקלען אָנגעפיהרט אַ שטאַרקען קאַמף ניט נאָר געגען די דייטשע פלעכאַנאָווס און פּאָטרעסאָווס (די שיידעמאַנס, לעגיענס, דאַווידס און קאָמפּ.), נאָר אויך געגען די דייטשע טשכעאידזעס און צערע־טעלים (די האַאַזעס, לעדעבורס און קאָמפּ.)

פון הונדערט און צעהן סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען, האָט קאַרל ליעבקנעכט, צוזאַמען מיט זיין פריינד אָטטאָ רוהלע, געבראָ־כען די דיסציפּלין, צוטרייסעלט די „איינינקייט“ מיט'ן „צענטר“ און מיט די שאָוויניסטען, און אַרויסגעטראָטען געגען אַלע. בלויז ליעבקנעכט שטעלט מיט זיך פאָר דעם סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד, די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. און די גאַנצע איבעריגע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז, ווי ראָזע לוקסעמבורג האָט זי זעהר ריכטיג אָנגערופען, ניט מעהר ווי אַ פאַסקודנע נבלה, פון וועלכער עס פיהלט זיך אַ מיאוסער גערוך.

עס איז פאַראַן נאָך אַ גרופּע אמת'ע אינטערנאַציאָנאַליסטען

---

*) ווי די לעזער זעהן, האָט לעגין דאָס געשריעבען נאָך איידער די דייטשע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען; ווען ווילהעלם האָט בלויז געוואָגט דעם גרויסען קעמפפער אין געפענגניס אריינצוזעצען, ניט ווי די עבערט־שיידעמאַן מענשען, וועלכע האָבען געוואָגט אויף אַזאַ ברוטאַלען אופן איהם צו ערמאָרדען.

אין דייטשלאַנד, און דאָס איז די ברעמענער צייטונג „אַרבייטער פּאָליטיק".

אין פראַנקרייך זיינען צום אמת'ען אינטערנאַציאָנאַליזם נאָהענט לאָריאָ און זיינע פריינד (בורדעראָן און מערהייט האָבען זיך אָוועקגעגליטשט צום סאָציאַל־פּאַסיפיזם), און אויך אַנרי גילבאָ, וועלכער גיט אין זשענעווע אַרויס דעם זשורנאַל „מאָרגען"; אין ענגלאַנד זיינען צום אמת'ען אינטערנאַציאָנאַליזם נאָהענט — די צייטונג „טרייד יוניאָניסט" און אַ טייל מיטגליעדער פון דער בריטאַנישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און דער „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי" (למשל, וויליאַם ראָסעל האָט אָפען גערופען צו אַ שפּאַלטונג מיט די פיהרער וועלכע האָבען פאַרראַטען דעם סאָציאַליזם), אויך דער סקאָטלענדישער פּאָלקס־לעהרער, דער סאָציאַליסט מאַקלין, וועמען די בורזשואַזנע ענגלישע רעגיערונג האָט אַריינגעזעצט אין טורמע דערפאַר וואָס ער האָט אָנגעפיהרט אַ קאַמפּף נעגען דער מלחמה; אויך די אַנדערע הונדערטער ענגלישע סאָציאַליסטען, וועלכע שמאַכטען אין די טורמעס דערפאַר, וואָס זיי האָבען אָנגעפיהרט אַ רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף געגען דער מלחמה. זיי און בלויז זיי זיינען די אמת'ע אינטערנאַציאָנאַליסטען אין ענגלאַנד; אין אַמעריקאַ זיינען צום אמת'ען אינטערנאַציאָנאַליזם נאָהענט — די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי, און אויך יענע עלעמענטען אין דער אָפּאָרטוניסטישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָבען אין מאָנאַט יאַנואַר 1917 אָנגעהויבען אַרויסגעבען די צייטונג „אינטערנעשיאָנעליסט"; אין האָלאַנד — די „טריבוניסטען", וועלכע געבען אַרויס די צייטונג „טריבונע" (פּאַנעקוק, הערמאַן גאָרטער, ווינקאָפּ, הענריעטע ראָלאַנד־האָלסט, וועלכע איז אין צימערוואַלד געווען מיט'ן „צענטר", איז איצט איבערגעגאַנגען צו אונז); אין שוועדען — די פּאַרטיי פון די יונגע, אָדער לינקע, וועלכע ווערט געפיהרט פון לינדהאַגען, טורע נערמאַן, קאַרלסאָן, סטרעם און הערלונד, וועלכער האָט זיך אַליין באַטייליגט אין אויסאַרבייטען די פּראָגראַמע פון די „לינקע צימער־

וואַלדער“ און וועלכער איז איצטער פאַרשפאַרט אין טורמע דער־פאַר וואָס ער האָט אָנגעפיהרט אַ רעוואָלוציאָנערען קאַמפף געגען דער מלחמה ; אין דענעמארק — טריר און זיינע חברים, וועלכע האָבען זיך אָפּגעטיילט פון דער דענעמארקער „סאָציאַל דעמאָקראַטיע“, וועלכע איז געוואָרען אַ בורזשואַזנע, מיט׳ן מיניסטער סטאַונינג אַן דער שפּיצע ; אין בולגאַריען — די „ענג פאַרבונדענע“ ; אין איטאַליען — דער סעקרעטער פון דער פּאַרטיי קאָנסטאַנטין לאַדזאַרי און מ. סערראַטי, דער רעדאַקטאָר פון׳ם צענטראַלען אָרגאַן „פאָרווערטס“; אין פּוילען — ראַדעק, גאַנעצקי און די אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פיהרער, וועלכע שטעהן מיט דער „עקסטרעמער ריכטונג“ ; ראָזע לוקסעמבורג, טשיקאַ און אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פיהרער, וועלכע שטעהן מיט דער „הויפּט פאַרוואַלטונג“ ; אין דער שווייץ — יענע לינקע, וועלכע האָבען צונויפגעשטעלט דעם גרונד פאַר אַ רעפערענדום (אין יאַנואַר, 1917) אויף אָנצופיהרען אַ קאַמפף געגען די סאָציאַל־שאָוויניסטען און „צענטריסטען“ ביי זיך אין דער היים, און וועלכע האָבען אויף דעם ציריכער קאַנטאָנאַלען סאָציאַליסטישען צוזאַמענפאָהר אין טעס, דעם 11טען פעברואַר, 1917, אַריינגעטראָגען אַ פּרינציפּיעל־רעוואָלוציאָנערע רעזאָלוציע געגען דער מלחמה ; אין עסטרייך — די יונגע פריינד פון פריעדריך אַדלער פון לינקס, וועלכע זיינען טיילווייז אינ׳ם „קאַרל מאַרקס“ קלאָב אין וויען — דער קלאָב, וועלכער איז צוגעמאַכט געוואָרען פון דער רעאַקציאָנערער עסטרייכישער רעגיערונג, וועלכע האָט פאַרשפאַרט אין געפענגניס פריעדריך אַדלער׳ן פאַר זיין העלדישען, כאָטש ניט באַטראַכטען, אָנפאַל אויף׳ן מיניסטער. א. ז. וו. א. ז. וו.

דאָ געהט ניט אין די פאַרשיעדענערליי שאַטירונגען צווישען די לינקע פּאַרטייען נאָר אין דער שטרעמונג אין אַלגעמיין. דער עיקר באַשטעהט אין דעם, וואָס ס׳איז אַזוי ניט גרינג צו זיין אַן אמת׳ער אינטערנאַציאָנאַליסט אין אַזאַ צייט ווען אויף דער וועלט בושעוועט אַזאַ שרעקליכע אימפעריאַליסטישע מלחמה. אַזעלכע

מענשען זיינען פאראן וועניג, אָבער בלויז אין זיי ליגט די גאנצע צוקונפט פונ׳ם סאציאליזם, בלויז זיי זיינען די אמת׳ע פיהרער פון די מאסען, אָבער ניט יענע, וועלכע פיהרען די מאסען ארונטער פון׳ם וועג.

אין אזא אימפעריאליסטישער מלחמה, וואָס בושעוועט אויף דער וועלט, האָט געמוזט ווערען בולט׳ער און שארפער דער אונטער־שיעד צווישען רעפאָרמער און רעוואָלוציאָנערען, צווישען סאָציאל־דעמאָקראטען און סאָציאליסטען בכלל. ווער עס באגנוגענט זיך מיט אזא זאך ווי ארויסשטעלען „פאָדערונגען“ די בורזשואזנע רע־גיערונגען און „אָנווייזען דער וועלט, אז דאָס פאָלק נארט נאָך שלום“, דער ווערט שוין במילא אויס רעוואָלוציאָנער און גליטשט זיך אריין אין די רייהען פון די רעפאָרמער. וואָרים אָביעקטיוו איז די פראגע וועגען דער מלחמה א רעוואָלוציאָנערע.

פון דער איצטיגער מלחמה איז נישטאָ קיין אויסוועג פאר א דעמאָקראטישען יושר׳דיגען שלום, עס איז אוממעגליך, אז גלאט אזוי, מיר־נישט־דיר־נישט, זאָלען זיך די פעלקער באפרייען פון דער שווערער משא פון די מיליארד־פראָצענטען פון די העררען קאפי־טאליסטען, וועלכע ווערען נתעשר פון דער מלחמה, — בלויז איין אויסוועג איז דאָ, און דאָס איז — א רעוואָלוציע פון׳ם פראָלע־טאריאט.

ביי די בורזשואזנע רעגיערונגען קען מען זיך פאָדערען פאר־שידענערליי רעפאָרמען וויפיעל דאָס הארץ גלוסט נאָר, אָבער, אויב מען וויל ניט אָפנארען זיך אליין און אנדערע, אויב מען וויל ניט פארפלאָנטערען זיך אליין און אנדערע אין דעם רעפאָרמע־קנויל, קען מען ניט פאָדערען פון די מענשען און קלאסען, וועלכע זיינען מיט טויזענדטערליי פעדים פארקניפט און פארפלאָנטערט צום אימפעריאליסטישען קאפיטאל, אז זיי זאָלען גלאט אזוי, מיר־נישט־דיר־נישט, איבעררייסען אָט די אלע פעדים. און וויסען דארפט איהר, אז אָהן אזא ריס זיינען די אלע געשפרעכען און רע־

רערייען וועגען און נעגען דער מלחמה ניט מעהר ווי פוסטע פראַזען און אויפגעבלאָזענע מליצה.

די "קאוטסקיאַנער", די „צענטריסטען" זיינען רעוואָלוציאָנערען בלויז מיט'ן מויל, און אין דער אמת'ען זיינען זיי גאָר רעפאָרמער, זיי זיינען אינטערנאַציאָנאַליסטען בלויז לפנים, און אין דער אמת'ען שטרעננען זיי זיך גאָר אָן מיט אַלע מעגליכקייטען יוצא צו זיין פאַר די סאָציאַל־שאָוויניסטען.

# דער שטאַאט און די רעוואָלוציע

(די מארקסיסטישע לעהרע וועגען שטאאט און די אויפגאבען
פון'ם פראָלעטאריאט אין דער רעוואָלוציע)

## ערשטער קאפיטעל.

# די קלאַסען־געזעלשאַפט און דער שטאַאט.

### 1. דער שטאַאט איז אַ פּראָדוקט פון דעם, וואָס די קלאַסען־געגענזאַצען קענען אויסגעגלייכט ווערען.

מיט קארל מארקס'עם לעהרע קומט איצטער פאָר דאָס זעלבע, וואָס ס'איז אין דער געשיכטע שוין ניט איינמאָל פאָרגעקומען מיט די לעהרעס פון רעוואָלוציאָנערע דענקער און פיהרער פון די אונטערדריקטע קלאַסען אין זייער קאמפף פאר באפרייאונג. ביי'ם לעבען האָט מען די דאָזיגע גרויסע רעוואָלוציאָנערע דענקער און פיהרער געהאלטען אין איין פארפאָלגען און רודף'ען. מיט דער ווילדעסטער שנאה און ציין־קריצעניש און מיט דעם חוצפה'ליגסטען צוג פון שקרים און רכילות האָבען די הערשענדע קלאַסען באגעגענט זייערע לעהרעס. און נאָך'ן טויט האָט מען זיך געכאפּט פאר אַן אנדער מיטעל — מאכען פון אָט די לעהרעס אַ מין געטשקע, וואָס קען קיינעם ניט שאַדען; מען פלעגט זייערע נעמען אריינרעכענען אין'ם צעטעל פון הייליגע און ניט זשאַלעווען קיין שבחים, כדי דערמיט צו „טרויסטען" און אָפּנארען די אונטערדריקטע קלאַסען, און דעם אינהאלט, דעם תוך פון די רעוואָלוציאָנערע לעהרעס, פלעגט מען מאכען וואסערדיג און צודרעהן איהם אזוי, אז די גאנצע רעוואלוציאנערע שארפקייט זאל ווערען טעמפּ.

אי די בורזשואזיע, אי די אָפּאָרטוניסטען אין דער ארבייטער באַוועגונג האָבען זיך איצטער אַ נעם געטאָן צו „בעארבייטען" דעם מארקסיזם אויף אזא שטייגער, אז עס זאָל פון איהם קיין שריד ופליט ניט בלייבען. זיי פארדרעהן און צוקאליעטשען די רעוואָ־

לוציאָנערע זייט פון דער לעהרע, איהר רעוואָלוציאָנערע נשמה. זיי רוקען ארויס צום פאָדערגרונד און האַלטען איין לויבען דאָס, וואָס ס׳פּאַסט זיך, אָדער דאָס, וואָס שיינט צו זיין פּאַסיג פאַר דער בורזשואַזיע. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז וואו עפּעס א סאָציאַל־שאָוויניסט רעכענט ער זיך פאַר א „מארקסיסט.“ אָהן אַ שפּאַס ! עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די דייטשע בורזשואַזנע געלעהרטע, וועלכע זיינען ערשט נעכטען געווען אזעלכע געוואַלדיגע מומחים אין דער קונץ צו „טרייבערען“ דעם מאַרקסיזם, ריידען גאָר איצטער מיט אַ באַזונדער מין שטאָלץ וועגען „אונזער נאַציאָנאַל דייטשען מאַרקס׳ן“, וועלכער האָט אַזוי גלענצענד ערצויגען די אַרבייטער־פאַראיינען כדי זיי זאָלען קענען זיין נוצליך אין דער רויבערישער מלחמה.

און ווייל מען האָט אַזוי צוקאַליעטשעט און צודרעהט דעם מארקסיזם, איז עס פריהער פאַר אַלץ אונזער אויפגאַבע פעסטצושטעלען די אמת׳ע לעהרע פון מארקס׳ן וועגען שטאַאַט. צוליעב דעם וועט זיין נויטיג צו ברענגען אַ גאַנץ היבשע רייהע לאַנגע ציטאַטען פון מארקס׳עס און ענגעלס׳עס אייגענע ווערק. דאָס וועט אודאי מאַכען שווער און ניט פּאָפּולער דעם אינהאַלט פון אונזער ענין. אָבער אָהן די ציטאַטען איז לחלוטין אוממעגליך זיך צו באַגעהן. אַלע, אָדער אַמווייניגסטע אַלע וויכטיגסטע, פּלעצער פון די ווערק פון מארקס און ענגעלס בנוגע דער פראַגע וועגען שטאַאַט, מוזען געבראַכט ווערען אַזוי פיעל ווי מעגליך, כדי דער לעזער אליין זאָל זיך קענען שאַפען אַן אייגענע פאָרשטעלונג וועגען די אנשויאונגען פון די גרינדער פון׳ם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם און וועגען דער ענטוויקלונג פון די דאָזיגע אנשויאונגען, און כדי עס זאָל אויך באַוויזען ווערען דאָקומענטאַל און איבערצייגענד ווי אַזוי די דאָזיגע אנשויאונגען זיינען פאַרדאַרבען געוואָרען פון דער הערשענדער „קאַוטסקיאַנישער“ ריכטונג.

אנפאַנגען וועלען מיר פון ענגעלס׳עס פאַרשפּרייטסטען ווערק : „די אָפּשטאַמונג פון דער פאַמיליע, פּריוואַט אייגענטום

און שטאַאט", וואס איז אין 1894 שוין ערשינען, אין שטוטגארט, אין דער זעקסטער אויסגאַבע. מיר וועלען ציטירען פון'ם דייטשען אָריגינאַל, מחמת די רוסישע איבערזעצונגען זיינען, אָדער ניט פול, אָדער ניט צופריעדענשטעלענד.

אונטערציהענדיג דעם סך הכל פון זיין היסטאָרישען אַנאַליז, שרייבט ענגעלס אַזוי:

„דער שטאַאט שטעלט מיט זיך אויף קיין פאַל ניט פאָר קיין קראַפט, וואָס איז פון דרויסען אַרויפגעצוואונגען געוואָרען אויף דער געזעלשאַפט. דער שטאַאט איז אויך ניט „די ווירקליכקייט פון דער עטישער אידעע", „דאָס געשטאַלט אין די ווירקליכקייט פון פאַרנונפט", ווי העגעל באַהויפטעט. דער שטאַאט איז אַ פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפט אויף אַ געוויסער מדרגה פון איהר ענטוויקלונג. דער שטאַאט איז די אַנערקענונג פון דעם פאַקט, אַז די געזעלשאַפט האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ ווידערשפּרוך מיט זיך זעלבסט, פון וואָס זי קען ניט אַרויסקריכען, אַז זי האָט זיך צושפּאָלטען אויף אומפאַראייינבאַרע געגענזאַצען, פון וועלכע זי איז ניט אומשטאַנד זיך צו באַפרייען. און כדי די דאָזיגע געגענזאַצען, די קלאַסען מיט זייערע ווידערשפּרעכענדע עקאָנאָמישע אינטערעסען זאָלען לעבעדיגערהייד ניט אויפפרעסען איינער דעם צווייטען, און די געזעלשאַפט זאָל ניט אומקומען אין אַ קאַמף, וואָס קען צו גאָר ניט ברענגען, איז נויטיג געוואָרען אַ קראַפט, וואָס שטעהט לפני' איבער דער געזעלשאַפט, אַ קראַפט, וואָס זאָל אָפּשוואַכען דעם צוזאַמענשטויס פון קלאַסען און זיי האַלטען אין די גרענעצען פון „אָרדנונג". און אָט די קראַפט, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער געזעלשאַפט, נאָר שטעלט זיך תמיד איבער דער געזעלשאַפט און ווערט אַלץ מעהר פרעמד פון איהר — אָט די קראַפט איז דער שטאַאט". (זעה זעקסטע דייטשע אויסגאַבע, זייטען 177—178).

די גרונד אידעע פון מאַרקסיזם וועגען דער היסטאָרישער ראָלע פון דעם שטאַאט און זיין באַדייטונג איז דאָ קלאָר און דייטליך

אויסגעדריקט. דער שטאַאט איז א פּראָדוקט און אן אויסדרוק פון דעם פאקט, וואָס די גענענזאצען פון קלאַסען־אינטערעסען ק ע ־ נ ע ן נ י ט א ו י ס ג ע נ ל י י כ ט ו ו ע ר ע ן. דער שטאַאט ענטשטעהט דאָרט, דאמאלט, און אויף אזוי פיעל, וואו, ווען און אויף וויפיעל די קלאַסען־גענענזאצען קענען אָביעקטיוו ניט שלום מאכען צווישען זיך. און פארקערט, די עקזיסטענץ פון שטאַאט איז א באווייז, אז די קלאַסען־גענענזאצען קען מען ניט אויסגלייכען.

און דוקא אין דעם דאָזיגען וויכטיגסטען און גרינדליכסטען פּונקט הויבט זיך אָן די פעלשונג פון׳ם מארקסיזם, און זי געהט איבער צוויי הויפט ליניעס.

פון איין זייט קומען די אידעאלאָגען פון דער בורזשואזיע, און הויפּטזעכליך פון דער קליין־בורזשואזיע און, — זייענדיג געצוואונגען אונטער דעם דרוק פון היסטאָרישע פאקטען צו אַנערקענען, אז דער שטאַאט עקזיסטירט נאָר דאָרט, וואו עס זיינען דאָ קלאַסען־גענענזאצען און א קלאַסען־קאמפּף — „פאררריכטען" זיי מארקס׳ן אזוי, אז עס קומט אויס דאָס דער שטאַאט איז א מיטעל צו מאכען שלום צווישען די קלאַסען. לויט מאַרקס׳ן, וואָלט דער שטאַאט נאָר ניט געקענט ענטשטעהן און עקזיסטירען, ווען עס וואָלט נאָר מעגליך געווען אן אויסגלייך צווישען די קלאַסען. קומען אָבער צונעהן די קליינבירגערליכע פּראָפעסאָרען און פּובליציסטען און שטרעקען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו באווייזען — און דוקא מיט פסוקים פון מארקס׳ן אליין — אז דער שטאַאט איז דוקא דער אָרגאַן וואָס קאָן שלום מאכען צווישען די קלאַסען. לויט מארקס׳ן איז דער שטאַאט אן אָרגאַן פון קלאַסען הערשאפט, אן אָרגאַן פון קלאַסען אונטערדריקונג, וואָס פיהרט איין „אָרדנונג" מיט דעם צוועק צו מאכען געזעצליך און באפעסטיגען די דאָזיגע אונטערדריקונג, מאכענדיג שוואכער די רייסערייען צווישען קלאַ־סען. און לויט דער מיינונג פון די קליינבירגערליכע פּאָליטיקער איז דער שטאַאט נאָר אן אָרדנונג ווען די קלאַסען האָבען זיך אי־

בערגעבעטען און ניט ווען איין קלאַס אונטערדריקט דעם צווייטען; שוואַכער מאַכען דעם קלאַסען־קאַמפּף הייסט מאַכען שלום, און ניט — צונעמען ביי די אונטערדריקטע קלאַסען די מיטלען און די מעגליכקייט אראָפּצעוואַרפען זייערע אונטערדריקער.

למשל, אין דער רעוואָלוציע פון 1917 — ווען די פראַגע וועגען דער ראָלע און באַדייטונג פון׳ם שטאַאט איז אוועקגעשטעלט גע־וואָרען אין איהר גאַנצער גרויס און איז געוואָרען א פּראַקטישע פראַגע פון שנעלער און דירעקטער האַנדלונג אויף א מאַסען מאַס־שטאַב — האָבען זיך אַלע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענ־שעוויקעס מיט אמאָל איינגאַנצען אַרונטערגעקוליעט צו דער קליינ־בירגערליכער טעאָריע פון׳ם שטאַאט אלס „שלום מאַכער" צווי־שען קלאַסען. די אַלע רעזאָלוציעס און אַרטיקלען פון די פּאָליטי־קער פון די ראַזיגע צוויי פּאַרטייען זיינען דורכגעדרונגען דורך און דורך מיט דער קליינבירגערליכער און צבועצ׳קער טעאָריע פון „שלום מאַכעריי". אז דער שטאַאט איז א הערשאַפטס־אָרגאַן פון א באַשטימטען קלאַס, וואָס קען ניט שלום מאַכען מיט זיין געגנער (דעם קלאַס, וואס שטעהט אנטקעגען איהם), דאָס וועט די קליינבירגערליכע דעמאָקראַטיע קיינמאָל ניט פאַרשטעהן. זייער באַציהונג צום שטאַאט איז איינער פון די קלאָרסטע באַווייזע, אז אונזערע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס זיינען גאָר קיין סאָציאַליסטען ניט (וואָס מיר, באָלשעוויקעס, האָ־בען שטענדיג געזאָגט), נאָר קליינבירגערליכע דעמאָקראַטען, וועל־כע באַנוצען א כמעט סאָציאַליסטישע פראַזעאָלאָגיע.

פון דער אַנדערער זייט זעהן מיר ווי די „קאַוטסקיאַנער" האָ־בען צוקאַליעטשעט דעם מאַרקסיזם אויף גאָר א קונציגען אופן. „טעאָרעטיש" לייקענען זיי ניט, אז דער שטאַאט איז אַן אָרגאַן פון קלאַסען־הערשאַפט און אז מען קען די קלאַסען־געגענזאַצען ניט אויסגלייכען. דערביי פאַרזעהן זיי אָבער, אָדער פאַררוקען אין א ווינקעל אָט וואָס: אויב דער שטאַאט איז א פּראָדוקט פון אומגליכע קלאַסען־געגענזאַצען, וואָס מען קען ניט אויסגלייכען, אויב

ער איז אַזאַ קראַפט, וואָס שטעהט איבער דער געזעלשאַפט און וואָס דערווייטערט זיך און זונדערט זיך אָפּ פון דער געזעלשאַפט אַלץ מעהר און מעהר, דאַן איז דאָך קלאָר, אַז די באַפרייאונג פון'ם אונטערדריקטען קלאַס איז אוממעגליך ניט נאָר אָהן אַ געוואַלט־רעוואָלוציע, נאָר אויך אָהן דער פאַרניכטונג פון יענעם מלוכה־אַפּאַראַט, וואָס דער הערשענדער קלאַס האָט באַשאַפען און אין וועלכען די „אָפּגעפרעמדקייט" איז פאַרקערפּערט. אָט דער שלוס, וואָס איז טעאָרעטיש אַזוי קלאָר, האָט געמאַכט קאַרל מאַרקס, ווי מיר וועלען שפּעטער זעהן, מיט דער פולסטער באַשטימטקייט אויף דעם גרונד פון אַ קאָנקרעט־היסטאָרישען אַנאַליז פון די אויפגאַבען פון דער רעוואָלוציע. און דוקא דעם דאָזיגען שלוס האָט קאַוטסקי, ווי מיר וועלען דאָס שפּעטער גענוי באַווייזען, „פאַרגעסען" און פאַרדרעהט.

## 2. באַזונדערע גרופּעס פון באַוואַפענטע מענשען, טורמעס און ד. גל.

„אין פאַרגלייך מיט דער אַלטער אָרגאַניזאַציע פון פאַמיליעס אָדער שבטים, — זאָגט ענגעלס ווייטער, — אונטערשיידעט זיך דער שטאַאַט, ערשטענס, מיט דעם, וואָס די אונטעראַנען פון שטאַאַט טיילען זיך איין טעריטאָריעל..."

ביי אונז קומט אויס, אַז אַזאַ טיילונג איז „נאַטירליך", אין דער אמת'ן אבער האָט זיך דערביי געפאָדערט אַ שווערער קאַמפּף מיט דער אַלטער אָרגאַניזאַציע.

"...דער צווייטער שטריך, וואָס אונטערשיידעט דעם שטאַאַט, איז די איינריכטונג פון אַ געזעלשאַפטליכער מאַכט, וואָס איז שוין מעהר ניט קיין נאַטירליכער און גלייכער טייל פון דער באַפעלקערונג, נאָר וואָס אָרגאַניזירט זיך באַזונדער אַלס אַ באַוואַפענטע מאַכט. די דאָזיגע באַזונדערע געזעלשאַפטליכע מאַכט איז נויטיג דערפאַר, וואָס די זעלבסט־טעטיגע באַוואַפאַנטע אָרגאַני־

זאַציע פון דער באפעלקערונג איז געוואָרען אוממעגליך, זינט די געזעלשאפט האָט זיך געשפּאָלטען אין קלאסען... די דאָזיגע געזעלשאפטליכע מאכט עקזיסטירט אין יעדען שטאַאט. זי באַשטעהט ניט נאָר פון באוואפענטע מענשען, נאָר אויך פון מאטעריעלע צוגעבענישען, ווי טורמעס און צוואנגס־אינסטיטוציעס מכל המינים, וואָס זיינען געווען אומבאקאנט אין דער שבטים־אָרגאַניזאציע פון דער געזעלשאפט..."

ענגעלס רעקט דאָ אויף דעם באַגריף פון יענער מאכט, וואָס מען רופט שטאַאט. די מאכט, וואָס האָט זיך גענומען פון דער געזעלשאפט, נאָר האָט זיך אוועקגעשטעלט איבער איהר און דערווייטערט זיך אַלץ מעהר און מעהר פון איהר. אין וואָס באַשטעהט הויפּטזעכליך די דאָזיגע מאכט ? זי באַשטעהט פון אָפּגעזונדערטע גרופּען פון באוואפענטע מענשען, וועלכע האָבען פאַרטיג צו זייער דיענסט טורמעס און די אַלע איבריגע מכשירים.

וועגען די אָפּגעזונדערטע באוואפענטע גרופּען האָבען מיר דאָ אַ רעכט צו ריידען, מחמת די געזעלשאפטליכע מאכט, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאַר יעדען שטאַאט „פאַלט ניט צוזאַמען דירעקט" מיט דער באוואפענטער באפעלקערונג, מיט איהר „איינענער באוואפענטער אָרגאַניזאציע".

ווי אַלע גרויסע רעוואָלוציאָנערע דענקער, האָט זיך ענגעלס געסטאַרעט צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די אויפגעקלערטע ארבייטער דוקא אויף אַזעלכע זאכען, וואָס קוקען אויס פאַר דעם קליין־בירגער צו זיין ניט וויכטיג, געוועהנליך, און פאַרהייליגט פון פעסטע און פאַרהאַרטעוועטע פאָראורטיילען. צום ביישפּיעל, די שטענדיגע אַרמעע און פּאָליציי זיינען דאָס הויפּט געוועהר פון דער שטאַאטליכער מאכט, אבער — קען עס דען זיין אנדערש ?

פון דעם שטאַנדפּונקט פון דאָס רוב אייראָפּעער, וועלכע האָבען געלעבט אַרום דער ענדע פון'ם 19טען יאהרהונדערט, צו וועלכע ענגעלס האָט גערעדט, און וועלכע האָבען ניט דורכגעלעבט און ניט געזעהן פון דער נאָהענט קיין איין גרויסע רעוואָלוציע, קען עס

ניט זיין אנדערש. זיי לענט זיך בכלל ניט אויפ'ן שכל אזא זאך ווי אן „איינענע באוואפענטע ארגאניזאציע פון דער באפעלקערונג". אויף דער פראגע, פון וואנען עס האט זיך גענומען די נויטווענדיגקייט אין באזונדערע גרופען באוואפענטע מענשען, וועלכע האבען זיך געשטעלט איבער דער געזעלשאפט, און זיך פון איהר „ערוויי־טערט, האט דער מערב־אייראפעאישער און רוסיש־פוילישער א טבע צו ענטפערען מיט א פאר געבארגטע פראזען פון ספענסער אדער מיכאילאווסקי, אדער ער ווייזט אן אויף דער קאמפליצירטקייט פון'ם געזעלשאפטליכען לעבען, אויף דער פאנאנדערטיילונג פון פונקציעס, א. ז. וו.

אזא ענטפער קוקט לפנים אויס „וויסענשאפטליך" און האט שוין אין זיך אזא כח איינצושלעפערען דעם קליינבירגער מיט דעם, וואס פארדונקעלט דאס וויכטיגסטע און גרינדליכסטע: די שפאלטונג פון דער געזעלשאפט אויף צוויי קלאסען, וואס זיינען זיך דם שונאים.

ווען ניט אט די שפאלטונג וואלט די „אייגענע באוואפענטע ארגאניזאציע" פון דער באפעלקערונג הי י נ ט געווען קאמפליצירטער און איהר טעכניק א סך העכער איידער די פרימיטיווע ארגאניזאציעס פון די טשערעדעס מאלפעס, אדער אורשפרינגליכע מענשען, אדער פון דער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע פון שבטים, אבער אזא ארגאניזאציע וואלט דאך געווען מעגליך.

עס איז אבער אוממעגליך דערפאר, וואס די היינטיגע ציווי־ליזירטע געזעלשאפט איז צושפאלטען אויף צוויי פיינדליכע קלאסען, וועמעס „אייגענע" באוואפנונג ס'וואלט געפיהרט צו באוואפענטען קאמפף צווישען זיי. עס בילדעט זיך אויס א שטאאט; עס ווערט געשאפען א באזונדער מאכט, באזונדערע גרופען פון באוואפענטע מענשען. און יעדער רעוואלוציע, צושטערענדיג דעם מלוכה־אפאראט, ווייזט אונז קלאר ווי אזוי דער הערשענדער קלאס סטארעט זיך מיט אלע מעגליכקייטען צוריק אוועקצושטעלען די באזונדערע גרופען באוואפענטע מענשען, וועלכע זאלען א י ה ם

דיענען, און ווי אזוי דער אונטערדריקטער קלאס שטרעבט איבערצו־
בויען אזא נייע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל דיענען די אונטערדריקטע,
און ניט די אונטערדריקער.

אין דער ציטאטע, וואָס איך האָב דאָ אויבען געבראכט, שטעלט
ענגעלס טעאָרעטיש אַוועק דיזעלבע פראגע, וואָס ער שטעלט פאר
אינז אַוועק אין אַ פּראַקטישען זין און אין דער פאָרמע פון מאסען
האנדלונגען אין יעדער גרויסער רעוואָלוציע — די פראגע וועגען די
באציהונגען צווישען די „באזונדערע גרופען באוואפענטע מענשען“
און דער „איינענער באוואפענטער אָרגאַניזאציע פון דער באפעל־
קערונג“. מיר וועלען זעהן, ווי אזוי די דאָזיגע פראגע ווערט אויף
אַ ממשות'דיגען אופן אילוסטרירט מיט דער ערפאהרונג פון די
אייראָפּעאישע און רוסישע רעוואָלוציעס.

אָבער לאָמיר זיך דאָ אומקערען צוריק צו ענגעלס'ן.

ער ווייזט אָן, אז אמאָל, ווי למשל אין איינינע פלעצער פון
צפון אַמעריקא, איז די געזעלשאפטליכע מאכט שוואך (דאָ האנ־
דעלט זיך וועגען יענע טיילען פון צפון אַמעריקא, אין דער צייט
פון'ם פּראימפּעריאליסטישען פּעריאָד, וואו עס האָט הויפּטזעכליך
געלעבט דער פרייער קאָלאָניסט. דאָס איז אַ זעלטענע אויסנאַמע
אין אַ קאפּיטאַליסטישער געזעלשאפט), בכלל אָבער ווערט די דאָ־
זיגע מאכט שטארקער.

„...די געזעלשאפטליכע מאכט, — שרייבט ענגעלס, — ווערט
שטאַרקער אין דער זעלבער מאָס, אין וועלכער עס ווערען שארפער
די קלאסען־נעגענזאצען אין דעם שטאאט גופא, און אין וועלכער
די שטאאטען, וואָס גרעניצען זיך איינער מיט'ן צווייטען, ווערען
גרעסער און באזעצטער. פאר אַ ביישפּיעל נעמט די איצטיגע
אייראָפּא, אין וועלכער דער קלאסען־קאמפּף און די קאָנקורענץ
פאר אנעקסיעס האָבען ארויפגעשרויפט די געזעלשאפטליכע מאכט
אויף אזא הויך, אז זי סטראשעט איינצושלינגען די גאנצע געזעל־
שאפט, און אפילו דעם שטאאט אליין אויך“.

דאָס איז געשריבען געוואָרען ניט שפּעטער פון'ם אָנהויב פון

די 90ער יאָהרען פון לעצטען יאהרהונדערט. די לעצטע הקדמה ענגעלס'ס איז דאַטירט דעם 16טען יוני, 1891. דאַמאַלט האָט זיך די ווענדונג צו'ם אימפּעריאַליזם — די פולע הערשאפט פון טראַסטען און גרויסע באנקען, די ריזיגע קאָלאָניאַל פּאָליטיק, א. ד. גל. — נאָר וואָס געהאט אָנגעהויבען אין פראנקרייך, און איז נאָך געווען זעהר שוואך אין צפון אמעריקא און אין דייטשלאַנד. פון דאמאלט אָן האָט די „קאָנקורענץ פאר אנעקסיעס" א היבשען מהלך זיך א רוק געטאָן פאָראויס, הויפּטזעכליך דערפאַר, וואָס אין צווייטען צעהנדליג פון'ם 20טען יאהר הונדערט איז שוין די גאנצע וועלט געווען צוטיילט צווישען די „קאָנקורירענדע עראָבערער", דאָס הייסט, צווישען די רויבערישע מעכטע. די באוואפענונגען אויפ'ן ים און אויך אויף דער יבשה האָבען געהאלטען אין איין וואקסען, און די גזלנ'ישע מלחמה פון 1914—1917 צווישען ענגלאנד און דייטשלאנד איבער וועלט-הערשאפט האָט געבראכט דאָס „איינשלינגען" פון אַלע געזעלשאפטליכע כחות דורך דער מלוכה-מאכט צו א קאטאסטראָפישען אָפּשטעל.

נאָך אין 1891 האָט שוין ענגעלס געקענט אָנווייזען אויף דער „קאָנקורענץ פון עראבערונגען" ווי אויף איינעם פון די וויכטיגסטע שטריכען, מיט וועלכע עס צייכענט זיך אויס די אויסלענדישע פּאָליטיק פון די גרויסמעכטע. און אונזערע טויגעניכטסען פון'ם סאָציאַל-שאָוויניזם האָבען אין 1914—17, דוקא ווען די דאָזיגע קאָנקורענץ האָט זיך נאָך מעהר ווי אַלע מאָל פארשארפט און האָט געבראכט דערצו, אַז עס זאָל אויסברעכען אזא מלחמה אויף דער וועלט — דוקא דאן האָבען זיי געוואגט צו פאַרדעקען די פארטיידיגונג פון די רויבערשע אינטערעסען פון „זייער" בורזשואזיע מיט פראַזען וועגען „פארטיידיגען דאָס פאטערלאנד", „באשיצען די רעפּובליק און די רעוואָלוציע", א. ד. גל.

## 3. דער שטאַאט — אַ מיטעל צו עקספּלואַטירען דעם אונטערדריקטען קלאַס.

כדי אויסצוהאַלטען די אָפּגעזונדערטע געזעלשאַפטליכע מאַכט, וועלכע שטעלט זיך אוועק איבער דער געזעלשאַפט, דאַרף מען האָבען טעקסעס און מלוכה־הלוואות.

„באַזיצענדיג די געזעלשאַפטליכע מאַכט און דאָס רעכט איינצומאָנען די טעקסעס — שרייבט ענגעלס — שטעלען זיך אוועק די טשינאָווניקעס, אַלס געזעלשאַפטליכע אָרגאַנען, א י ב ע ר דער געזעלשאַפט. די פרייע און אויפריכטיגע אַכטונג, וועלכע מען פלעגט ארויסווייזען צו די אָרגאַנען פון דער משפחה־אָדער שבט־געזעלשאַפט, איז פאַר זיי ווייניג, אפילו ווען זיי וואָלטען דאָס געקענט קריגען. עס ווערען באַשאַפען ספּעציעלע געזעצען וועגען דער הייליגקייט און אומבארירקייט פון די טשינאָווניקעס. דער נישטיגסטער פּאָליציי־בעאַמטער האָט מעהר דעה איידער אַ פאָרשטעהער פון אַ שבט. פונדעסטוועגען וואָלט אַפילו דער הויפּט פון דער מיליטערישער מאַכט אין אַ ציוויליזירטער מלוכה געמעגט מקנא זיין דעם עלטסטען פון אַ שבט, פאַר וועמען מען האָט דרך ארץ און אַכטונג ניט פאַר מורא, נאָר ווייל מען פיהלט אַזוי“.

די פראַגע, וועגען דער פּריווילעגירטער לאַגע פון די טשינאָווניקעס אַלס אָרגאַנען פון דער מלוכה־מאַכט, איז דאָ קלאָר אוועקגעשטעלט געוואָרען. דער גרונד אין דעם איז: וואָס שטעלט זיי אַוועק איבער דער געזעלשאַפט? מיר וועלען זעהן, ווי אַזוי די דאָזיגע טעאָרעטישע פראַגע איז פּראַקטיש געלעזט געוואָרען פון דער פאַריזער קאָמונע אין 1871, און איז אויף אַ רעאַקציאָנערען אופן פארדונקעלט געוואָרען פון קאַוטסקי׳ן אין 1912.

...„אַזוי ווי דער שטאַאט האָט זיך גענומען פון דער באַרפעגיש צו האַלטען אין צוים די קלאַסען־געגענזאַצען; אַזוי ווי ער איז, צו דערזעלבער צייט, ארויסגעקומען פון דעם קריעג צווישען די קלאַסען, מוז ער נאַטירליכערווייזע זיין דער שטאַאט פון׳ם

מעכטיגסטען, עקאָנאָמיש־הערשענדען קלאַס, װעלכער נוצט אויס דעם שטאַאט אויף צו װערען דער פּאָליטיש־הערשענדער קלאַס אויך, און אויף אַזאַ אופן באַקומט ער נייע מטילען צו שטיקען און עקס־פּלואַטירען דעם אונטערדריקטען קלאַס"... ניט נאָר די אַלטער־טימליכע און פעאָדאַלע שטאַאטען זיינען געװען אָרגאַנען צו עקס־פּלואַטירען די שקלאַפען־ און לייב־אייגענע, נאָר אויך דער היינטי־גער רעפּרעזענטאַטיװער שטאַאט איז אַ מיטעל פון עקספּלואַטאַציע פון אַרבייט דורך קאַפּיטאַל. אַלס אויסנאַמען טרעפען זיך פונ־דעסטװעגען פּעריאָדען, װען די קעמפּפענדע קלאַסען גלייכען זיך אַזוי אויך מיט די כוחות, אַז די מלוכה־מאַכט קריגט אויף אַ צייט אַ געװיסע זעלבסטשטענדיגקייט אין באַצוג צו די ביידע קלאַסען און איז װי אַ פאַרמיטלערין צװישען זיי. אַזוי איז געװען די אַב־סאָלוטע מאָנאַרכיע פון 17טען און 18טען יאהרהונדערט, דער באָ־נאָפּאַרטיזם פון דער ערשטער אימפּעריע אין פראַנקרייך, און ביס־מאַרק אין דייטשלאַנד".

און אַזוי איז אויך געװען — װעלען מיר צוגעבען פון זיך — קערענסקי'ס רעגירונג אין דער רעפּובליקאַנער רוסלאַנד, װען זי האָט אָנגעהויבען פאַרפאָלגען דעם רעװאָלוציאָנערען פּראָלעטאַ־ריאַט, אין אַזאַ מאָמענט װען די סאָװיעטען זיינען ש ו י ן גע־װען מאַכטלאָז, אַ דאַנק דער פיהרערשאַפט פון די קליינבירגערליכע דעמאָקראַטען, און די בורזשואַזיע איז נ אָ ך נ י ט געװען שטאַרק זיי צוצוטרייבען.

„אין אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק — זאָגט ענגעלס װייטער, — נוצען די רייכע אויס זייער מאַכט אויף אַן אומדירעקטען אופן, און מהאי טעמא טאַקי, אויף אַ מעהר זיכערען װעג. און דאָס איז, ערשטענס — פּשוט אונטערקויפענדיג די מלוכה בעאַמטע (אַמע־ריקאַ), און צװייטענס, דורך אַ „פאַרבאַנד צװישען דער רעגירונג און דער בורזשואַזיע (פראַנקרייך און אַמעריקאַ)".

מיט דער הילף פון די דאָזיגע אומדירעקטע מיטלען האָט דער אימפּעריאַליזם „ענטװיקעלט" די קונסט פון פאַרטיידיגען און דורכ־

פיהרען אין לעבען די הערשאפט פון רייכקייט אין אַלע דעמאָקראַטישע רעפובליקען ביז דער העכסטער מדרגה. אויב הערר פאַלטשינסקי קען זיך ערלויבען אין די ערשטע מאָנאַטען פון דער רעמאָקראַטישער רעפובליק אין רוסלאַנד, מען קען זאָגען, אין דעם סאמע „האָניג־חדש" פון דער חתונה צווישען די סאָציאַליסטען־רעוואלוציאָנערען און מענשעוויקעס מיט דער בורזשואזיע אין דער קאָאַליציאָנס רעגירונג — אויב ער קען זיך אין אזא צייט ערלויבען מאַכען צו נישט אַלע געזעצען, וואָס שטרעבען צו באַגרעניצען די קאַפּיטאַליסטישע גזלה און ניט דערלאָזען, אז מען זאָל באַשווינדלען די רעגירונג אויף די מיליטערישע באַשטעלונגען ; און נאכהער, ווען גאַלטשינסקי איז ארויס פונ'ם מיניסטעריום און זיין אַמט איז פאַרנומען געוואָרען פון איינעם, וואָס איז פונקט אזוי גוט ווי ער, איז ער „באַלוינט" געוואָרען פון די קאַפּיטאַליסטען מיט אַ שטעלע פון הונדערט און צוואַנציג טויזענד רובעל אַ יאָהר, — איז מיט וואָס פאַר אַ נאָמען קען מען דאָס אָנרופען ? דירעקט אונטערגעקויפט געוואָרען, אָדער אומדירעקט ? אַ פאַרבאַנד פון דער רעגירונג מיט די טראָסטען, אָדער „בלויז" פריינדליכע באַציהונגען ? וואָס פאַר אַ ראָלע שפּיעלען די טשערנאָווס און צערעטעלים, די אווקסענטיעווס און סקאָבעליעווס ? זיינען זיי „דירעקטע" שותפים פון די מיליאָנערסקע גנבים, אָדער בלויז אומדירעקטע ?

די ממשלה פון „רייכטום" איז דאַריבער טאַקי זיכערער אין אַ דעמאָקראַטישער רעפובליק, מחמת זי העננגט ניט אָפּ פון דער שלעכטער פּאָליטישער הויט פון'ם קאַפּיטאַליזם. די דעמאָקראַטישע רעפובליק איז די בעסטע מעגליכע פּאָליטישע הויט פאַר'ן קאַפּיטאַליזם, און דערפאַר טאַקי איז ווען דער קאַפּיטאַל באַהערשט זי דורך די פּאַלטשינסקים, טשערנאַווס, צערעטעלים און קאָמפּ. באַפעסטיגט ער זיין מאכט אזוי זיכער, אַז קיין שום אויסבייט פון פּערזאָנען, אינסטיטוציעס אָדער פּאַרטייען אין אַ בורזשואַזנער דעמאָקראַטישער רעפובליק קען ניט אָנריהרען די ראָזיגע מאכט.

און דאָ דאַרף מען נאָך באַמערקען, אַז דאָס אַלגעמיינע וואַהל־רעכט רופט ענגעלס בפירוש אָן אַ װערקצייג פון בורזשואַזנער הער־שאַפט. „דאָס אַלגעמיינע וואַהל־רעכט, — זאָגט ער, נעמענדיג אין אכט די לאַנגע ערפאַהרונג פון דער דייטשער סאָציאַל דעמאָ־קראַטיע, — קען בלויז דיענען אַלס אַן אָנצייגער פון רייפקייט, צו וועלכער דער אַרבייטער־קלאַס איז דערוואַקסען. מעהר קען עס ניט געבען און וועט קיין מאָל ניט געבען, אין׳ם איצטיגען שטאַאַט“.

די קליינבירגערליכע דעמאָקראַטען, ווי אונזערע סאָציאַליס־טען־רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס, און אויך זייערע לייבלי־כע ברידער, די סאָציאַל־שאָוויניסטען און אָפּאָרטוניסטען פון מערב־אייראָפּא, ערוואַרטען דוקא „גרעסערע“ זאַכען פון דעם אַלגעמיי־נעם וואַהל־רעכט, זיי האַלטען אַליין אין פּאַרשפּרייטען צווישען פאָלק דעם פאַלשען געדאַנק, אַז דאָס אַלגעמיינע וואַהל־רעכט אין דעם איצטיגען שטאַאַט איז ווירקליך ביכולת אַרויס־צוברענגען דעם ווילען פון דער מאַיאָריטעט אַרבייטער און דערנאָך דורכפיהרען דעם ווילען אין לעבען.

און דאָ קענען מיר ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די לעזער אָן אָנצייגען ווי אַזוי ענגעלס׳ם פאָלשטענדיג קלאָרע, פּינקטליכע און ממשות׳דיגע ערקלערונג ווערט צוקאַליעטשעט און צודרעהט אויף שריט און טריט אין דער פּראָפּאַגאַנדאַ און אַגיטאַציע פון די „אָפיציעלע“, (ד. ה. אָפּאָרטוניסטישע) סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די אַבסאָלוטע פאַלשקייט פון דעם דאָזיגען געדאַנק וועט ווערען קלאָרער שפּעטער, ווען מיר וועלען ברענגען די אַנשויאונגען פון מאַרקס און ענגעלס וועגען דעם היינטיגען שטאַאַט.

אַן אַלגעמיינעם סך הכל פון זיינע אַנשויאונגען גיט אונז ענ־געלס אין זיין פּאָפּולערסטען ווערק אין פאָלגענדע ווערטער:

„און אַזוי זעהען מיר, אַז דער שטאַאַט האָט ניט עקזיסטירט פון אייביג אָן. עס זיינען געווען געזעלשאַפטען, וואָס זיינען זיך באַגאַנגען אָהן דעם, וואָס האָבען אפילו קיין אַהנונג ניט געהאַט פון אַ שטאַאַט און אַ שטאַאַטליכער מאַכט. אויף אַ באַשטימטער

שטופע פון עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, וואָס איז נויטווענדיגער־ווייזע געווען פארבונדען מיט א שפּאַלטונג פון דער געזעלשאפט אויף קלאסען, און אַלס א רעזולטאט פון אזא שפּאלטונג, איז דער שטאאט געוואָרען א נויטווענדיגקייט. מיט שנעלע טריט קומען מיר איצט נעהענטער צו אזא שטופע אין דער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן, וואו די עקזיסטענץ פון קלאסען האָט ניט נאָר אויפגעהערט צו זיין א נויטווענדיגקייט, נאָר האלט אין ווערען א דירעקטע שטערונג אין דער פּראָדוקציאָן. די קלאסען וועלען פארשווינדען מיט דער זעלבער אומפּארמיידליכקייט, מיט וועלכער זיי זיינען אין דער פארגאנגענהייט ענטשטאנען. און ווען די קלאסען וועלען פארשווינדען וועט שוין אומפּארמיידליך אויך פארשווינדען דער שטאאט. די געזעלשאפט, וואָס וועט אויף דאָס נייע אָרגאַניזירען די פּראָדוקציאָן אויף דעם יסוד פון א גלייכען און פרייען פארבאנד פון פּראָדוצירער, וועט משלח זיין די גאנצע שטאאטליכע מאשין וואו איהר פּלאץ וועט זיין: אין דעם מוזעאום פון אנטיקען, און דאָרטען וועט זי ליגען אין איין רייהע מיט דעם שפּינראָד און דער בראָנזענער האק".

די דאָזיגע ציטאטע טרעפט מען זעלטען אין דער פּראָפּאגאנדיסטישער און אגיטאציאָנס ליטעראטור פון דער היינטיגער סאָציאַל־דעמאָקראטיע. און ווען מען ברענגט זי שוין יא אמאָל, מאכט מען דערביי אזא פרום פנים, פונקט ווי ווען מען בוקט זיך פאר א הייליגע בילד, און דאָס מיינט, אז דערמיט דריקט מען אויס אָפיציעלע אנערקענונג און כבוד צו ענגעלס'ן, און מען פרואווט אפילו ניט צוצולעגען קאָפּ און זיך אריינטראכטען אין דעם, וואָס פאר א ברייטער און טיעפער רעוואָלוציאָנערער שוואונג עס ליגט אין דעם „משלח זיין די גאנצע שטאאטליכע מאשין אין א מוזעאום פון אנטיקען". מען באמערקט אפילו ניט די מינדסטע פארשטענדניס פון דעם, וואָס ענגעלס רופט אָן שטאאטליכע מאשין.

## 4. דאס „אפשטארבען“ פון שטאאט און די געוואלט־רעוואלוציע.

ענגעלס'ס ווערטער וועגען דעם „אפשטארבען“ פון שטאאט זיינען אזוי ברייט באקאנט, זיי ווערען אזוי אפט ציטירט און זיי באווייזען אזוי בולט אין וואס ס'באשטעהט דער תמצית פון דעם געוועהנליכען פעלשען דעם מארקסיזם, אז עס איז נויטיג אויף זיי גענויער זיך אפצושטעלען, און מיר ווילען דא דאריבער ברענגען דעם גאנצען אויסצוג פון וואנען די ווערטער זיינען גענומען.

„דער פראלעטאריאט נעמט איבער די שטאאטליכע מאכט און פארוואנדעלט קודם כל די פראדוקציאנס־מיטלען אין שטאאטליכען־אייגענטום. אבער דערמיט אליין מאכט ער א סוף צו די קלאסען־אונטערשיידען און קלאסען־געגענזאצען, און צוזאמען דערמיט מאכט ער אויך א סוף צום שטאאט. די אמאליגע און היינטיגע געזעלשאפט, וועלכע געפינט זיך אין די קלאסען־געגענזאצען, האט געמוזט האבען דעם שטאאט. דאס הייסט, אזא ארגאניזאציע פון דעם עקספלואטירענדען קלאס, כדי אויפצוהאלטען די אויסערליכע פראדוקציאנס באדינגונגען, און דער עיקר, כדי צו האלטען מיט געוואלד די עקספלואטירטע מאסען אין אזא צושטאנד פון אונטערדריקונג, ווי עס פאסט פאר דער עקזיסטירענדער מעטאדע פון פראדוקציאן (שקלאפעריי, לייב־אייגענטום, געדונגענע ארבייט). דער שטאאט איז געווען דער אפיציעלער פארשטעהער פון דער גאנצער געזעלשאפט, איהר שפיעגעל, איהר מהות. אבער ער איז דאס געווען אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל ער איז געווען דער שטאאט פון יענעם קלאס, וואס האט אין זיין צייט אליין מיט זיך פארגעשטעלט די גאנצע געזעלשאפט. אין די גאר אלטע צייטען איז ער געווען דער שטאאט פון די שקלאפען־הערשער, וועלכע זיינען געווען די בירגער פון'ם שטאאט, אין מיטעל־אלטער איז ער געווען דער שטאאט פון די פעאדאלע פריצים, אין אונזער צייט איז ער דער

שטאַאט פון דער בורזשואַזיע. ווען דער שטאַאט ווערט שוין יא דער ווירקליכער פאָרשטעהער פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, דאַן מאַכט ער זיך אַליין פאַר אַן איבעריגער זאַך. פון דעם מאָמענט אָן, וואָס ס'וועט מעהר ניט זיין קיין איין געזעלשאַפטליכער קלאַס, וועמען מען דאַרף אונטערדריקען; פון דעם מאָמענט וואָס ס'וועלען פאַרשווינדען, צוזאַמען מיט דער קלאַסען־הערשאַפט, צוזאַמען מיט דעם אינדיווידועלען קאַמפף פאַר עקזיסטענץ, וואָס נעמען זיך פון דעם איצטיגען מיש־מאַש אין דער פּראָדוקציאָן — פון יענעם מאָמענט אָן וועט ניט זיין וואָס צו אונטערדריקען, און במילא וועט מען שוין ניט דאַרפען האָבען קיין באַזונדער מאַכט אויף צו אונטערדריקען, במילא וועט מען שוין, הייסט עס, ניט דאַרפען האָבען דעם שטאַאט. דער ערשטער אַקט, אין וועלכען דער שטאַאט טרעט ווירקליך ארויס אַלס דער פאָרשטעהער פון דער גאַנצער געזעלשאַפט — ווען ער נעמט איבער אין זיינע הענד די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין'ם נאָמען פון דער געזעלשאַפט — איז אין דער זעלבער צייט אויך זיין לעצטער זעלבסטשטענדיגער אַקט אַלס אַ שטאַאט. דאָס אריינמישען זיך פון דער שטאַאטליכער מאַכט אין געזעלשאַפטליכע באַציהונגען וועט שוין ניט זיין נויטיג, און במילא וועט שוין אויסקומען אזוי, אַז דער שטאַאט וועט פון זיך אַליין אָפּשטאַרבען. דאָס פלאַץ פון אַ רעגיערונג, וואס הערשט איבער מענשען, וועט פאַרנומען ווערען פון אַזאַ פאַרוואַלטונג, וואָס וועט אָנפיהרען דעם גאַנג פון דער פּראָדוקציאָן. דער שטאַאט ווערט ניט „אָפּגעשאַפט", נאָר ע ר ש ט אַ ר ב ט אָ פּ. אין דעם זינען דאַרף מען אָפּשאַצען די פראַזע וועגען אַ „פרייער פאָלקס־רעגיערונג", אַ פראַזע, וואָס האָט אין איהר צייט געהאַט אַן עקזיסטענץ־בארעכטיגונג אַלס אַן אַגיטאַציאָנס־מיטעל, און האָט אָבער ניט איצט קיין שום וויסענשאַפטליכען ווערט. אויף דעם זעלבען גרונד דאַרף מען אויך אָפּשעצען די פאָדערונג פון די זאָגענאַנטע אַנאַרכיסטען, אַז דער שטאַאט זאָל אָפּגעשאַפט ווערען פון היינט אויף מאָרגען".

(„אַנטי־דיורינג", „די אומשטירצונג פון דער וויסענשאַפט

THIS BOOK BELONGS TO
LEN WAGA



דורך הערר יעווגעני דיורינג״, זייטען 3—302, דריטע דייטשע אויסגאַבע).

אָהן מורא אריינצופאַלען אין אַ טעות קען מען זאָגען, אַז דאָס איינציגע, וואָס די היינטיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבען ארויסגענומען פון ענגעלס׳עס מערקווירדיגע און געדאַנקענרייכע באַטראַכטונגען איז, אַז לויט מאַרקס׳ן „שטאַרבט״ דער שטאַאַט אָפּ, און דערמיט אונטערשיידעט זיך דער מאַרקסיזם פון אַנאַרכיזם, מחמת לויט׳ן מאַרקסיזם „שטאַרבט״ דער שטאַאַט אָפּ און לויט׳ן אַנאַרכיזם דאַרף ער „אָפּגעשאַפט״ ווערען. אַזוי ארומטרייבערען און צוקאַליעטשען דעם מאַרקסיזם הייסט פּשוט מאַכען פון איהם אַן אָפּאָרטוניסטישע תורה. וואָרים ווען דער מאַרקסיזם ווערט אַזוי „אויסגעטייטשט״, בלייבט פון איהם אַ נעבעכדיגע פאָרשטע־לונג וועגען אַ פּראָצעס פון לאַנגזאַמע, גלייכע, שטופּענווייזע ענדע־רונגען, אָהן אַ שוואונג, אָהן אַ שנעלען שפּרונג פאָראויס, אָהן אַ שטורם און אָהן אַ רעוואָלוציע. דער געדאַנק, אַז דער שטאַאַט וועט פון זיך אליין „אָפּשטאַרבען״, ווי דער ברייטער עולם פאַרשטעהט דאָס, איז אָהן צווייפעל אַ פאַרדונקלונג, אויב ניט קיין אָפּלייקענונג פון דעם געדאַנק פון רעוואָלוציע.

פאַר דער בורזשואַזיע לוינט זיך, פאַרשטעהט זיך, אַזאַ אומגע־לומפּערטע „אויסטייטשונג״, וואָס ווערט טעאָרעטיש באַגרינדעט דורך דעם, וואָס מען לאָזט אויס די סאַמע וויכטיגסטע באַטראַכטונ־גען און אומשטענדען, מיט וועלכע ענגעלס ערקלערט זיינע געדאַנקען אין דעם אויבענגעבראַכטען אויסצוג.

ערשטענס, אין סאַמע אַנפאַנג פון דעם אויסצוג, וואָס מיר האָ־בען דאָ אויבען געבראַכט, זאָגט ענגעלס, אַז איבערנעמענדיג די שטאַאַטליכע מאַכט „פאַרניכטעט דער פּראָלעטאַריאַט דערמיט אליין דעם שטאַאַט אַלס אַ שטאַאַט״. וועגען דעם וואָס ענגעלס מיינט דערמיט, וועגען דעם, וואָס די דאָזיגע ווערטער באַדייטען, האָט מען זיך געמאַכט אַ מאָדע ניט צו קלערען. ווען מען קומט דערצו, טוט מען איינס פון די צוויי — אָדער מען מאַכט עס אינגאַנצען אוועק

אונטער'ן האנד, אָדער מען קוקט דארויף ווי אויף ענגעלס'עס א
„העגעליאַנישער שוואכקייט“. אין דער אמת'ען איז אין די דאָזיגע
ווערטער אויסגעדריקט אין קורצען די ערפאהרונג פון איינער פון
די גרעסטע פּראָלעטארישע רעוואָלוציעס, די ערפאהרונג פון דער
פּאריזער קאָמונע אין 1871טען יאָהר, פון וואָס מיר וועלען שפּעטער
ריידען. אין דער אמת'ען מיינט דאָ ענגעלס, אַז דער בורזשואזנער־
שטאאט וועט „פארניכטעט“ ווערען פון דער פּראָלעטארישער רע־
וואָלוציע, און ווען ער רעדט וועגען „אָפּשטארבען“, מיינט ער, אַז
עס וועלען אָפּשטארבען די רעשטלאך פון דער פּראָלעטארישער
שטאאטליכקייט, וואָס וועלען פארבלייבען נאָך דער סאָציאליסטי־
שער רעוואָלוציע. לויט ענגעלס'ען קומט אויס, אַז דער בורזשואַז־
נער שטאאט „שטארבט ניט אָפּ“, נאָר ער ווערט „פארניכטעט“
פון דעם פּראָלעטאריאט בעת דער רעוואָלוציע, און נאָך דער רע־
וואלוציע שטארבט אפּ דער פּראָלעטארישער שטאאט, אדער די עהנ־
ליכקייט צום שטאאט.

צווייטענס, דער שטאאט איז א „ספּעציעלע מאכט צו אונטער־
דריקען“. מיט די ווערטער האָט ענגעלס גלענצענד אויסגעדריקט
קלאָר און דייטליך וואס דער שטאאט איז. דערפון קומט אויס, אז די
דאָזיגע „ספּעציעלע מאכט“, מיט וועלכער די בורזשואזיע אונטער־
דריקט דעם פּראלעטאריאט און מיט וועלכער א הייפעלע גבירים
פארשקלאַפען מיליאָנען ארבייטער, דארף פארביטען ווערען מיט אַן
אנדער „ספּעציעלער מאכט“ אויף צו אונטערדריקען די בורזשואזיע
דורך דעם פּראָלעטאריאט (די דיקטאטור פון'ם פּראָלעטאריאט).
אָט אין דעם טאַקי באַשטעהט די „פארניכטונג פון'ם שטאאט אלס א
שטאאט“. אָט אין דעם באַשטעהט טאַקי דער „אקט“ פון איבער־
נעמען אין די הענד די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין'ם נאָמען פון דער
געזעלשאפט. און עס איז דאריבער גאנץ קלאָר, אַז אַזאַ אויסבייט
פון איין (בורזשואזנער) „ספּעציעלער מאכט“ אויף א צווייטע־
(פּראָלעטארישער) „ספּעציעלער מאכט“ קען ניט פּאָרקומען גלאט
אַזוי מיר ניט־דיר ניט, דורך „אָפּשטארבען“.

דריטענס, אין פאַרבינדונג מיט דער עפּאָכע, וואָס וועט קומען נאָך דעם ווי די אַרבייטער וועלען „איבערנעמען די פּראָדוקציאָנס מיטלען פאַר דעם שטאַאַט אין׳ם נאָמען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט", ד. ה., נאָך דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, רעדט ענגעלס קלאָר, דייטליך, בולט און פאַרבענדרייך ווי אַזוי דער שטאַאַט „שטאַרבט אָפּ" און ווי אַזוי ער „נעהט אויס". מיר אַליין ווייסען, אַז די פּאָליטישע פאָרמע פון „שטאַאַט", וואָס וועט עקזיסטירען אין דער דאָזיגער עפּאָכע, וועט זיין אַ פאָלשטענדיגע דעמאָקראַטיע. אָבער קיינעם פון די אָפּאָרטוניסטען, וועלכע האָבען קיין בושה ניט אַזוי צוצוקאַליעטשען דעם מאַרקסיזם, פאַלט נאָר ניט איין, אַז ווען ענגעלס רעדט וועגען „אויסגעהן" און „אָפּשטאַרבען" מיינט ער דערמיט די ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע. פון אויבען אויף קוקט דאָס אויס זעהר מאָדנע. אָבער דאָס איז „אומפאַרשטענדליך" בלויז פאַר יענעם, וואָס האָט ניט צוגעלעגט דעם קאָפּ און זיך ניט אַריינגעטראַכט אין דעם פאַקט, אַז אַ דעמאָקראַטיע איז אויך אַ שטאַאַט, און במילא קומט דאָך שוין אויס, אַז אויך די דעמאָקראַטיע וועט פאַרשווינדען, ווען עס וועט פאַרשווינדען דער שטאַאַט. דעם בורזשואַזנעם שטאַאַט קען „פאַרניכטען" בלויז אַ רעוואָלוציע, אָבער דער שטאַאַט בכלל, ד. ה., די פאָלשטענדיגע דעמאָקראַטיע קען בלויז „אָפּשטאַרבען".

פיערטענס, אַרויסשטעלענדיג דעם גרונד־זאַץ, אַז „דער שטאַאַט שטאַרבט אָפּ", האָט ענגעלס דאָן גלייך ערקלערט, אַז ער מיינט עס אַנצו־ווענדען אי נעגען די אָפּאָרטוניסטען, אי נעגען די אַנאַרכיסטען. דערביי האָט ער אין דער ערשטער שורה אַרויסגערוקט יענעם שלוס פון זיין גרונד־זאַץ, וועגען דעם „אָפּשטאַרבענדען שטאַאַט", וואָס איז געווענדעט נעגען די אָפּאָרטוניסטען.

מען קען זיך וועטען, אַז פון צעהן טויזענד מענשען, וועלכע האָבען געלעזען אדער געהערט וועגען דעם „אָפּשטאַרבען פון שטאַאַט", וועלען 9990 אינגאַנצען ניט וויסען, אדער ניט געדענקען, אַז די אויספיהרונגען פון דעם דאָזיגען גרונד־זאַץ האָט ענגעלס גע־

ציעלט נים נאָר נענען די אַנאַרכיסטען. און פון די איבעריגע 10 וועלען 9 זיכער ניט וויסען, וואָס ס'איז אַזעלכעס א „פרייער פאָלקס־שטאַאט", און פאַר וואָס אַן אָנפאַל אויף דעם דאָזיגען לאָזונג איז אויך אַן אָנפאַל אויף די אָפּאָרטוניסטען. אַזוי ווערט געשיכטע געשריבען! אַזוי ווערט געפעלשט און צודרעהט א גרויסע רעוואָלוציאָנערע לעהרע, אַבי יוצא צו זיין פאַר די הערשענרע געמיטליכע בעלי בתים. די אויספיהרונגען געגען די אַנאַרכיסטען האָט מען טויזענדטער מאָל איבערגע'חזר'ט, זיי געמאַכט ביליג, און אַזוי לאַנג אַריינגעקלאַפּט אין די מוחות ביז זיי האָבען באַקומען די פעסטקייט, וואָס א פאַראורטייל האָט געוועהנליך, און די אויספיהרונג געגען די אָפּאָרטוניסטען האָט מען פאַררוקט אין א ווינקעל און אין גאַנצען „פאַרגעסען" אַן דעם!

אין די 70 יאָהרען איז דער „פרייער פאָלקס־שטאַאט" געווען א פונקט אין דער פּראָגראַם און א פּאָפּולערער לאָזונג פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען. קיין אַנדער פּאָליטישער תוך, אויסער א קליין־בירגערליכען, אָנגעבלאָזענעם באַגריף פון דעמאָקראַטיע, איז אין דעם דאָזיגען לאָזונג ניטאָ. אויף וויפיעל אָבער דער לאָזונג האָט אין זיך געהאַט א לעגאַלע אָנדייטונג אויף א דעמאָקראַטישע רעפּובליק, אויף אַזויפיעל איז ענגעלס געווען באַרייט איהם צו „באַרעכטיגען" „אויף דערווייליגע" פונ'ם שטאַנדפּונקט פון אַגיטאַציע. אָבער דער לאָזונג איז געווען אָפּאָרטוניסטיש, ניט נאָר ווייל ער האָט צוגעפּוצט די בורזשואַזנע דעמאָקראַטיע, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט געשטיצט אויף דער סאָציאַליסטישער קריטיק פונ'ם שטאַאט בכלל. מיר זיינען פאַר א דעמאָקראַטישער רעפּובליק, ווייל דאָס איז פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט די בעסטע פאָרמע פון שטאַאט אין א קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, מיר האָבען אָבער קיין רעכט ניט צו פאַרגעסען, אַז לוין־שקלאַפעריי איז דער שיקזאַל פון פאָלק אפילו אין דער דעמאָקראַטישסטער בורזשואַזנער רעפּובליק. און נאָך א זאַך: יעדער שטאַאט איז ניט מעהר ווי א „ספּעציעלע מאַכט צו אונטערדריקען" דעם אונטערדריקטען קלאַס.

און במילא קומט דאך שוין אויס, אז יעדער שטאאט איז ניט פריי און ניט פאלקסטימליך. פאר זייערע פארטיי־גענאסען אין די 70 יאהרען האבען דאס מארקס און ענגעלס ניט איינמאל ערקלערט.

פינפטענס, אין דעם זעלבען ווערק ענגעלס'עס, פון וועלכען אלע גערענקען אזוי גוט דעם אייסגעפיהרטען כלל, אז א שטאאט „שטארבט אפ", איז אויך פאראן א באטראכטונג וועגען דער באדייטונג פון א געוואלט־רעוואלוציע. די היסטארישע אפשאצונג, מיט וועלכער ענגעלס הויבט אן, פארוואנדעלט זיך אין א לויב־געזאנג פאר דער געוואלט־רעוואלוציע. אבער אן דעם פארגעסט מען אין גאנצען, ווארים וועגען דער באדייטונג פון'ם דאזיגען געדאנק איז ניט אנגענעם צו ריידען אין די היינטיגע סאציאליסטישע פארטייען. און אין דער אלטעגליכער פראפאגאנדע, וואס ווערט אנגעפיהרט צווישען די מאסען, שפילען די דאזיגע געדאנקען די מינדסטע ראלע ניט. פונדעסטוועגען זיינען זיי ענג פארבונדען מיט דעם „אפ־שטארבען" פון שטאאט.

אט וואס ענגעלס זאגט:

„אז געוואלדטאטען שפיעלען אין דער געשיכטע אן אנדערע ראלע, אז זיי טוען ניט אן בלויז צרות, נאר זיי שפיעלען א רעוואלוציאנערע ראלע אויך; אז געוואלדטאטען זיינען, לויט מארקס'ען, די אקושערין פון יעדער אלטער געזעלשאפט ווען זי איז טראגעדיג מיט א נייער; אז זיי זיינען דאס איינציגע ווערקצייג, מיט וועלכען א געזעלשאפטליכע באוועגונג שפרייט פאר זיך אויס א וועג און צושמעטערט די אלטע, פארשטיינערטע פאליטישע פארמען — וועגען אט די אלע זאכען געפינט איהר קיין אייןווארט ניט ביי הערר דיורינג. קרעכצענדיג און זיפצענדיג גיט ער בלויז צו, אז כדי אומצו־ווארפען א בורזשואזנע ווירטשאפט, וועט מען אפשר דאך מוזען אנווענדען געוואלד־מיטלען, — צום באדויערן, מערקט אייך! — ווייל דער, וואס באנוצט זיך מיט געוואלד־מיטלען, ווערט דעמאראליזירט, רחמנא לצלן. און דאס ווערט געזאגט ניט קוקענדיג דאראויף, וואס אין יעדער זיעגרייכער רעוואלוציע דערהויבען זיך מענשען צו

דער העכסטער מדרגה פון מאָראַלען און אינטעלעקטועלען אידעאַ־ליזם! און דאָס ווערט געזאָגט אין דייטשלאַנד, וואו א געוואַלד־זאַמער צוזאַמענשטויס, וואָס קען געוועהנליך ארויסגעצויגען ווערען אויפ'ן פאָלק, וואָלט לכל הפחות געבראַכט דערצו, וואָס ס'וואָלט פריי געמאַכט דעם נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין פון דעם שקלאַפּישען גייסט, מיט וועלכען מען איז דאָרט דורכגעדרונגען זינט די ער־ניעדערונגען פון דעם 30־יאָהריגען קריעג. אזא מאַטאַ, אזא שוואַ־כע און מאַכטלאָזע מאַטאַ, וואגט זיך פאַרצושלאָגען דער רעוואָלו־ציאָנערסטער פּאַרטיי, וואס די געשיכטע האָט ווען געהאַט." (זייטע 193, דריטע דייטשע אויסגאַבע, סוף פון 4טען קאַפּיטעל, 2טע אָפּ־טיילונג).

נו, שטעלט זיך א פראַגע: ווי אזוי קען מען אין איין לעהרע פאַראייניגען דעם דאָזיגען לויב־געזאַנג פאַר א געוואַלדזאַמער רעוואָ־לוציע, וואָס ענגעלס האָט מיט אזא עקשנות, מיט אזא מוט געהאַל־טען אין איין אונטערטראָגען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען פון 1878 ביז 1894, ד. ה., ביז ער איז געשטאָרבען, מיט דער טעאָריע, אז דער שטאַאַט „שטאַרבט אָפּ"?

אָבער מען גיט זיך שוין ווי עס איז אַן עצה. מען טשעפּעט זיי צונויף מיט דער הילף פון עקלעקטיציזם, דאָס הייסט, דורך א אידעענלאָזען אָדער סאָפיסטישען ארויסכאַפּען פון ווירקליך געקלי־בענע ציטאַטען, דאָ פון איין פלאַץ, דאָ פון א צווייטען, און אין 99 פון יעדע 100 פעלע ווערט אויף דער ערשטער שורה ארויסגערוקט דוקא דער פּונקט וועגען דעם, אז דער שטאַאַט „שטאַרבט אָפּ". די דיאַלעקטיק ווערט פאַרביטען מיט עקלעקטיציזם. אזוי איז מען זיך נוהג אין דער אָפיציעלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור פון אונזער צייט, ווען עס קומט צום מאַרקסיזם. און דאָס איז ניט קיין נייעס. אזא פאַרבייטעניש האָט מען שוין געזעהן אין דער גע־שיכטע פון דער קלאַסישער גריכישער פילאָזאָפיע. דאָס פאַרביי־טען די דיאַלעקטיק מיט עקלעקטיציזם איז א גוטער מיטעל ביי די

אַפּאָרטוניסטען ווען עס קומט צו דער ארבייט אויף צוצוקאָליעטשען דעם מאַרקסיזם. דורך דעם נאַרט מען לייכט אָפּ די מאַסען; מען גיט זיי אַ תּורה אויפ׳ן שפּיץ מעסער, מאַכענדיג דערביי דעם אָנשטעל, אַז עס ווערען גענומען אין אנבאַטראַכט אַלע זייטען פון אַ געזעלשאַפטליכען פּראָצעס, אַלע נייגונגען פון זיין ענטוויקלונג, אַלע ווידערשפּרעכענדע איינפלוסען. א. ד. גל. בעת אין דער אמת׳ען גיט דאָס קיינמאָל ניט קיין גאַנצען רעוואָלוציאָנערען באַגריף וועגען דעם גאַנג פון געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג.

מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, און ווייטער וועלען מיר דאָס זאָגען נאָך קלאָרער, אַז די לעהרע פון מאַרקס און ענגעלס וועגען דער אומפאַרמיידליכקייט פון אַ נעוואַלדזאַמער רעוואָלוציע, באַציהט זיך אויף דעם בורזשואַזנעם שטאַאַט. דער בורזשואַזנער שטאַאַט קען ניט אַרונטער גלאַט אַזוי זיך און אָפּגעבען זיין פּלאַץ פאַר אַ פּראָלעטאַרישען שטאַאַט (די דיקטאַטור פון׳ם פּראָלעטאַריאַט); ער קען ניט גלאַט אַזוי פון זיך „אָפּשטאַרבען". פון איהם קען מען פּטור ווערען בלויז דורך אַ געוואַלדזאַמער רעוואָלוציע. דער שבח, וואָס ענגעלס האָט געזונגען דער געוואַלדזאַמער רעוואָלוציע שטימט די אָפּטע ערקלערונגען פון מאַרקס׳ן אליין (דערמאָנט זיך די ענדע פון „די אָרימקייט פון דער פילאָזאָפיע" און פון׳ם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט", וואו עס ווערט דרייסט און אָפען ערקלערט, אַז אַ געוואַלדזאַמע רעוואָלוציע איז אומפאַרמיידליך; דערמאָנט זיך אויף די קריטיק פון דער גאָטישער פּראָגראַם פון 1875, מיט קנאַפּע 30 יאָהר שפּעטער, וואו מאַרקס שאַנעוועט ניט דעם אָפּאָרטוניזם פון דער דאָזיגער פּראָגראַם) — דער דאָזיגער שבח איז ניט קיין בלויזע „התפּעלות", אָדער דעקלאַמאַציע און אויך ניט קיין פּאָלעמישער אַרויסטריט. די נויטווענדיגקייט צו ערציהען די מאַסען אויף אַ ז ע ל כ ע און נאָר אויף אַזעלכע אנזיכטען אין באַצוג צו דער נעוואַלדזאַמער רעוואָלוציע, איז דער יסוד פון דער גאַנצער לעהרע פון מאַרקס און ענגעלס. און דער פאַקט, וואָס די סאָציאַל־שאָוויניסטען און אויך די קאַוטסקיאַנער פאַרגעסען אָנ־

צופיהרען אזא פראָפאגאנדע, מאכט נאָך מעהר קלאר ווי זיי האָבען פארראטען די מארקסיסטישע לעהרע.

אָהן א געוואלדזאמער רעוואָלוציע איז לחלוטין אוממעגליך, אז דער בורזשואזנער שטאַאט זאָל ארונטער און דער פראָלעטארישער זאָל פארנעמען זיין פלאץ. זעהט איהר, די פארניכטונג פון דעם פראָלעטארישען שטאאט, דאָס הייסט, די פארניכטונג פון'ם שטאאט בכלל, איז אוממעגליך, סיידען דורך „אָפשטארבען“.

מארקס און ענגעלס האָבען די דאָזיגע אנזיכטען זייערע קלאָר אויסגעשטעלט, שטודירענדיג יעדער רעוואָלוציאָנערע סיטואציע באזונדער, און אנאליזירענדיג דעם מוסר השכל פון יעדער באזונדער רעוואָלוציע. צו דעם דאָזיגען פונדאמענטאלען און וויכטיגען טייל פון זייער לעהרע געהען מיר איצט איבער.

## צווייטער קאפיטעל.

# פון די 1848 — 1851טע יאָהרען.
# דער שטאַאט און די רעוואָלוציע. די ערפאַהרונג

### 1. ערב רעוואָלוציע.

די ערשטע ווערק פון'ם רייף געוואָרענעם מארקסיזם, „די אָרימ־קייט פון דער פילאזאפיע" און דער „קאָמוניסטישער מאניפעסט" באציהען זיך צו דער ערב רעוואָלוציע פון 1848טען יאָהר. אין דערפאר טאקי געפינען מיר אין זיי ניט נאָר דעם גרונד־געדאנק פון'ם מארקסיזם, נאָר ביז אַ געוויסען גראַד אויך די אָפּשפּיגלונג פון דער דאמאלסטדיגער קאָנקרעטער רעוואָלוציאָנערער סיטואציע, און דערפאר וועלען מיר זיך דאָ אָפּשטעלען דארויף, וואָס די מחברים פון די דאָזיגע ווערק זאָגען וועגען שטאאט, ניט נעמענדיג אין אכט זייערע אויספיהרונגען פון דער ערפאהרונג פון די 1848—1851ער יאָהרען.

„דער ארבייטער קלאַס, — שרייבט קארל מארקס אין דער „אָרימקייט פון דער פילאָזאָפיע" — וועט אין'ם גאנג פון דער ענט־וויקלונג, אויפ'ן אָרט פון דער אַלטער בורזשואזנער געזעלשאפט, איינפיהרען אַזא פארבאנד, וועלכער שליסט אוים די קלאַסען און זייערע געגענזאצען; עס וועט מעהר ניט זיין קיין שום אייגענע פּאָליטישע מאכט, מחמת גראַד די פּאָליטישע מאכט איז דער אָפּי־ציעלער אויסדרוק פון די קלאַסען־געגענזאַצען אין דער בורזשואזנער געזעלשאפט". (זייטע 182. דייטשע אויסגאבע פון 1885טען יאהר).

און דאָ, לעבען דעם אייסצוג, אין וועלכען עס איז אַזוי קלאָר איסגעדריקט געוואָרען דער גרונד־געדאנק וועגען דער פארניכטונג פון'ם שטאַאט נאכדעם ווי עס וועלען אָפּגעשאפט ווערען די קלאַ־

סען, וועט זיין זעהר באַלערנד צו ברענגען אַן אנדער אויסצוג פון מארקס'ן און ענגעלס'ן — אַן אויסצוג, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער, אין מאָנאַט נאָוועמבער, 1849 — אין „קאָמוניסטישען מאַניפעסט" :

...„באַשרייבענדיג די מעהר אַלגעמיינע ענטוויקלונגס־שטופען פון'ם פּראָלעטאַריאַט, האָבען מיר נאָכגעפאָלגט די מעהר־וועניגער פאַרדעקטע בירגער־קריעג אין דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפט ביז דעם פּונקט, ווען זי, די פאַרדעקטע בירגער־קריעג, ווערט אַן אָפענע רעוואָלוציע, און דער פּראָלעטאַריאַט שטעלט אַוועק פעסט זיין הערשאַפט דורך דעם וואָס ער וואַרפט מיט געוואַלד אַרונטער די בורזשואַזיע"...

...„מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, אַז דער ערשטער שריט אין אַן אַרבייטער רעוואָלוציע איז די פאַרוואַנדלונג (דאָס הייסט, די דערהויבונג) פון'ם פּראָלעטאַריאַט אין אַ הערשענדען קלאַס, דאָס באַהערשען די דעמאָקראַטיע".

„דער פּראָלעטאַריאַט באַנוצט זיך מיט זיין פּאָליטישער הער־שאַפט, כדי ער זאָל ביסלעכווייז אַלץ מעהר אַוועק־נעמען ביי דער בורזשואַזיע דעם גאַנצען קאַפּיטאַל, צענטראַליזירען אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין די הענד פון'ם שטאַאַט, וואָס איז אָרגאַניזירט אַלס דער הערשענדער פּראָלעטאַרישער קלאַס, און זעהן, אַז דער סכום פּראָדוקציאָנס־כוחות זאָל אַזוי שנעל ווי מעגליך פאַרגרעסערט ווערען. (זייטע 31 און 37, לויט דער 7טער דייטשער אויסגאַבע, אין 1906טען יאָהר).

אין דעם אויסצוג זעהען מיר ווי אַזוי עס איז פאָרמולירט גע־וואָרען איינע פון די מערקווירדיגסטע און וויכטיגסטע אידעען פון'ם מאַרקסיזם אין דער פראַגע וועגען שטאַאַט — די אידעע ווע־גען דער „דיקטאַטור פון'ם פּראָלעטאַריאַט" (ווי מאַרקס און ענגעלס האָבען אָנגעהויבען ריידען נאָך דער פּאַריזער קאָמונע), דערצו זעהן מיר נאָך דאָ אַ זעהר אינטערעסאַנטע באַשטימונג וועגען שטאַאַט — אַ באַשטימונג אָן וואָס מען פאַרגעסט זעהר אָפט, אין דאָס איז,

דער „שטאַאט וואָס איז אָרגאַניזירט אַלס דער הערשענדער פּראָ־
לעטאַרישער קלאַס".

די דאָזיגע באַשטימונג וועגען שטאַאט איז אין דער הערשענדער אַגיטאַציאָנס ליטעראַטור פון די אָפיציעלע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען ניט נאָר קיינמאָל ניט ערקלערט געוואָרען, נאָר מען האָט אָן איהר גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען. און עס איז גאָר קיין חידוש ניט פאַר וואָס מען האָט אָן איהר פאַרגעסען. ווייל זי פּאַסט זיך דאָך ניט מיט דעם רעפאָרמיזם, זי פּאַטשט אין פּנים אַריין די גע־וועהנליכע אָפּאָרטוניסטישע פאָראורטיילען און די בעל הבית'ישע אילוזיעס וועגען אַ „פריעדליכער ענטוויקלונג פון דער דעמאָ־קראַטיע".

אַלע אָפּאָרטוניסטען, סאָציאַל־שאָוויניסטען און קאַוטסקיאַנער האַלטען אין איין טענה'ן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף האָבען אַ שטאַאט, דערביי פאַרזיכערען זיי, אַז אַזוי לויטעט קאַרל מאַרקס'עס לעהרע, און זיי „פאַרגעסען" גאָר צוצוגעבען, אַז ערשטענס, קומט לויט מאַרקס'עס לעהרע אויס, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף בלויז האָבען אַן אָפּשטאַרבענדען שטאַאט, דאָס הייסט, אַ שטאַאט, וואָס זאָל זיין געבויט אַזוי, אַז ער זאָל גלייך אָנהייבען אָפּשטאַרבען און זאָל ניט קענען ניט אָפּשטאַרבען. און צווייטענס, אַז די האָראָפּאַש־ניקעס דאַרפען האָבען אַזאַ „שטאַאט, וואָס איז אָרגאַניזירט אַלס דער הערשענדער פּראָלעטאַרישער קלאַס".

דער שטאַאט איז אַ ספּעציעלע מאַכט־אָרגאַניזאַציע אויף צו אונטערדריקען וועלכען ס'איז ניט איז קלאַס. וועלכען קלאַס דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט אונטערדריקען? אודאי, בלויז דעם עקספּלואַטי־רענדען קלאַס, ד. ה., די בורזשואַזיע. די האָראָפּאַשניקעס, די אַר־בייטער דאַרפען האָבען דעם שטאַאט בלויז צוליב דעם כדי זיי זאָלען קענען אונטערדריקען דעם ווידערשטאַנד פון די עקספּלואַטאַטאָרס, און אָנגעהן מיט דער דאָזיגער אונטערדריקונג, דורכפיהרען דאָס אין לעבען קען בלויז דער פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַן איינציגער דורך און דורך רעוואָלוציאָנערער קלאַס, אַלס דער איינציגער קלאַס, וואָס קען

פאראייניגען אַלע האָראָפּאַשניקעס און אונטערדריקטע אין א קאמפף געגען דער בורזשואזיע, דורך דעם וואָס ער וועט די בורזשואזיע אינגאנצען ארונטערוואַרפען פון בענקעל.

די קלאַסען, וואָס עקספלואטירען דאַרפען האָבען א פּאָליטישע מאכט, כדי זיי זאָלען דורך איהר קענען אָנהאַלטען די עקספלואטא־ציע, דאָס הייסט צוליעב די עגאָאיסטישע אינטערעסען פון א ניש־טיגער מינאָריטעט, געגען דער ריעזיגער מאיאריטעט פון פאָלק. און די קלאַסען, וואָס ווערען עקספלואטירט, דאַרפען האָבען א פּאָ־ליטישע מאכט, כדי זיי זאָלען דורך איהר אינגאנצען קענען פּטור ווערען פון דער עקספלואטאַציע, דאָס הייסט, אין די אינטערעסען פון דער דאָזינער מאיאָריטעט פון פאָלק, געגען דער נישטיגער מינאָ־ריטעט פון די היינטיגע שקלאַפען־הערשער, ד. ה. געגען די לאַנד־באזיצער און קאפּיטאַליסטען.

„אין איהר קאמפף געגען דער רעוואָלוציע איז די פּארלאַמענ־טארישע רעפּובליק ענדליך געוועזען געצוואונגען צו פארשטארקערען ניט נאָר איהרע רעפּרעסיווע מיטלען, נאָר אויך די אַלע אנדערע מיטלען וואָס זיינען נויטיג פאר דער צענטראַליזירונג פון דער רע־גיערונגס מאכט. **די אַלע איבערקערענישען האָבען די דאָזיגע מאַשין נעמאַכט נאָך פּאָלקאָמענער, אנשטאט זי צו־צוברעכען.** (די אונטערשטרייכונג איז אונזערע). די פּאר־טייען, וועלכע האָבען, פּארבייטענדיג איינע די אנדערע, געקעמפּפט פאר דער איבערמאכט, האָבען באטראכט דאָס פארכאַפּען פון דער דאָזיגער ריעזיגער שטאאַטליכער געביידע אלס דעם געשמאַקסטען ביסען, דאַן ווען זיי האָבען געזיעגט". („דער אכטצעהנטער ברו־מיער דע לואי באָנאפּאַרטע". זייטען 99—98, פערטע אויס־גאַבע, האַמבורג, 1907).

אין אָט דער מערקווירדיגער באטראכטונג מאכט דער מארק־סיזם א היבשען שפּאַן פאָראויס אין פארגלייך מיט דעם „קאָמוניס־טישען מאַניפעסט". דאָרטען, אין׳ם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט",

ווערט די פראגע וועגן שטאאט אוועקגעשטעלט בלויז אבסטראקט, אין אלגעמיינע באגריפען און אויסדרוקען. דא אבער ווערט שוין די פראגע אוועקגעשטעלט קאנקרעט, און דער אויספיהר ווערט גע־מאכט קלאר, דייטליך, פראקטיש און אזוי ממשות'דיג, אז מען קען איהם ממש מיט די הענד אנטאפען: אלע פריהערדיגע רעוואלו־ציעס האבען נאך מעהר פארפאלקאמט די שטאאטליכע מאשין, און זי דארף מען גאר צוקלאפען, איגנאנצען צוברעכען.

דער דאזיגער אויספיהר איז די וויכטיגסטע און די גרינדליכ־סטע לעהרע פון'ם מארקסיזם וועגען שטאאט. און דוקא דאס הא־בען די הערשענדע אפיציעלע סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען ניט נאר פ א ר ג ע ס ע ן, נאר טאקי פשוט צוקאליעטשעט (ווי מיר וועלען באווייזען) דורך דעם אנגעזעהענסטען טעארעטיקער פון'ם צווייטען אינטערנאציאנאל, דורך קארל קאוטסקי.

אין'ם „קאמוניסטישען מאניפעסט" ווערען אונטערגעפיהרט די אלגעמיינע סך הכל'ס פון דער געשיכטע, און זיי באווייזען, אז דער שטאאט איז אן ארגאן פון קלאסען־הערשאפט און זיי פיהרען צום נויטיגען באשלוס, אז דער פראלעטאריאט קען ניט ארונטערווארפען די בורזשואזיע, ניט פארכאפענדיג קודם כל די פאליטישע מאכט, ניט האבענדיג אין זיינע הענד די פאליטישע הערשאפט, ניט מא־כענדיג פון'ם שטאאט אן „ארגאניזירטען הערשענדען, פראלעטא־רישען קלאס". און אז דער דאזיגער פראלעטארישער שטאאט וועט אנהויבען אפשטארבען גלייך נאכדעם ווי ער וועט זיעגען, ווארים אין א געזעלשאפט, וואו עס זיינען קיין קלאסען־געגענזאצען נישטא איז ניט נויטיג און ניט מעגליך, אז עס זאל זיין א שטאאט. דא ווערט ניט אויפגעשטעלט די פראגע ווי אזוי דער אויסבייט פון דעם בורזשואזנעם שטאאט אויף א פראלעטארישען זאל זיין פון'ם שטאנדפונקט פון די היסטארישע ענטוויקלונגען.

אזא פראגע ווערט אוועקגעשטעלט און טאקי גלייך געלעזט פון מארקס'ן אליין אין'ם 1852טען יאהר. געטריי צו זיין פילאזאפיע פון'ם דיאלעקטישען מאטעריאליזם, נעמט מארקס אלס דעם יסוד

די היסטאָרישע ערפאהרונג פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערע יאָהרען, — 1848—1851. און פונקט ווי אַלע מאָל איז דאָ אויך מארקס'עס לעהרע באַלויכטען מיט א טיעפער פילאָזאָפישער וועלט־אנשויאונג און מיט א רייכען וויסען די געשיכטע און דעם סך הכל פון די ערפאהרונגען.

די פראגע וועגען שטאאט ווערט אָוועקגעשטעלט קאָנקרעט: ווי איז היסטאָריש ענטשטאנען דער בורזשואזנער שטאאט און די שטאאטליכע מאשין, וואָס איז נויטיג פאר דער ממשלה פון דער בורזשואזיע? וואָס פאר ענדערונגען קומען אין איהר פאָר, ווי ענטוויקעלט זי זיך אין'ם גאנג פון די בורזשואזנע רעוואָלוציעס און אויך דאן ווען די אונטערדריקטע קלאסען טרעטען זעלבסטשטענדיג ארויס געגען איהר? און וואָס זיינען די אויפגאבען פון'ם פראָלע־טאריאט אין באצוג צו דער דאָזיגער מלוכה מאשין?

די צענטראַליזירטע שטאאטליכע מאכט, וועלכע איז אזוי אייגען פאר דער בורזשואזנער געזעלשאפט, איז ענטשטאנען אין דער צייט ווען דער אבסאָלוטיזם איז געפאַלען. פאר דער דאָזיגער שטאאטליכער מאשין זיינען נויטיג צוויי איינריכטונגען: טשי־נאָווניקעס און א שטענדיגע ארמעע. ווי אזוי די דאָזיגע צוויי איינריכטונגען זיינען מיט טויזענדטערליי פעדים צוגעבונדען צו דער בורזשואזיע, ווערט דערמאָנט ניט איינמאָל אין די ווערק פון מארקס און ענגעלס. די ערפאהרונג פון יעדען ארבייטער באזונדער מאכט נאָך קלאָרער ווי דאָס געזינדעל איז געקניפט און געבונדען. דער ארבייטער קלאס פיהלט דאָס גאנץ שווער אויף זיינע אייגענע פלייצעס, — און דערפאר טאקי באגרייפען די ארבייטער אזוי שנעל ווי דאָס גאנצע געזינדעל איז געקניפט און געבונדען, בעת די קליינ־בירגערליכע דעמאָקראטען לעגט זיך דאָס ניט אויפ'ן שכל, אָדער זיי מאכען דעם אָנשטעל, אז זיי באגרייפען דאָס ניט.

די שטאאט־בעאמטע (טשינאָווניקעס) און די שטענדיגע אר־מיעע — דאָס איז דער פאראזיט אויפ'ן קערפער פון דער בורזשואז־נער געזעלשאפט, א פאראיזט, וואָס האט זיך גענומען פון די אינער־

ליבע נעגענזאצען, וועלכע צורייסען די געזעלשאפט אויף שטיקער, אָבער גראָד אזא פּאראזיט, מיט וועלכען מען פּאַרלאַטעט די לעבער פון די שטיקער, וואָס רייסען זיך. אָבער דער קאוטסקיאַנער אָפּאָר־טוניזם, וואָס הערשט איצט אין דער אָפיציעלער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע, האָט זיך גאָר אָן אנדער מיינונג וועגען דעם, און דאָס באַ־טראַכטען דעם שטאַאט ווי אַ פּאַראַזיט־אָרגאַן ווערט ביי קאוטסקי׳ס חסידים גאָר פאררעכענט פאר אנארכיזם. פארשטעהט זיך, אז דאָס צוקאַליעטשען און פארדרעהן דעם מארקסיזם לוינט זיך פאר יענע בעל־הבתים׳לאך, ביי וועמען עס איז רעכט געווען צו ברענגען דעם סאָציאַליזם צו אַזאַ אונערהערטער שאנדע ווי צו געבען די הסכמה אויף דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און נאָך מאכען אַ פרום פּנים דערביי און זאָגען, אז מען מוז אַזוי, ווייל עס איז די פליכט צו „פארטיידיגען דאָס פאטערלאנד“.

אין׳ם משך פון די אַלע רעוואָלוציעס, וואָס זיינען פּאָרגעקומען אין איירָאָפּאַ אין אַ גאַנץ היבשער צאָהל זינט דער פעאָדאַליזם איז געפאַלען, האָט זיך די שטאַאטליכע מאשין נאָך מעהר ענטוויקעלט, פארפאָלקאָמט און איז געוואָרען נאָך שטארקער. באַזונדערס די קליין בורזשואַזיע ווערט צוגעצויגען אויף דער זייט פון דער גרויס־בורזשואַזיע און ווערט איינגאנצען אָוועקגעשטעלט אונטער איהר איינפלוס, אַ דאנק דער ארבייט פון דער דאָזיגער שטאַאטליכער מאשין, וועלכע פארזאָרגט מיט מעהר אָדער ווייניגער וואַרימע און רוהיגע ערטעלאך די פארמעגליכע פּויערים, די קלענערע פאבריקאנ־טען, סוחרים און אנדערע לייט, און מאכט זיי פאר גאנצע קנאַקערס, וועלכע האָבען אַ דעה איבער׳ן פאָלק. פאר אַ ביישפּיעל קענט איהר נעמען דאָס, וואָס ס׳איז פּאָרגעקומען אין רוסלאנד אין׳ם משך פון אַ האַלב יאָהר צייט, זינט דעם 27טען פעברואַר, 1917: די גוטע שטעלעס, וועלכע מען האָט פריהער געוועהנליך מעהרסטענטיילס אָוועקגעגעבען די שווארץ־מאה׳ניקעס, זיינען געוואָרען אַ געשמאַ־קער ביסען פאר די קאדעטען, מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. וועגען קיין ערנסטע רעפאָרמען האָט מען, אין

דער אמת׳ען, אפילו ניט געטראכט. אזעלכע זאכען זיינען יענע לייט גאָר אין זינען ניט געלעגען, מחמת אַלעס האָט מען אָפּגעלעגט אויף דער גרינדונגס פאַרזאמלונג — און די גרינדונגס פאַרזאמלונג האָט מען אָפּגעלעגט ביז נאָך דער מלחמה! מען האָט זיך גע־טיילט מיט פעטע ביסענס, מיט מיניסטער שטעלעס, גובערנאַטאָר שטעלעס, און אויף דער גרינדונגס פאַרזאמלונג האָט מען דערמיט דוקא ניט געוואַרט. דעם מיניסטאָרען־קאַבינעט האָט מען אַלע מאָל אנדערש צונויפגעשטעלט; א מיניסטער ארויף, א מיניסטער אראָפּ, און אין דער אמת׳ען האָט זיך אין דער דאָזיגער קאָמעדיע אויסגעדריקט דער גאַנצער שאכער־מאכער און דער אופן פון טיילען כבודים אי אין דער צענטראַלער, אי אין דער לאָקאַלער פאַרוואַל־טונג. אין׳ם משך פון א האַלב יאָהר צייט, פון׳ם 27טען פעברואַר ביז׳ן 27טען אויגוסט, האָט מען גאָר ניט, אָבער טאַקי לחלוטין גאָר ניט אויפגעטאָן. מען האָט בלויז איינגעטיילט כבודים, פאַרזאָרגט איינינגע לייט מיט גוטע שטעלעס — און די רעפאָרמען אָפּגעלעגט אויף שפּעטער.

אָבער וואָס מעהר ענדערונגען און אויסבייטענישען מען מאכט אין דעם רעגיערונגס־אַפּאַראַט צווישען די בירגערליכע און קליין־בירגערליכע פאַרטייען (צווישען די קאַדעטען, עס־ערען און מענשע־וויקעס, אויב מיר זאָלען נעמען א רוסישען ביישפּיעל), אַלץ קלאָרער און שאַרפער טרעט ארויס דער האַס צו דער גאַנצער בורזשואַזנער געזעלשאַפט ביי אַלע אונטערדריקטע קלאַסען, מיט׳ן פּראָלעטאַריאַט אָן דער שפּיצע. און דערפון נעמט זיך טאַקי די פאַרביטערונג פון די אַלע בורזשואַזנע־דעמאָקראַטישע און אפילו „רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע" פאַרטייען, איבער דעם נעמען זיי אָן אַלץ שטרענ־גערע און פעסטערע מיטלען געגען דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַ־אַפּאַראַט, ד. ה., די שטאַאטליכע מאַשין. און ווייל די פּאַסירונגען אנטוויקלען זיך אויף אזא׳ן אופן מוז די רעוואָלוציע „קאָנצענטרירען אַלע איהרע פאַרניכטונגס כוחות" געגען דער שטאַאטליכער מאכט, דאַריבער טאַקי מוז די רעוואָלוציע מאכען פאַר איהר הויפּט־אויפ־

גאָבע ניט די אויסבעסערונג פון דער שטאַאַטליכער מאַשין, נאָר איהר פ א ר נ י כ ט ו נ ג, א י ה ר א ו מ ש ט י ר צ ו נ ג.

ניט גלאַט לאָגישע חקירות, נאָר די ווירקליכקייט אַליין, די לעבעדיגע ערפאַהרונג פון די יאָהרען 1848—1851, האָבען גע־בראַכט דערצו, אַז די אויפגאַבע זאָל אַוועקגעשטעלט ווערען אויף אַזאַ אופן. אויף ווי ווייט מאַרקס האַלט זיך פעסט אויף דעם פאַקטישען גרונד פון היסטאָרישער ערפאַהרונג קען מען זעהן דער־פון, וואָס אין 1852טען יאָהר שטעלט ער נאָך ניט אַוועק קאָנקרעט די פראַגע וועגען דעם אויף וואָס מען זאָל אויסבייטען די שטאַאַט־ליכע מאַשין, וואָס דאַרף פאַרניכטעט ווערען. די ערפאַהרונג האָט אין יענער צייט נאָך ניט געהאַט געגעבען קיין מאַטעריאַל פאַר אַזאַ פראַגע, וואָס די געשיכטע האָט אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן טאַגעס־אָרדנונג שפּעטער, אין 1871טען יאָהר. אויפ׳ן סמך פון פּינקטליך היסטאָרישער בעאָבאַכטונג האָט מען אין 1852 בלויז געקענט אָנ־ווייזען דאַרויף, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז צ ו ג ע־ק ו מ ע ן צו דער אויפגאַבע צו „קאָנצענטרירען אַלע פאַרניכטונגס־כוחות" געגען דער שטאַאַטליכער מאַכט און „ צ ו ב ר ע כ ע ן " די שטאַאַטליכע מאַשין.

דאָ שווימט אַרויף די פראַגע צו ס׳איז אין אַלגעמיין ריכטיג אָנצונעמען פאַר אַ כּלל דעם שלוס, צו וועלכען מאַרקס איז געקומען אויפ׳ן סמך פון דער ערפאַהרונג פון די יאָהרען 1848—1851, און איהם אַריבערטראַגען אויף אַ גרעסערען מאַסשטאַב? כּדי צו באַ־טראַכטען די דאָזיגע פראַגע וועלען מיר דאָ קודם כּל ברענגען ענ־געלס׳ אַ באַמערקונג, און דערנאָך וועלען מיר איבערגעהן צו די פאַק־טישע באַווייזע.

...„פראַנקרייך — האָט ענגעלס געשריבען אין דער הקדמה צו דער דריטער אויסגאַבע פון דער „אַכטצעהנטער ברומער" — איז אַ לאַנד, אין וועלכען דער היסטאָרישער קאַמפּף פון די קלאַסען איז מעהר ווי אין אַלע אַנדערע לענדער יעדעס מאָל צוגעקומען ביז צו אַן ענטשיידענדען סוף. אין פראַנקרייך האָבען זיך אין די שאַרפ־

סטע שטריכען איינגעשמיערט יענע באדייטענדע פּאָליטישע פּאָר־מען, אין וועלכע דער דאָזיגער קלאסען־קאמפּף איז זיך געגאנגען זיין וועג און אין וועלכע די רעזולטאטען זיינע האָבען געפונען אַן אויסדרוק. אין דער צייט פון מיטעל־אלטער האָט אין פראנקרייך געהערשט אַן אויסגעהאלטענער פעאָדאליזם, פון דער צייט פון נאָך׳ן רענעסאנס איז פראנקרייך געוועזן אַ מוסטערהאַפטע מדינה מיט אַן איינהייטליכער מאָנארכיע פון אַ געוויסען שטאנד, און ווען די גרויסע רעוואָלוציע איז געקומען האָט פראנקרייך געמאכט אַ סוף צום פעאָדאליזם און איינגעפיהרט די אויסשליסליכע הערשאפט פון דער בורזשואזיע, מיט אזא קלאָרקייט, ווי קיין איינעאָ־פעאישע מדינה. און אויך דער קאמפּף, וואס הויבט אויף דעם קאָפּ פון׳ם פּראָלעטאריאט געגען דער הערשענדער בורזשואזיע טרעט דאָ ארויס אין אזא שארפער פאָרמע, וואָס איז אין קיין אנדער לאנד גאָר ניט באקאנט" (זייט 4 אין דער אויסגאבע פון 1907).

די לעצטע באמערקונג ענגעלס׳עס איז שוין געוואָרען צו אלט, ווייל ווי עס איז באקאנט איז פון 1871טען יאָהר אַן פאָרגעקומען אַן איבעררייס אין דעם רעוואָלוציאָנערען קאמפּף פון׳ם פראנצויזי־שען פּארלאמענט, כאָטש דער דאָזיגער איבעררייס, ווי לאנג ער זאָל ניט געדויערען, נעמט בשום אופן ניט אוועק די מעגליכקייט, אז אין דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע, וואָס וועט נאָך זיין אין פראנקרייך, זאָל זי, פראנקרייך, זיך ווידער ארויסווייזען אלס דאָס קלאסישע לאנד, וואו דער קאמפּף פון די קלאסען ווערט צוגעפיהרט ביז אַן ענטשיידענדען סוף.

אָבער לאָמיר דאָ ווארפען אַן אלגעמיינעם בליק אויף דער גע־שיכטע פון די פאָרטגעשריטענע לענדער אין סוף פון 19טען און אין אָנהויב פון׳ם 20טען יאָהר־הונדערט. מיר וועלען זעהן, אז לאנגזאמער, פיעלפאכער, אויף אַ סך אַ ברייטערען אופן, קומט פאָר דערזעלבער פּראָצעס, פון איין זייט, די אויסארבייטונג פון דער „פּארלאמענטארישער מאכט" אי אין די רעפּובליקאנישע לענדער

(פראנקרייך, אמעריקאַ און די שווייץ), אי אין די מאָנאַרכיסטישע לענדער, (ענגלאנד, דייטשלאנד ביז אַ געוויסען גראַד, איטאליען, און די סקאנדינאַווישע לענדער, א. ז. וו.) — פון דער אנדער זייט, דאָס שלאָגען זיך איבער דער מאכט צווישען די פארשיעדענע ביר־גערליכע און קליינבירגערליכע פארטייען, וועלכע רייסען זיך איבער די געשמאַקע ביסענס און איבער די גוטע שטעלעס, וועלכע בלייבען ביי זיי ווען מען בייט ניט די יסודות פון דער בורזשואזנער אָרדנונג, — קורץ, דאָס פארפאָלקאָמענען און דאָס מאַכען שטארקער די „עקזעקוטיווע מאכט" און איהר קריעגס־אפּאראַט.

עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז דאָס זיינען די אלגעמיינע שטריכען פון דער גאנצער נייעסטער לאנגזאמער ענטוויקלונג פון קאפּיטאליסטישע שטאַאטען בכלל. אין אַ משך פון דריי יאָהר צייט, פון 1848 ביז 1851, האָט פראנקרייך אויף אַ קלאָרען, בולט'ען און דייטליכען אופן געוויזען דעם זעלבען ענטוויקלונגס פּראָצעס, וועלכער איז אייגען פאַר דער גאנצער קאפּיטאליסטישער וועלט.

באזונדערס שטארק ווערט די „שטאַאטליכע מאשין" ווען עס הויבען זיך אָן ענטוויקלען די עראָבערישע אפּעטיטען, ווען ס'הויבט זיך אָן די צייט פון גרויס־קאפּיטאל, די צייט פון ריעזינע קאפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלען, די צייט ווען פון'ם מאָנאָפּאָליסטישען קאַפּיטאליזם ווערט אַ שטאַאטליך־מאָנאָפּאָליסטישער קאפּיטאליזם, דאַן צעוואקסט זיך די שטאַאטליכע מאשין ווי אויף הייוועז, מען שטעלט אָן אַ וועלט מיט טשינאָווניקעס, דער קריעגס־אפּאראַט ווערט ריעזיג גרויס און צוזאמען דערמיט ווערען גרויס און שטארק די רעפּרעסיווע מיטלען, וואָס מען נעמט אָן געגען דעם פּראָלעטאַריאַט. אזוי קומט עס פאָר אי אין די מאָנאַרכיסטישע, אי אין די סאַמע פרייעסטע רעפּובליקאנישע לענדער.

און עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז די אלוועלטליכע געשיכטע פיהרט איצט, נאָך מעהר ווי אין 1852טען יאהר, דערצו

אז אַלע כוחות פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע זאָלען זיך קאָנצענטרירען און צוזאמען מאכען אַ סוף און פארניכטען די שטאאטליכע מאשין.

מיט וואס דער פּראָלעטאַריאט דארף די דאזיגע שטאאטליכע מאשין פארבייטען, וועגען דעם האָט די פאריזער קאָמונע אונז גע־געבען זעהר אַ באַלעהרענדען מאטעריאל.

## דריטער קאַפּיטעל.

# דער שטאַאַט און די רעוואָלוציע. די ערפאַהרונג פון דער פּאַריזער קאַמונע אין 1871טען יאהר. מארקס׳עס אַנאַליז.

### 1. אין וואָס באַשטעהט די העלדישקייט פון דער פּראָבע, וואָס די קאָמונאַרען האָבען געמאַכט ?

עס איז באַקאַנט, אַז עטליכע מאָנאַטען פאַר דער קאָמונע, אין הערבסט 1870טען יאָהר, האָט מאַרקס געוואָרענט די פראַנצויזישע אַרבייטער, דערווייזענדיג זיי, אַז דער פאַרזוך אַרונטערצוּוואַרפען די רעגיערונג וואָלט געווען אַ נאַרישער, ריזיקאַלישער שריט. אָבער ווען מען האָט אין מאַרטש 1871 אַרויפגעצוואונגען אויף די אַרבייטער אַן ענטשיידענדען קאַמפּף און זיי האָבען דעם דאָזיגען קאַמפּף אָנגענומען, ווען דער אויפשטאַנד איז געוואָרען אַ פאַקט, האָט מאַרקס מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג באַגריסט די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, כאָטש מען האָט איהם פון אַלע זייטען פאָראויסגעזאָגט אַ שלעכטען סוף. מאַרקס האָט זיך ניט געקעכענט דערמיט, וואָס איינינע האָבען גע׳טענה׳ט, אַז די דאָזיגע באַוועגונג איז ניט אין צייט, ווי דער טרויעריג באַריהמטער פאַררעטער פון דעם מאַרקסיזם, פּלעכאַנאָוו, וועלכער האָט אין נאָוועמבער 1905 געשריבען אין אַזאַ גייסט, וואָס האָט גערופען די אַרבייטער און פויערים צום קאַמפּף, און אין דעצעמבער 1905, שוין פאַרקירעוועט דעם דישעל צוריק, און ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמת׳ן ליבעראַל, גענומען שרייען: „מען האָט זיך ניט געדאַרפט נעמען פאַר׳ן געוועהר“.

מארקס האָט ניט נאָר אָנגעקוואָלען פון דער העלדישקייט פון די מענשען, וועלכע האָבען „געשטורעמט דעם הימעל“ ווי ער האָט אָנגערופען די קאָמונארען. אין דער רעוואָלוציאָנערער מאסען־באוועגונג, כאָטש זי האָט ניט דערגרייכט דעם ציעל, וואָס זי האָט פאר זיך באשטימט, האָט ער געזעהן די אונגעהייערע וויכטיגקייט פון דער היסטאָרישער ערפאהרונג ; ער האָט אין דעם געזעהן א געוויסען שפּאַן פאָראויס אין דער אַלוועלטליכער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע, א פּראקטישען שפּאַן, וואָס איז א סך וויכטיגער פון הונדערטער פּראָגראַמען און חקירות.

וואָרים מארקס האָט זיך געשטעלט אזא אויפגאבע : זיך אריינטראכטען אין דער דאָזיגער ערפאהרונג און זי אנאַליזירען, ארויסנעמען דעם מוסר השכל און בכלל עס באטראכטען אויפ׳ן גרונד פון זיין לעהרע.

דעם איינציגען „צוגאָב“ צום קאָמוניסטישען מאניפעסט, וואָס מארקס האָט געפונען פאר נויטיג צו מאכען, האָט ער געמאכט אויפ׳ן גרונד פון דער רעוואָלוציאָנערער ערפאהרונג פון די פאריזער קאָמונארען.

די לעצטע הקדמה צו דער נייער דייטשער אויסגאבע פון׳ם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט“, וועלכער איז אונטערגעשריבען פון ביידע מחברים, איז דאטירט דעם 24טען יוני, 1872. אין דער דאָזיגער הקדמה געבען צו ביידע מחברים קארל מארקס און פריעד־ריך ענגעלס, אז די פּראָגראַמע פון׳ם „קאָמוניסטישען מאניפעסט“ איז „שוין איצטער ערטערווייז צו אלט“.

„מעהר פון אלעס — שרייבען זיי אין דער פאָררעדע — האָט די קאָמונע באוויזען אז „דער ארבייטער קלאַס קען ניט גלאט אזוי פשוט ווערען דער בעל־הבית פון דער פארטיגער שטאאטליכער מאשין און זי לאָזען ארבייטען וויטער צוליעב זיינע אייגענע ציעלען...“

די לעצטע ווערטער, וואָס מיר האָבען אריינגענומען אין גענ־

זענע פיסלאַך (") האָבען די מחברים ארויסגענומען פון קאַרל מאַרקס'עס ווערק : „די בירגער־קריעג אין פראנקרייך".

און אַזוי זעהן מיר, אַז דער גרינדליכסטער מוסר השכל פון דער פּאַריזער קאָמונע איז פון מאַרקס'ן און ענגעלס'ן באַטראַכט געוואָרען פאַר אַזוי אונגעהייער וויכטיג, אַז זיי האָבען איהם אריינגענומען ווי אַ הויפּט צוגאָב צום „קאָמוניסטישען מאַניפעסט".

און דאָס כאַראַקטעריסטישסטע דערביי איז, וואָס דוקא אָט דעם עיקר האָבען די אָפּאָרטוניסטען צוקאַליעטשעט, דוקא די באַדייטונג פון דעם עיקר ווייסען ניט ניין צעהנטעל אויב ניט ניין־און־ניינציג חלקים פון די, וועלכע האָבען געלעזען דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט". ווי אַזוי מען האָט אָט דעם עיקר צוקאַליעטשעט און צודרעהט וועלען מיר ריידען ווייטער, אין אַ באַזונדער ארטיקעל, וואו מיר וועלען זיך דארויף אָפּשטעלען גענוי. דאָ וועט זיין גענוג צו באַמערקען, אַז דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס דוקא אָט דעם באַקאַנטען אויסצוג, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט פון מאַרקס'ן, פּשט'עלט מען אויס אַזוי, אַז ס'זאָל הייסען, אַז דערמיט האָט מאַרקס אונטערשטראָכען דעם געדאַנק פון לאַנגזאַמער ענטוויקלונג אין געגענזאַץ צו דעם געדאַנק פון פאַרכאַפּען די מאַכט.

אין דער אמת'ען אָבער איז דאָס פּונקט פאַרקערט. מאַרקס'עס געדאַנק באַשטעהט אין דעם, אַז דער ארבייטער קלאַס דאַרף צ ו ־ ב ר ע כ ע ן, צ ו ק ל א פּ ע ן די „פאַרטיגע שטאַאטליכע מאַשין", און זיך ניט באַגנוגענען בלויז דערמיט וואָס ער פאַרכאַפּט זי.

דעם 12טען אַפּריל, 1871, ד. ה., פּונקט אין דער צייט פון דער קאָמונע, האָט מאַרקס געשריבען צו קוגעלמאַן'ען אַזוי :

...„אויב דו וועסט ארייננקוקען אין'ם לעצטען קאַפּיטעל פון מיין בוך „דער אַכטצעהנטער ברומער", וועסטו זעהן, אַז וועגען אַזאַ פאַרזוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָב איך שוין געזאָגט אָט וואָס : מען דאַרף ניט איבערגעבען די ביוראָקראַטישע קריעגס־מאַשין פון איינע הענד אין די אַנדערע, ווי מען האָט דאָס געטאָן ביז איצט — צ ו ב ר ע כ ע ן זי דאַרף מען (דאָס וואָרט „צוברע־

כען" האָט מארקס אליין אונטערשטראָכען), און דאָס איז דער ערשטער וויכטיגסטער באדינג פון אַן אמת'ער פאָלקס־רעוואָלוציע אויפ'ן קאָנטינענט. און אין דעם טאקי באשטעהט דער פארזוך פון אונזערע העלדישע פאריזער חברים" (זייט 709 „נייע צייט, יאָהר 1901—2). (מארקס'עס בריעף צו קוגעלמאַן'ען זיינען ער־שיענען אין רוסיש אין ניט וועניגער ווי צוויי אויפלאגעס. איינע פון זיי איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אונטער מיין רעדאקציע און מיט מיינער אַ פאָררעדע).

די דאָזיגע ווערטער „צוברעכען די ביוראָקראַטישע קריעגס־מאשין פון'ם שטאַאט" ענטהאלטען אין קורצען דעם וויכטיגסטען פונקט פון דער מארקסיסטישער לעהרע בנוגע דעם שטאַאט. און דוקא אָט דעם וויכטיגען פונקט האָבען קאוטסקי'ס חסידים ניט נאָך פארגעסען, נאָר אויך צוקאַליעטשעט און פארדרעהט!

עס איז אינטערעסאנט אָנצו־ווייזען אויף צוויי פלעצער אין דעם אויסצוג, וואָס מיר האָבען דאָ געבראכט פון מארקס'ען. ער־שטענס, באַגרעניצט ער זיין אויספיהר מיט דעם קאָנטינענט. *) דאָס איז געווען פארשטענדליך אין 1871טען יאָהר, ווען ענגלאנד איז נאָך געווען בלויז אַ ריין קאפיטאליסטישע לאנד אָהן אַ מיליטער־רישער מאשין און ביז אַ געוויסען גראַד אָהן אַ ביוראָקראַטיע. דארום האָט מארקס אויסגעשלאָסען ענגלאנד, וואו מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלען און וואו עס איז געווען מעגליך אַ רעוואָלוציע, און זאָגאר אַ פאָלקס־רעוואָלוציע אָהן דעם וויכטיגסטען באדינג צוצו־שטערען די „פארטיגע שטאַאטליכע מאשין".

---

*) קאָנטינענט מיינט ער אייראָפּא, אויסער די בריטאַנישע אינזלען. אין דעם זינען געברויכען דאָס וואָרט די ענגלענדער, כדי צו אונטער־שיידען די איבעריגע טיילען פון אייראָפּא פון די ענגלישע באזיצונגען אין אייראָפּא. אַזוי פלעגט מען אויך רופען ענגלאנד אין אַמעריקא, ווען די פאראייניגטע שטאַאטען האָבען נאָך געהערט צו ענגלאַנד, און אויך ווען עס איז פאָרגעקומען די אַמעריקאנער רעוואָלוציע — איבערזעצער.

איצט אָבער, אין 1917, ווען עס קומט פאַר אזא גרויסע אימ־פעריאליסטישע מלחמה, פאלט שוין אוועק די גרעניץ, וואָס מארקס האָט געשטעלט, מחמת אי ענגלאנד, אי אמעריקא, די גרעסטע און לעצטע פאַרשטעהער פון דער אנגלאָ־זאקסישער „פרייהייט", אין דעם פּרט, וואָס ס'האָט דאָרטען אויסגעפעהלט אזא זאך ווי סאָל־דאטשינע און ביוראָקראטיע, האָבען זיך שוין אויך איינגאנצען אריינגעקייקעלט אין דעם אלגעמיין־אייראָפּעאישען שמוציגען, בלוטיגען זומפּף פון די ביוראָקראטיש־מיליטערישע איינריכטונגען, וועלכע דערשטיקען און דערווארגען אלעס. איצטער איז שוין די לאגע אזא, אז אי אין ענגלאנד, אי אין אמעריקא מוז דער „וויכ־טיגסטער באדינג פון יעדער אמת'ער פאָלקס־רעוואָלוציע" זיין דאָס צוברעכען, דאָס פארניכטען די „פארטיגע שטאאט־ליכע מאשין".

צווייטענס, א באזונדער אויפמערקזאמקייט פארדיענט מארקס'עס אויסערגעוועהנליך טיעפע באמערקונג, אז דאָס פארניכ־טען די ביוראָקראטיש־מיליטערישע שטאאטליכע מאשין איז „דער וויכטיגסטער באדינג פון יעדער אמת'ער פאָלקס־רעוואָלוציע". דער דאָזיגער באגריעף וועגען א „פאָלקס"־רעוואָלוציע דוכט זיך אויס מאָדנע ווען מארקס זאָגט עס, און פּלעכאנאָוו'ס חסידים און די מענ־שעוויקעס, די אנהענגער פון פּיאָטער סטרואווע, וועלכע ווילען דוקא מאכען דעם אָנשטעל, אז זיי זיינען מארקסיסטען, וואָלטען גאָר גע־קענט זאָגען, אז דאָס האָט זיך מארקס גלאט „ארויסגעכאפּט מיט א וואָרט". זיי האָבען די מארקסיסטישע לעהרע אזוי ברוטאל צו־טרייבערט, געמאכט פון איהר אזא געמיטליך בעל הבתי'שע תורה, אז אויסער א געגענשטעלונג צו דער בורזשואזנער און פּראָלעטארי־שער רעוואָלוציע עקזיסטירט פאר זיי גאָר ניט, און אפילו די דאָזיגע געגענשטעלונג פארשטעהן זיי אזוי אז ס'נודיעט אזש.

אויב מען זאָל נעמען פאר א ביישפּיעל די רעוואָלוציעס פון'ם צוואנציגסטען יאהרהונדערט, דאן וועט, ס'פארשטעהט זיך, אי די פּאָרטוגעזישע, אי די טערקישע רעוואָלוציעס דארפען באטראכט

ווערען אַלס בורזשואַזנע. קיין פאָלקס־רעוואָלוציעס זיינען זיי ניט געווען, מחמת אפילו אין קיין איינער פון זיי זיינען די ברייטע מאַסען פון פאָלק, דאָס הייסט, די גרעסטע מאַיאָריטעט פון פאָלק, ניט ארויסגעטראָטען אקטיוו און זעלבסטשטענדיג מיט עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאָדערונגען. פאַרקערט, די רוסישע בורזשואַזנע רעוואָלוציע פון די יאָהרען 1905—7, כאָטש זי האָט ניט געהאט אַזעלכע „גלענצענדע“ זיגען ווי די פּאָרטוגעזישע און טערקישע רעוואָלוציעס האָבען געהאט, איז אָהן צווייפעל דאָך געווען אַן „אמת'ע פאָלקס־רעוואָלוציע“, ווייל די ברייטע מאַסען פון פאָלק, די סאַמע „נידעריגע לייט“, וועלכע ווערען געשטיקט און גע'רודפ'ט, האָבען זיך זעלבסטשטענדיג אַ הויב געטאָן און ארויסגעלעגט אויפ'ן גאַנג פון דער רעוואָלוציע דעם שטעמפּעל פון זייערע אייגענע פאָדערונגען, פון זייערע אייגענע פארזוכען אויסצובויען אַ נייע געזעלשאַפט אויפ'ן אָרט פון דער צעוואָרפענער אַלטער געזעלשאַפט.

אין 1871טען יאָהר איז אין אייראָפּא, אויפ'ן קאָנטינענט, דער פּראָלעטאַריאַט אין קיין לאַנד ניט געווען די מאַיאָריטעט פון פאָלק. אַ „פאָלקס“־רעוואָלוציע, וועלכע האָט אין איהר שטראָם אריינגעשלעפּט אַ ווירקליכע מאַיאָריטעט, האָט ניט געקענט זיין אַזעלכע, סיידען זי האָט ארומגעכאַפּט אי דעם פּראָלעטאַריאַט, אי דאָס פּויערטום. ביידע קלאַסען האָבען דאַן צונויפגעשטעלט דאָס „פאָלק“. ביידע קלאַסען זיינען פאַראייניגט דורך דעם, וואָס די „ביוראָקראַטיש־מיליטערישע שטאַאַטליכע מאַשין“ דריקט, וואָרגט און עקספּלואַטירט זיי. צ ו ק ל א פּ ע ן די דאָזיגע מאַשין, זי צ ו ב ר ע כ ע ן — דאָס איז דער ווירקליכער אינטערעס פון'ם „פאָלק“, פון זיין מאַיאָריטעט, פון די ארבייטער און דאָס רוב פּויערים, דאָס איז דער „וויכטיגסטער באַדינג“ פון אַ פרייען פאַרבאַנד צווישען די אָרימסטע פּויערים און די ארבייטער, און אָהן אַזאַ פאַרבאַנד איז קיין דעמאָקראַטיע ניט פעסט, אָהן אַזאַ פאַרבאַנד איז קיין סאָציאַליסטישער איבערבוי ניט מעגליך.

צו אַזאַ פאַרבאַנד, ווי מיר ווייסען, האָט די פּאַריזער קאָמונע

דורכגעבראָכען אַ וועג, אָבער זי האָט איהר ציעל ניט דערגרייכט איבער אַ סך אינערליכע און אויסערליכע סבות.

הייסט עס, אַז ריידענדיג וועגען אַן „אמת'ער פאָלקס־רעוואָלו־ציע", האָט מארקס, ניט פארגעסענדיג אפילו אויף קיין איין מינוט די באַזונדערע אייגענשאַפטען פון דער קליינבורזשואַזיע (וועגען איהר האָט ער בכלל גערעדט אַ סך און אָפט), גוט גענומען אין אכט די פאַקטישע צווישען־באַציהונגען פון די קלאַסען אין די מעהרסטע קאָנטינענטאַלע שטאַאטען אין אייראָפּא אין 1871טען יאָהר. און פון דער אנדערער זייט האָט ער אָנגעוויזען, אַז די „ענטוויקלונג" פון דער שטאַאטליכער מאַשין איז נויטיג צוליעב די אינטערעסען פון די ארבייטער און די פויערים, פאַראייניגט זיי און שטעלט פאַר זיי אַוועק די אַלגעמיינע אויפגאַבע פטור צו ווערען פון'ם „פאַראַזיט" און איהם אויסבייטען אויף עפּעס נייעס.

אויף וואָס זשע?

## 2. אויף וואָס זאָל מען אויסבייטען די צובראָכענע שטאַאטליכע מאַשין?

אויף דער דאָזיגער פראַגע האָט מאַרקס אין 1847טען יאָהר, אין קאָמוניסטישען מאַניפעסט געגעבען בלויז אַן אבסטראַקטען ענט־פער, אָדער בעסער געזאָגט, ער האָט בלויז אָנגעוויזען די אויפגאַבע, אָבער ניט די מיטלען ווי זי צו לעזען. מאַכען פון דער „אָרגאַניזאַ־ציע פון'ם פראָלעטאַריאַט אַ הערשענדען קלאַס", „אויסקעמפּפען דעמאָקראַטיע" — דאָס איז געווען דער ענטפער פון'ם „קאָמוניס־טישען מאַניפעסט".

ניט פאַרלאָזענדיג זיך אויף קיין חלומות, האָט מאַרקס פון דער ערפאַהרונג פון דער מאַסען־באַוועגונג ערוואַרטעט אַן ענט־פער וועגען דעם, אין וואָס די ממשות'דיגע פאָרמען פון דער דאָזיגער פראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע, אַלס אַ הערשענדער קלאַס, וועלען זיך אָנהויבען אויסגיסען, אויף וואָס פאַר אַן אופן די דאָזיגע

אָרגאַניזאַציע וועט זיך איינפּאַסען מיט דעם מעהר פאָלשטענדיגען און אויסגעהאַלטענעם כלל פון „אויסקעמפּפען דעמאָקראַטיע".

ווי די ערפאַהרונג פון דער קאָמונע איז ניט געווען קליין, האָט זי מארקס מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט באַטראַכט אין זיין בוך „די בירגער קריעג אין פראַנקרייך". מיר ווע לען דאָ ברענגען די וויכטיגסטע אויסציגע פון דעם דאָזיגען ווערק:

„אין'ם 19טען יאָהר הונדערט האָט זיך ענטוויקעלט די „צענטראַליזירטע שטאַאַטליכע מאַכט, וועלכע שטאַמט פון די פריהערדיגע יאָהר הונדערטער, און וועמעס אָרגאַנען זיינען אומעדום פול — אַ שטענדיגע אַרמעע, פּאָליציי, אַ ביוראָקראַטיע, כלי קודש (גייסטליכע) און געריכטען". מיט דער ענטוויקלונג פון'ם קלאַסען־אַנטאַגאָניזם צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, האָט די „שטאַאַטליכע מאַכט וואָס אַמאָל אַלץ מעהר און מעהר אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ געזעלשאַפטליכער מאַכט אויף צו אונטערדריקען די אַרבייטער, אַ כאַראַקטער פון אַ מאַשין פון קלאַסען־הערשאַפט. נאָך יעדער שריט פאָראויס פאַר דעם קלאַסען־קאַמפּף, האָט זיך דער אונטערדריקענדער כאַראַקטער פון דער שטאַאַטליכער מאַכט אַרויסגעוויזען אַלץ מעהר און מעהר אין דער עפענטליכקייט". „נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848—49 ווערט די שטאַאַטליכע מאַכט אַ נאַציאָנאַלער קריעגס־וואַפען פון קאַפּיטאַל געגען אַרבייט". די צווייטע אימפּעריע מאַכט זי נאָך שטאַרקער.

„דער דירעקטער געגענזאַץ פון דער אימפּעריע איז געווען די קאָמונע. זי איז געווען די באַשטימטע פאָרמע פון אַזאַ רעפּובליק, וועלכע האָט געדאַרפט אָפּשאַפען ניט נאָר די מאָנאַרכיסטישע פאָרמע פון קלאַסען־הערשאַפט, נאָר אויך די קלאַסען־הערשאַפט גופא".

אין וואָס זשע איז באַשטאַנען די דאָזיגע „באַשטימטע" פאָרמע פון דער פּראָלעטאַרישער, סאָציאַליסטישער רעפּובליק? וואָס פאַר אַ שטאַאַט האָט זי אָנגעהויבען באַשאַפען?

„דער ערשטער דעקרעט פון דער קאָמונע איז געווען אָפּצושאַ־

פען די שטענדיגע אַרמעע און אויף איהר אָרט איינפיהרען די באַוואפענונג פון'ם פאָלק".

אַט די פאָדערונג געפינט מען איצט אין די פּראָגראַמען פון אַלע פארטייען, וועלכע ווילען דוקא, אַז מען זאָל זיי רופען סאָציאַליסטישע. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבען די פּראָגראַמען זייערע קען מען זעהן דערפון ווי עס האָבען זיך אויפגעפיהרט אונזערע סאָציאַליסטען - רעוואָלוציאָנערען און מענשעוויקעס, וועלכע האָבען זיך גלייך נאָך דער רעוואָלוציע פון'ם 27טען פעברואַר, פאַקטיש אָפּגעזאָגט דורכצופיהרען אין לעבען אָט די פאָדערונג.

„די קאָמונע איז צונויפגעשטעלט געוואָרען פון דעלעגאַטען, וועלכע זיינען דורך אַלגעמיינער שטימרעכט ערוועהלט געוואָרען אין די פארשיעדענע טיילען פון פאַריז. זיי, די דאָזיגע דעלעגאַטען זיינען געווען פאראַנטוואָרטליך, און צו יעדער צייט האָט מען זיי געקענט צוריקרופען און ערוועהלען אַנדערע אויף זייער פּלאַץ. די מעהרסטע פון זיי זיינען, פארשטעהט זיך, געווען אַרבייטער, אָדער אַזעלכע, וואָס זיינען אַנערקענט געוואָרען אַלס פאַרטרעטער פון'ם אַרבייטער קלאַס"...

„ביי דער פּאָליציי, וועלכע איז ביז דאַן געווען די וואפע פון דער שטאַאטליכער רעגיערונג, האָט מען גלייך צוגענומען די פּאָליטישע באַדייטונג איהרע און געמאַכט פון איהר אַזאַ קערפערשאַפט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטליך צו דער קאָמונע און וואָס קען צו יעדער צייט אַרונטערגעזעצט ווערען...

„דאָס זעלבע האָט מען געטאָן מיט די שטאַאט־בעאַמטע פון אַלע אַנדערע פארשיעדענע פּאַרוואַלטונגען... אָנפאַנגענדיג פון די קאָמונע־מיטגליעדער, פון אויבען ביז אַרונטער, האָט די געזעלשאַפטליכע אַרבייט געמוזט געטאָן ווערען פאַר **אַזאַ לוין**, **וואָס אַן אַרבייטער קריגט**. די אַלע פּריווילעגיעס, ווי אויך די הוצאות, וואָס מען האָט געדאַרפט אויסגעבען אויף די שטאַאטליכע הויכע בעאַמטע זיינען פארשוואונדען געוואָרען צוזאַמען מיט די הויכע בעאַמטע... און אַבי מען איז פּטור גע־

וואָרען פון דער שטענדיגער אַרמעע און פּאָליציי, די וואַפע פון דער מאַטעריעלער מאַכט פון דער אַלטער רעגיערונג, האָט זיך די קאָמונע גלייך גענומען צוברעכען די וואַפע פון דער גייסטיגער אונטערדריקונג, די מאַכט פון די גלחים... די געריכטס־בעאַמטע האָבען פאַרלאָרען זייער אונאָפּהענגיגקייט... מען האָט זיי געמוזט עפענטליך ערוועהלען, זיי זיינען געווען פאַראַנטוואָרטליך און מען האָט זיי צו יעדער צייט געקענט צוריקרופען"...

עס קען זיך, אַלזאָ דאַכטען, אַז די קאָמונע האָט די צובראָכענע שטאַאַטליכע מאַשין אויסגעביטען „בלויז" אויף אַ מעהר דעמאָקראַטישער מאַשין: אָפּגעשאַפט די שטענדיגע אַרמעע, און איינגעפיהרט, אַז אַלע בעאַמטע זאָל מען ערוועהלען און זיי קענען צו יעדער צייט צוריקרופען. אָבער אין דער אמת'ען איז דער דאָזיגער „בלויז" שוין גאָר קיין קלייניגקייט ניט; דאָס באַדייטעט אַ ריעזיגער אויסבייט פון געוויסע איינריכטונגען אויף אַנדערע איינריכטונגען,, וועלכע זיינען אין פּרינציפּ פון גאָר אַן אַנדער שניט. און דאָ באַמערקט מען גראָד וואָס ס'הייסט „מאַכען פון אַ כמות אַן איכות (פון אַ קוואַנטיטעט אַ קוואַליטעט)": אַ דעמאָקראַטיע, וואָס ווערט דורכגעפיהרט אַזוי פאָלשטענדיג און אויסגעהאַלטען ווי ס'איז מעגליך, פאַרוואַנדעלט זיך פון אַ בורזשואַזנער דעמאָקראַטיע אין אַ פּראָלעטאַרישער, פון אַ שטאַאַט, וואָס איז אַ ספּעציעלע מאַכט צו אונטערדריקען אַ באַשטימטען קלאַס, אין עפּעס אַזוינס, וואָס איז שוין אייגענטליך קיין שטאַאַט ניט.

שטיקען די בורזשואַזיע און איהר ווידערשטאַנד, איז נאָך אַלץ נויטיג. פאַר דער קאָמונע איז דאָס געווען באַזונדערס נויטיג, און איינע פון די אורזאַכען, פאַר וואָס זי איז דורכגעפאַלען איז דאָס, וואָס זי האָט די בורזשואַזיע ניט גענוג געשטיקט. אָבער אין דעם פאַל איז די אונטערדריקענדע קערפּערשאַפט די מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג און ניט די מינאָריטעט, ווי עס איז שטענדיג געווען סײַ ביי דער שקלאַפעריי, סײַ אין דער צייט פון לייבאייגענטום, און סײַ אין דער צייט פון געדונגענער שקלאַפעריי.

און ווען די מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג אַליין שטיקט איהרע אונטערדריקער, דאַן דאַרף מען שוין ניט האָבען קיין „ספּעציעלע“ אונטערדריקענדע מאַכט. אין דעם זינען הויבט דער שטאַאַט אָן אָפּשטאַרבען. אַנשטאַט די ספּעציעלע איינריכטונגען פון דער פּריווילעגירטער מינאָריטעט (די טשינאָווניקעס, פאַרשידענע נאַטשאַלניקעס אין אָפּיצירען), קען די מאַיאָריטעט אַליין אַלעס דירעקט דורכפיהרען, און וואָס מעהר די אַרבייט פון דער שטאַאַטליכער מאַכט ווערט דורכגעפיהרט פון׳ם פאָלק אַליין, אַלץ קלענער ווערט די נויטווענדיגקייט אין אַזא מאַכט.

באַזונדערס מערקווירדיג אין דעם פּרט איז מאַרקס׳עס אונטערשטרייכונג פון דער מאָס פון דער קאָמונע: די אָפּשאַפונג אויסצוגעבען געלד אויף דער רעגיערונג, די אַלע געלד־כבודים פאַר די פאַרשיעדענע שטאַאַט־בעאַמטע און דער איינפיהר אַז אַלע שטאַאַטס־אָנגעשטעלטע זאָלען קריעגען אַזוי פיעל וויפיעל אַן אַרבייטער קריגט. גראַד דאָ איז קלאָר דער איבערברוך — פון אַ בורזשואַזנער דעמאָקראַטיע צו אַ פּראָלעטאַרישער, פון אַ אונטערדריקענדער דעמאָקראַטיע צו אַ דעמאָקראַטיע פון די אונטערדריקטע קלאַסען, פון אַ הערשאַפט, אַלס אַ „ספּעציעלע מאַכט“ צו אונטערדריקען אַ באַשטימטען קלאַס, צו אַ אונטערדריקונג פאַר די אונטערדריקער דורך דער אַלגעמיינער מאַכט פון דער מאַיאָריטעט פון פאָלק, די אַרבייטער און די פּויערים. אין דוקא אָט דעם פּונקט, וואָס איז אייגענטליך דער וויכטיגסטער אין מאַרקס׳עס לעהרע, אין דער פראַגע וועגען שטאַאַט, האָט מען מעהר ווי אַלעס פאַרגעסען. אין די פּאָפּולערע ערקלערונגען — זיי זיינען דאָך אָהן אַ שיעור — רעדט מען גאָר גיט וועגען דעם. מען האָט זיך געמאַכט אַ כלל דאָס צו פאַרשווייגען און קוקען דאַרויף ווי אויף אַ מין תמימות, אַ מין „נאַאיוויטעט“ אויף וואס מען קען זאָגען, אַז עס איז שוין עבר זמן, — פּונקט ווי די קריסטען, קריגענדיג די לאַגע פון אַ שטאַאַטליכע רעליגיאָן, האָ־

בען „פֿאַרגעסען" אָן דער „נאַאיוויטעט" פֿון'ם קריסטענטום, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ דעמאָקראַטיש־רעוואָלוציאָנערען גייסט.

לפּנים דוכט זיך טאַקי אויס, דאָס די פֿאָדערונג, אַז די הויכ־געשטעלטע שטאַאטליכע בעאַמטע זאָלען ניט קריגען אַזוי פּיעל פֿאַר זייער אַרבייט, איז „פּשוט" אַ פֿאָדערונג פֿון אַ נאַאיווען, פּרי־מיטיווען דעמאָקראַטיזם. איינער פֿון די „באַגרינדער" פֿון'ם נייעסטען אָפּאָרטוניזם, דער געוועזענער סאָציאַל דעמאָקראַט עדואַרד בערנשטיין, האָט זיך ניט איינמאָל צולאָזט איבערקייענדיג די אויסגעדראָשענע חוזק מאַכעריי אויפ'ן חשבון פֿון'ם „פּרימיטי־ווען" דעמאָקראַטיזם. ווי אַלע אָפּאָרטוניסטען, פּונקט ווי די היינ־טיגע חסידים פֿון קאַוטסקי'ן, האָט ער לחלוטין ניט פֿאַרשטאַנען, אַז ערשטענס איז דער איבערגאַנג פֿון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם א ו מ מ ע ג ל י ך אָהן אַ געוויסען „צוריקקעהר" צום „פּרימי־טיווען" דעמאָקראַטיזם (וואָרים ווי קען מען דען אַנדערש דורכפֿיה־רען די שטאַאטליכע אַרבייט דורך דער מאַיאָריטעט פֿון דער באַ־פֿעלקערונג ?) און צווייטענס, אַז דער „פּרימיטיווער דעמאָקראַ־טיזם" אויפ'ן יסוד פֿון'ם קאַפּיטאַליזם און דער קאַפּיטאַליסטישער קולטור, איז לחלוטין ניט דאָס זעלבע, וואָס פּרימיטיווער דעמאָ־קראַטיזם אין די אוראַלטע אָדער פֿאָר־קאַפּיטאַליסטישע צייטען. די קאַפּיטאַליסטישע קולטור האָט געשאַפֿען אַ ריעזיגע אינדוסטריע, פֿאַבריקען, אייזענבאַהנען, אַ פּאָסט, אַ טעלעגראַף, אַ. אַז. וו., און אויף ד ע ם ד אָ ז י ג ע ן י ס ו ד זיינען די מעהרסטע פֿונק־ציעס פֿון דער אַלטער שטאַאטליכער מאַכט געוואָרען אַזוי פּשוט, אַז עס איז שוין גאָר ניט אַזוי שווער זיי צו מאַכען נאָך פּשוט'ער און זעהן, אַז זיי זאָלען זיין צוגענגליך פֿאַר אַלע גראַמאָטנע מענ־שען, וועלכע קענען לעזען און שרייבען, אַז אָט די אַלע פֿונקציעס, אָט די אַלע אַרבייטען וועט מען קענען טאָן פֿאַר אַ געוועהנליכען „לוין, וואָס אַן אַרבייטער קריגט", און אַז מען קען (און מען מוז) פֿון אָט די אַלע אַרבייטען אַראָפּנעמען דעם יחוס פֿון „הויכגע־שטעלטע".

דער איינפיהר, אז אַט די אַלע בעאַמטע דאַרף מען ערוועהלען, אז מען קען זיי צו יעדער צייט צוריקרופען און אז זיי דאַרפען פאַר זייער ארבייט באקומען ניט מעהר ווי אן „ארבייטער באקומט געווענליך" — אַט די פּשוטע „זעלבסט פאַרשטענדליכע" דעמאָקראַטישע איינפיהרונגען, וועלכע פאַראייניגען פאָלשטענדיג די אינטערעסען פון די אַרבייטער און דאָס רוב פּויערים, דיענען אין דערזעלבער צייט אַלס בריק, וואָס פיהרט פון'ם קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם. די דאָזיגע איינפיהרונגען ריהרען אָן דעם שטאַאַטליכען, ריין־פּאָליטישען איבערבוי פון דער געזעלשאַפט, אָבער זייער גאַנצען זינן און באַדייטונג קריגען זיי ערשט אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרווירקליכטער, אדער צוגעגרייטער „עקספּראָפּריאַציע פון עקספּראָפּריאַטאָרס", ד. ה., אין דעם איבערגאַנג פון'ם קאַפּיטאַליסטישען פּריוואַט איינענטום אויף די אַלע פּראָדוקציאָנס מיטלען אין אַ געזעלשאַפטליכען איינענטום.

מאַרקס האָט געשריבען:

„דערמיט וואָס די קאָמונע האָט אָפּגעשאַפט די צוויי גרעסטע הוצאות, וואָס זיינען געווען נויטיג אויפצוהאַלטען די אַרמעע און די שטאַאטליכע בעאַמטע, האָט זי געמאַכט פאַר אן אמת דעם לאָזונג פון אַלע בורזשואַזנע רעוואָלוציעס — אַ רעגירונג, וואָס זאָל קאָסטען ביליג".

פון'ם פּויערטום, פּונקט ווי פון אנדערע קליינבירגערליכע שיכטען, קען בלויז אַ נישטיגע מינאָריטעט „זיך דערהויבען און ווערען מיט לייטען גלייך", אין דעם בורזשואַזנעם זינען, ד. ה., ווערען פאַרמעגליך, אָדער קריגען שטעלעס אַלס פּריווילעגירטע שטאַאַטסבעאַמטע. די גרעסטע מאַיאָריטעט פון'ם פּויערטום אין יעדער קאַפּיטאַליסטישער מדינה, וואו עס איז נאָך פאַראַן אַ פּויערטום (און אזעלכע קאַפּיטאַליסטישע מדינות זיינען אין דער מאַיאָריטעט) ווערט געדריקט פון דער רעגירונג און גאַרט נאָך איהר מפּלה, גאַרט נאָך אַ „ביליגער רעגירונג". און אַט דאָס קען פאַרווירקליכען בלויז דער פּראָלעטאַריאַט, און ווען ער פאַרווירקליכט דאָס,

מאכט ער אין דערזעלבער צייט א שריט צום סאציאליסטישען איבערבוי פון שטאַאט.

### 3. די פאַרניכטונג פון'ם פאַרלאַמענטאַריזם.

„די קאָמונע — האָט מארקס געשריבען — האָט געדארפט זיין ניט קיין פאַרלאַמענטאַרישע, נאָר אַן ארבייטענדע קאָרפּאָראַציע, וואָס זאָל אין איין און דערזעלבער צייט זיין אי די געזעצגעבענדע קערפּערשאפט, אי די דורכפיהרערין פון די געזעצען“...

„אנשטאַט צו באַשליסען איין מאָל אין דריי, אָדער איין מאָל אין זעקס יאָהר וואָס פאר א פּריץ פון'ם הערשענדען קלאַס עס זאָל זיין אין פאַרלאַמענט פארטראָטען און אונטערדריקען דאָס פאָלק, אנשטאַט דעם האָט די אלגעמיינע שטימרעכט געדארפט דינען דעם פאָלק אליין, וואָס איז אָרגאַניזירט אין קאָמונעס, כדי דורך דעם צו געפינען פאר דער נויטיגער ארבייט גוטע אויפפאַסערס, בוכהאלטערס און אנדערע ארבייטער, פונקט ווי די אינדיווידועלע רעכט צו וועהלען ווערט אויסגענוצט פון אן איינצעלנעם ארבייטס־געבער צו געפינען פאר זיך פאַסענדע מענשען פאר זיין געשעפט“.

די דאָזיגע מערקווירדיגע קריטיק איבער'ן פאַרלאַמענטאַריזם, וואָס איז ארויסגעזאָגט געוואָרען נאָך אין 1871, געהט איצט אויך אריין אין'ם צעטעל פון „פאַרגעסענע ווערטער“ פון דער מארקסיס־טישער לעהרע, א דאַנק דער הערשאפט פון'ם סאָציאַל־שאָוויניזם און אָפּאָרטוניזם. די מיניסטארען און פאַרלאַמענטארען ביי פאַך, די פאַרטרעטער פון'ם פּראָלעטאַריאַט און די „שאַכער־מאַכער“ סאָציאַליסטען פון אונזער צייט, האָבען די גאַנצע קריטיק אויפ'ן פאַרלאַמענטאַריזם איבערגעלאָזט פאר די אנארכיסטען, און אויף אָט דעם זעלטען־קלוגען גרונד האָבען זיי יעדער קריטיק אויפ'ן פאַר־לאַמענטאַריזם געשטעמפּעלט מיט'ן נאָמען „אנארכיזם“! און עס איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט פון די „פאָרטגע־שריטענע“ פאַרלאַמענטאַרישע לענדער, פיהלענדיג א עקעל צו אזעלכע אומשטיינס געזאָגט - סאָציאַליסטען ווי די שיידעמאַנס,

דאווידס, לעניענס, סאנבאס, רענאָדעלס, הענדערסאָנס, וואנדערוועל־דעס, סטאונינגס, בראנטינגס, ביסאָלאטיס און קאָמפּ. האָט אַלץ מעהר און מעהר אָנגעהויבען ארויסווייזען סימפּאטי צום אַנארכאָ־סינדיקאַליזם, ניט קוקענדיג דארויף, וואָס דאָס איז געווען דער לייבליכער ברודער פון׳ם אָפּאָרטוניזם.

אָבער ביי מארקס׳ן איז די רעוואָלוציאָנערע דיאלעקטיק קיינ־מאָל ניט געווען קיין פוסטע מאָדע־מליצה, אָדער א גלעקעל, ווי ביי פּלעכאַנאָוו׳ן, קאוטסקי׳ן און די אַלע אנדערע. מארקס האָט גע־קענט אָהן רחמנות רייסען שטיקער פון׳ם אנארכיזם און איהם קריי־טיקירען דערפאר, וואָס ער קען ניט אויסנוצען אפילו דעם „שטאהל״ פון׳ם פארלאמענטאריזם, באזונדערס דאן, ווען מען האָט נאָך ניט פאר זיך קיין רעוואָלוציאָנערע סיטואציע, — אָבער אין דער זעל־בער צייט האָט ער אויך געקענט געבען אן אמת רעוואלוציאנער־פראָלעטארישע קריטיק אויפ׳ן פארלאמענטאריזם.

איינמאָל אין עטליכע יאָהר באשליסען וואָס פאר א פריץ פון׳ם הערשענדען קלאס עס זאָל דריקען און שטיקען דאָס פאָלק אין פארלאמענט, — אָט אין וואס עס באשטעהט דער אמת׳ער תמצית פון דעם בורזשואזנעם פארלאמענטאריזם, ניט נאָר אין די פארלאמענטאריש־קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיעס, נאָר אויך אין די דעמאָקראטישסטע רעפובליקען.

אָבער אויב מען שטעלט אוועק די פראגע וועגען שטאאט, אויב מען באטראכט דעם פארלאמענטאריזם אלס איינע פון די שטאאטס־איינריכטונגען, פון׳ם שטאנדפונקט פון׳ם פּראָלעטאריאטס אויפ־גאבען אין ד ע ם פרט, טו וואו־זשע איז דער אויסגאנג פון׳ם פארלאמענטאריזם ? ווי אזוי קען מען זיך באגעהן אָהן איהם ?

און דאָ מוז מען נאָך אמאָל און נאָך אמאָל זאגען אָט וואָס: דער היינטיגער „סאָציאל־דעמאָקראט״ (לעז בעסער: דער היינ־טיגער פאררעטער פון סאָציאליזם) האָט אזוי פארגעסען אָן דעם מוסר השכל, וואס מארקס האָט אראפּגענומען פון דער פאריזער

קאָמונע, א זקיין אנדער קריטיק אויפ'ן פּאַרלאַמענטאַריזם קען זיך איהם גאַר ניט פאָטויפען אין קאָפּ, נאָר אָדער מצד די אַנאַרכיסטען, אָדער מצד די רעאַקציאָנערען.

דער אויסגאַנג פונ'ם פּאַרלאַמענטאַריזם באשטעהט ניט אין דעם, וואָס מען זאָל פאַרניכטען די רעפּרעזענטאַטיווע אין וואהל־קערפּערשאַפטען, נאָר אין דעם, וואָס מען וועט פון די דאָזיגע רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטען, וועלכע זיינען איצט ניט מעהר ווי פּלאַפּעל־מאַשינען, מאַכען „אַרבייטענדע“ קערפּערשאַפטען. „די קאָמונע האָט געדאַרפט זיין ניט קיין פּאַרלאַמענטאַרישע איינ־ריכטונג, נאָר אַן אַרבייטענדע, וואָס זאָל אין איין און דערזעלבער צייט זיין אי די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט, אי די דורכפיהרערין פון די געזעצען“.

„ניט קיין פּאַרלאַמענטאַרישע, נאָר אַן אַרבייטענדע איינריכ־טונג“, דאָס זיינען ווערטער, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרען אויף צו טרעפען ניט לעבען אויג, נאָר טאַקי אין אויג פון די היינטיגע פּאַרלאַמענטאַרען און פּאַרלאַמענטאַרישע שטוב־הינטלאַך“ פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. נעמט פאַר א ביישפּיעל וועלכע ס'ניט איז פּאַרלאַמענטאַרישע מדינה, פון אַמעריקאַ ביז דער שווייץ, פון פראַנקרייך ביז ענגלאַנד, נאָרוועגיען און אנדערע: די אמת'ע „מלוכה“ אַרבייט ווערט אָפּגעטאָן הינטער די קוליסען און ווערט דורכגעפיהרט פון די דעפּאַרטאַמענטען, קאַנצעלאַריעס און שטאַבען. אין די פּאַרלאַמענטען פּלאַפּעלט מען בלויז, דאָרטען פאַררעדט מען גלאַט די צייהן, כדי צו מאַכען דעם אָנשטעל פאַר'ן „פּראָסטען פאָלק“, אַז מען טוט עפּעס, אַז מען קעהרט וועלטען. אויף ווי ווייט עס איז אַזוי קען מען זעהן דערפון וואָס אַפילו, אין דער רוסישער רעפּובליק, אין דער בורזשואַזנער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וואָס האָט זיך נאָר וואָס פון אייעלע אויסגעפּיקט, האָט מען שוין גענו־מען פּלאַפּלען און פּלאַפּלען. אַזעלכע העלדען פון דער פאַרשי־מעלטער בעל הבית'עלדיגקייט, ווי די סקאָבעליעווס און צערעטעלים, טשערנאָווס און אַוקסענטיעווס, האָבען געקענט אפילו די סאָוויעטען

פאַרפאַטשקען אַזוי ווי דער עקעלהאַפּטסטער סאָרט פּאַרלאַמענטאַריזם און מאַכען פון זיי פּוסטע פּלאַפּלערס. די הערען „סאָציאַליסטישע“ מיניסטאָרען דרעהן אַ מח אין די סאָוויעטען כדי צו מאַכען דעם אָנשטעל פאַר די פּויערים, אַז זיי קעהרען וועלטען; זיי האַלטען געצאַצקעטע דרשות און פּלאַפּלען וועגען רעוואָלוציעס, כדי מען זאָל מיינען, אַז זיי טוען טאַקע עפּעס אויף. אין דער רעגיערינג גופא טאַנצט מען שטענדיג אַ „קיילעכדיגס“ און מען זעהט, אַז פון איין זייט, זאָל מען נאָך נעקסט פאַרטיילען די כבודים און פאַרזאָרגען מיט גוטע שטעלעס אַלץ מעהר „סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען“ און מענשעוויקעס, און פון דער אַנדערער זייט, זאָל מען אַגב אָנהאַלטען די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק. און אין די קאַנצעלאַריעס און אין די שטאַבען „טוט מען אָפּ“ די מלוכה־אַרבייט!

די צייטונג „דיעלאָ נאַראָדאַ“, דער אָרגאַן פון דער סאַמע רעכטער*) פּאַרטיי „סאַציאַליסטען־רעוואָלוציאַנערען“, האָט זיך ניט לאַנג צוריק אין אַ לייט־אַרטיקעל מודה געווען, — אַזוי אָפענהערציג ווי עס קען זיך נאָר מודה זיין איינער פון אַ „פיינער געזעלשאַפט“, וואו „אַלע“ געבען זיך אָפּ מיט פּאָליטישער פּראָסטיטוציע, — אַז אפילו אין יענע מיניסטעריומס, וועלכע געהערען צו די „סאָציאַליסטען“ (ענטשולדיגט מיר פאַר׳ן אויסדרוק!), אפילו דאָרטען בלייבט דער גאַנצער אַפּאַראַט אין די הענד פון די אַלטע טשינאָווניקעס, די גאַנצע אַרבייט ווערט געטאָן פּונקט ווי אין יענע גוטע צייטען און די אַלע אַנפאַנגען וואָס די רעוואָלוציאָנערען מאַכען דערלאָזט מען ניט „פראַנק און פריי“. און אפילו אָהן דער וידוי ווייסט מען אויך, אַז דאָס גאַנצע באַטייליגען זיך פון די מענשעוויקעס און עס׳ערען אין דער רעגיערונג איז קיין אויסגעבלאָזענע איי ניט ווערט. כאַראַקטעריסטיש איז בלויז דאָס, וואָס אין איין מיניסטאָרען־געזעלשאַפט, צוזאַמען מיט די קאַדעטען, גע־

*) לענין האָט דאָס געשריבען דאָן ווען קערענסקי איז נאָך געווען אין מאַכט.

פינט מען אויף די ערערען טשערנאָווס, רוסאַנאָווס, זינזינאָווס און די אנדערע רעדאַקטאָרען פון דער „דיעלאָ נאַראָדא“, און וואָס דאָס גאַנצע געזינדעל האָט שוין אויף אזוי פיעל פּאַרלאָרען די בושה, אַז מען שעהמט זיך שוין גאָר ניט עפענטליך זיך מודה צו זיין, אַז „ביי זיי“ אין די מיניסטעריומס געהט אַלץ אויפ'ן אַלטען שטייגער! די רעוואָלוציאָנערע־דעמאָקראַטישע פראַזע — דאָס איז ביי זיי אַ מיטעל צו פאַרדרעהן די קעפּ פון די דאָרפישע איוואַנעס, און די קאַנצעליאַרסקע שאַכער־מאַכער ארבייט — אויף „צופריעדען־צו־שטעלען“ די קאַפּיטאַליסטען — און אין דעם ליגט דער גאַנצער תוך פון דער „עהרליכער“ קאָאַלאַציע.

אויפ'ן אָרט פון דעם פאַרקויפטען און פאַרשימעלטען פּאַר־לאַמענטאַריזם פון דער בורזשואַזנער געזעלשאַפט שאַפט די קאָ־מונע אַזעלכע איינריכטונגען, אין וועלכע די פרייהייט צו שפּרעכען און באַשפּרעכען פאַרוואַנדעלט זיך ניט אין אַ שווינדלעריי, מחמת די פּאַרלאַמענטאַרען מוזען אַליין ארבייטען, אַליין דורכפיהרען די געזעצען, אַליין זעהן וואָס ס'קומט ארויס פון דעם אַלעם, אַליין דירעקט זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר די מענשען, וועלכע האָבען זיי ערוועהלט. די רעפּרעזענטאַנטיווע איינריכטונגען בלייבען טאַ־קי, אָבער דער פּאַרלאַמענטאַריזם, אַלס אַ ספּעציעלע סיסטעם, אַלס אַ באַזונדער פאַרטיילונג פון צווישען געזעצגעבענדע און געזעצפיה־רענדע, אַלס אַ פּריווילעגירטער שטאַנד פאַר די דעפּוטאַטען עק־זיסטירט מ ע ה ר נ י ט. אָהן רעפּרעזענטאַנטיווע איינריכטונ־גען קענען מיר זיך ניט פאָרשטעלען קיין דעמאָקראַטיע, אפילו אַ פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע, אָהן פּאַרלאַמענטאַריזם וויעדער קע־נען מיר זיך יאָ פאָרשטעלען און מ ו ז ע ן זיך דאָס פאָרשטעלען, אויב די קריטיק אויף דער בורזשואַזנער געזעלשאַפט איז פאַר אונז ניט קיין פּוסטע מליצה, אויב אונזער שטרעבונג ארונטערצואוואַר־פען די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע איז טאַקי אַן אמת'ע און אויפריכטיגע, און ניט קיין מיטעל אויף צו כאַפּען די שטימען ביי די ארבייטער, ווי עס איז ביי די מענשעוויקעס און סאָציאַליס־

טען־רעוואָלוציאָנערען, וו יעס איז ביי די שיידעמאַנס און לעגיענס, סאַנבעס און וואַנדערוועלדעס.

זעהר באַלעהרענד איז דאָס, וואָס ריידענדיג וועגען די שטאַאט־ליכע בעאַמטע, וואָס מען מוז האָבען אפילו אין דער קאָמונע און אין דער פּראָלעטאַרייטער דעמאָקראַטיע, נעמט מארקס פאַר אַ ביישפּיעל די אָנגעשטעלטע פון „יעדער אנדער ארבייטסגעבער", ד. ה. די געוועהנליכע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג מיט „אר־בייטער, אויפּפּאַסער און בוכהאַלטערס."

ביי מארקס'ן געפינט מען ניט אַפילו קיין קלענסטען וואונק פון אוטאָפּיזם אין דעם זין, אז ער זאָל אַליין פאַרפאַסען און אויס־טראַכטען אַ „שפּאָגעל נייע" געזעלשאַפט. ניין, ער שטודירט, ווי אַ נאַטירליך־היסטאָרישען פּראָצעס, דעם נייעם געזעלשאַפטס־גע־בורט פון דער אַלטער געזעלשאַפט, די איבערגאַנגס פאָרמען פון דער צווייטער צו דער ערשטער. ער נעמט די ווירקליכע ערפאַה־רונג פון דער פּראָלעטאַרישער מאַסען־באַוועגונג און סטאַרעט זיך ארויסצונעמען דערפון דעם פּראַקטישען מוסר השכל. ער „לערענט זיך" ביי דער קאָמונע, ווי אַלע גרויסע רעוואָלוציאָנערע דענקער האָבען קיין מורא ניט נעהאַט זיך צו לערנען ביי דער ערפאַהרונג פון די גרויסע באַוועגונגען פון דעם אונטערדריקטען קלאַס, און איז קיינמאָל ניט צוגעגאַנגען צו זיי מיט די „עצות טובות" פון אַ למדן (ווי למשל די עצה טובה פון פּלעכאַנאָוו'ן: „מען האָט זיך ניט געדאַרפט נעמען פאַר'ן געוועהר", אָדער ווי צערעטעלי'ס עצה, אז „דער קלאַס דאַרף זיך אַליין באַשרענקען").

וועגען אָפּשאַפען די שטאַאַטליכע בעאַמטע מיט איינמאָל, דורך און דורך, קען גאָר קיין רייד ניט זיין. דאָס איז אַ אוטאָפּיע. אָבער צוקלאַפּען מיט איינמאָל די אַלטע מאַשין פון שטאַאַטליכע בעאַמטע און טאַקי גלייך אויפ'ן אָרט זיך נעמען בויען אַ נייע, וועלכע פיהרט ביסלעכווייז דערצו, אז די אַלע שטאַאַטליכע בעאַמטע זאָלען קיין יחכנים ניט זיין, דאָס איז ניט קיין אוטאָפּיע, נאָר אַן ערפאַהרונג פון דער קאָמונע, דאָס איז די

דירעקטע, באַלדיגע אויפגאַבע פון'ם רעוואָלוציאָנערען פּראָלע־טאַריאַט.

דער קאַפּיטאַליזם אַליין מאַכט פּשוט די פונקציע פון דער „שטאַאַטליכער" פאַרוואַלטונג, ער גיט אַליין די מעגליכקייט צו באַזייטיגען די „אויבערהערשאַפט" און איינפיהרען דעם גאַנצען ענין אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריער (אַלס דער הער־שענדער קלאַס), אין'ם נאָמען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וואָס שטעלט אָן „אַרבייטער", אויפפּאַסער און בוכהאַלטערס".

מיר זיינען ניט קיין אוטאָפּיסטען. מיר זיינען ניט קיין „טרוימער", וואָס טראָגען זיך אַרום מיט אַ חלום ווי אַזוי מען זאָל זיך מ י ט א י י נ מ אָ ל באַגעהן אָהן אַ שום פאַר־וואַלטונג, אָהן אַ שום געהאָרכזאַמקייט; דאָס זיינען אַנאַרכיס־טישע חלומות, וועלכע נעמען זיך פון דעם ניט פאַרשטעהן די אויפ־גאַבען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. זיי זיינען אין עצם פרעמד דעם מאַרקסיזם און דיענען אין דער ווירקליכקייט נאָר אַן אַנדער ציעל, און דאָס איז — אָפּציהען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אַזוי לאַנג ביז די מענשען וועלען ווערען אַנדערע. ניין, מיר ווילען אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע מיט אַזעלכע מענשען ווי איצט, וועלכע קענען זיך ניט באַגעהן אָהן אונטערטעניגקייט, אָהן אַ קאָנטראָלע, אָהן „אויפפּאַסערס און בוכהאַלטערס".

אָבער אונטערטעניג זאָל מען זיין דעם באַוואַפענטען אוואַנ־גאַרד פון אַלע עקספּלואַטירטע און אַרבייטענדע — דעם פּראָלע־טאַריאַט. די ספּעציעלע „אויבערהערשאַפט", די „נאַטשאַלסטוואָ" פון די שטאַאַטליכע בעאַמטע קען מען, מוז מען טאַקי גלייך אויפ'ן שטעל אָנהויבען אויסבייטען אויף פּשוטע פונקציעס פון „אויפ־פּאַסער און בוכהאַלטערס", אויף אַזעלכע פונקציעס, וועלכע זיינען שוין פּאַסיג פאַר דער ענטוויקלונגס־מדרגה פון די שטאָדטישע מענשען בכלל און קענען גאַנץ לייכט דורכגעפיהרט ווערען פאַר אַ „לוין וואָס אַן אַרבייטער קריגט געוועגליך".

אָרגאַניזירענדיג אַ גרויסע פּראָדוקציאָן, נעמענדיג אין אכט,

וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט שוין געשאַפֿן, איז מ י ר אַרבייטער אַליין, פֿאַרלאָזענדיג זיך אויף אונזער איינענער ערפאַהרונג, שאַ־פּענדיג די שטרענגסטע אייזערנע דיסציפּלין, וואָס ווערט געשטיצט פֿון דער מלוכה־מאַכט פֿון די באוואַפענטע אַרבייטער, וועלען מיר דערמיט ברענגען דערצו, אַז די שטאַאַטליכע בעאַמטע זאָלען פּשוט זיין די דורכפיהרער פֿון די אויפגאַבען, וואָס מיר האָבען זיי אָנ־פאַרטרויט, זיי זאָלען זיין פאַראַנטוואָרטליך, מען זאָל זיי קענען בייטען, און שכירות זאָלען זיי קריגען באַשיידענע, ווי „אויפּפּאַ־סערס און בוכהאַלטערס" (ס'פאַרשטעהט זיך, מיט טעכניקער פֿון אַלע סאָרטען און מדרגות) — אָט דאָס איז א ו נ ז ע ר, פּראָ־לעטאַרישע אויפגאַבע, אָט פֿון וואָס מען קען און מען מוז אָ נ ה ו י ב ע ן ווען עס קומט פאַר אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. אַזאַ אָנפאַנג, וואָס ווערט געמאַכט אויף דעם גרונד פֿון דער גרויסער פּראָדוקציאָן, פיהרט אַליין צו אַ לאַנגזאַמער „אָפּשטאַרבונג" פֿון פּריוועליגירטע טשינאָווניקעס, אַזאַ אָנפאַנג פיהרט ביסלעכווייס דערצו, אַז עס זאָל געשאַפֿען ווערען אַן אמת'ע אָרדנונג אָהן גענזענע פיסלאַך, אַן אָרדנונג, וואָס האָט ניט אין זיך קיין ברעקעל עהנליכקייט צו געדונגענער שקלאַפעריי, אַן אָרדנונג, אין וועלכער די אַלע אַרבייטען וועלען ווערען פּשוט דורך דעם, וואָס עס וועט, נאָך דער רייהע נאָך, יעדען איינעם אויסקומען זיי צו טאָן און דורך דעם וועלען זיי שוין במילא ווערען אַ גע־וועגליכע זאַך און עס וועט אוועקפאַלען זייער יחוס אַלס אַרבייטען, וואָס ווערען געטאָן פֿון אַ ספּעציעלען קלאַס מענשען.

איינער אַ שאַרפזיניגער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַט פֿון די 70־ער יאָהרען פֿון'ם פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָט אָנ־גערופען די פּאָסט אַביישפּיעל פֿון אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. דאָס איז זעהר ריכטיג. איצט איז די פּאָסט אַ ווירטשאַפט, וואָס ווערט געפיהרט אויף דעם שטייגער פֿון אַ שטאַאַטליך־קאַפּיטאַליס־טישען מאָנאָפּאָל. דער אימפּעריאַליזם פאַרוואַנדעלט ביסלעכווייס אַלע טראָסטען אין אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע. איבער די „פּשוטע"

האָראָפּאַשניקעס, וועלכע זיינען פּארוואָרפען מיט ארבייט און הונגערען, שטעהט די בורזשואזנע דעמאָקראַטיע. אָבער דער מע־כאַניזם פון דער געזעלשאַפטליכער ווירטשאַפט איז שוין דאָ פאראַן א פארטיגער. ארונטערוואַרפען די קאפּיטאַליסטען, צוקלאַפּען מיט דער אייזערנער האַנט פון די באוואַפענטע ארבייטער דעם ווידער־שטאַנד פון די עקספּלואַטאַטאָרס, צוברעכען די ביוראָקראַטישע מאַשין פון דעם היינטיגען שטאַאַט — און מיר האָבען פאר זיך א גוט ענטוויקעלטען מעכאַניזם, וועלכען מען האָט באפרייט פון דעם בלוט־זויגער און וועלכען די פאראייניגטע ארבייטער אליין קענען לאָזען ווייטער אין גאַנג, אָנשטעלענדיג טעכניקער, אויפ־פּאַסער, בוכהאַלטערס, באצאָהלענדיג זיי, פּונקט ווי אלע אנדערע „שטאַאַטליכע" אָנגעשטעלטע, אַזוי פיעל וויפיעל מען צאָהלט געוועהנליך אַן ארבייטער. אָט דאָס איז די ממשות'דיגע, פּראַקטישע אויפגאַבע אין באצוג צו אלע טראַסטען, אָט דורך דעם וועלען די ארבייטער איינמאָל פאר אלע מאָל פּטור ווערען פון דער עקספּלואַ־טאַציע, און דאָס איז די ערפאַהרונג, וואָס די קאָמונע האָט פּאַקטיש אָנגעהויבען דורכפיהרען.

די גאַנצע פּאָלקס־ווירטשאַפט, אָרגאַניזירט, ווי די פּאָסט, כדי די טעכניקער, אויפפּאַסער און בוכהאַלטערס, פּונקט ווי אלע אנדערע אָנגעשטעלטע ביים שטאַאַט, זאָלען פאר זייער ארבייט קריגען באצאָהלט „ניט מעהר ווי אַן ארבייטער קריגט", אונטער דער קאָנטראָלע און אונטער דער פיהרערשאַפט פון'ם באוואַפענטען פּראָלעטאַריאַט — אָט דאָס איז אונזער נאָהענטסטע אויפגאַבע. אָט אַזא שטאַאַט און דווקא אויף אַזא עקאָנאָמישען יסוד מוזען מיר האָבען. אָט דאָס וועט פיהרען דערצו, אז דער פּאַרלאַמענ־טאַריזם זאָל אונטערגעהן און די רעפּרעזענטאַטיווע איינריכטונגען זאָלען דאָך בלייבען פעסטע, אָט דאָס וועט באפרייען די ארביי־טענדע קלאַסען פון דעם שווינדעל פון די בורזשואזנע איינריכ־טונגען.

# דאָס אָרגאַניזירען די איינינגקייט פון דער נאַציאָן

„אין יענער קורצער אָנדייטונג וועגען דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס די קאָמונע האָט קיין צייט ניט געהאַט ווייטער צו באַארבייטען, ווערט זעהר באַשטימט ארויסגעזאָגט דער געדאַנק, אַז די קאָמונע האָט געדאַרפט... ווערען די פּאָליטישע פאָרמע אַפילו פון קלענסטען דערפעל“... פון די קאָמונעס וואָלט מען אויסגעקליבען אַפילו אַ „נאַציאָנאַלע דעלעגאַציע“ אין פּאַריז.

...„ניט פיעל, אָבער זעהר וויכטיגע פונקציעס, וועלכע וואָלטען נאָך דאַן געבליבען ביי דער צענטראַלער רעגירונג, האָט מען ניט געדאַרפט אָפּשאַפען, — אַזאַ פעסטשטעלונג וואָלט געווען אַ באַוואוסטזיניגע פאַלשקייט, — נאָר איבערגעבען די קאָמונאַלען, ד. ה. די פאַראַנטוואָרטליכע בעאַמטע“...

...„די איינינגקייט פון דער נאַציאָן איז ניט געווען אין געפאַהר אונטערצוגעהן, נאָר פאַרקעהרט, עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז זי, די נאַציאָן, זאָל נאָך מעהר אָרגאַניזירט ווערען דורך דער קאָמונאַלער אָרדנונג. די איינינגקייט פון דער נאַציאָן האָט געדאַרפט ווערען אַ ווירקליכקייט, אָן אמת׳ע איינינגקייט, דורך דעם וואָס מען האָט ארונטערגעוואָרפען יענע שטאַאַטליכע מאַכט, וועלכע האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס די פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיגער איינינגקייט, און גאָר געוואָלט זיין אומאַפּהענגיג פון דער נאַציאָן, וואָס איז געשטאַנען איבער איהר. אין דער אמת׳ן איז אָט די שטאַאַטליכע מאַכט גאָר געווען ניט מעהר ווי אַ מכה אויפ׳ן קערפּער פון דער נאַציאָן...“ „די אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל אָפּהאַקען די אונטערדריקענדע אָרגאַנען פון דער אַלטער רעגירונגסמאַכט, צונעמען די רעכט ביי אַזאַ מאַכט, וואָס פּרעטענדירט דאַרויף, אַז זי זאָל שטעהן איבער דער געזעלשאַפט, און דאָס איבערגעבען אין די הענט פון די פאַראַנטוואָרטליכע דיענער פון דער געזעלשאַפט“.

אויף ווי ווייט די אָפּאָרטוניסטען פון דער היינטיגער סאָציאַל-

דעמאָקראַטיע האָבען ניט פארשטאַנען, אָדער בעסער געזאָגט, ניט געוואָלט פארשטעהן מארקס'ן, קען מען קלאָר זעהן אין בערנשטיין'ס בוך וועגען די אויפגאַבען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דוקא וועגען די אויבענגעבראַכטע אויסצוגען פון מאַרקס'ן, האָט בערנשטיין געשריבען, אַז אָט די פּראָגראַמע „לויט איהר פּאָליטישען תוך, באַווייזט אין אַלע איהרע הויפּטשטריכען די גרעסטע עהנליכקייט צו פּרודאָנ'ס פעדעראַליזם... און אפילו אין די אַנדערע פונקטען, וואו מאַרקס שטימט ניט איין מיט דעם „קליין־בורזשוא" פּרודאָן, איז ביי זיי ביידען דער געדאַנקען־גאַנג אַזוי נאָהענט, ווי עס איז נאָר מעגליך". ס'פארשטעהט זיך, זאָגט ווייטער בערנשטיין, אַז די באַדייטונג פון די מוניציפּאַליסטען וואַקסט, אָבער „איך צווייפעל זעהר אין דעם, אַז די ערשטע אויפגאַבע פון דער דעמאָקראַטיע זאָל זיין אַזאַ איינפיהר פון מאָדערנע שטאַאַטען און אַזאַ פאָלשטענדיגער אויסבייט פון זייער אָרגאַניזאַציע, ווי מאַרקס און פּרודאָן שטעלען זיך פאָר — צונויפשטעלען אַ נאַציאָנאַלע פארזאַמלונג פון דעלעגאַטען פון פּראָווינציעלע און אָבלאַסטנע פארזאַמלונגען, וועלכע זאָלען צונויפגעשטעלט ווערען פון די דעלעגאַטען פון די קאָמונעס, — אַזוי אַז די גאַנצע פריהערדיגע נאַציאָנאַלע פארטרעטערשאַפט וואָלט אינגאַנצען פארשווינדען" (זייטען 134-36, דייטשע אויסגאַבע, 1899טען יאָהר).

אָט דאָס הייסט נסים ונפלאות: צונויפמישען מאַרקס'עס מיינונגען וועגען „דער פארניכטונג פון דער שטאַאַטליכער מאַכט, וואָס איז אַ פּאַראַזיט" מיט פּרודאָנ'ס פעדעראַליזם! אָבער דאָס איז ניט קיין צופאַל, ווייל אַן אָפּאָרטוניסט קומט גאָר אפילו אין דער מחשבה נים, אַז מאַרקס רעדט דאָ גאָר ניט וועגען פעדעראַליזם אַלס אַ געגענגעוויכט צום צענטראַליזם, נאָר גאָר וועגען דער פארניכטונג פון דער אַלטער, בורזשואזנער שטאַאַטליכער מאַשין, וואָס עקזיסטירט אין אַלע בורזשואזנע מדינות.

אַן אָפּאָרטוניסט האָט אין זינען בלויז דאָס, וואָס ס'וואַרפט זיך איהם אין די אויגען, בלויז דאָס, וואָס ער זעהט אַרום זיך

אין דעם קרייז פון קליינבירגערליכער בעל־הבית'עלדינקייט און „רעפאָרמערשען" שימעל, און דאָס זיינען די „מוניציפּאַליטעטען"! וועגען א פּראָלעטארישער רעוואָלוציע קען דער אָפּאָרטוניסט אפילו שוין נים טראכטען.

עס איז נאָר צום לאכען. און דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס אין דעם פּרט האָט זיך מיט בערנשטיינ'ען קיינער גאָר־ניט געשפּארט. א סך מענשען האָבען מיט בערנשטיינ'ען פּאָ־לעמיזירט — באזונדערס פּלעכאנאָוו אין דער רוסישער ליטעראטור, קאָוטסקי אין דער אייראָפּעאישער, אָבער קיין איינער פון זיי האָט איהם נים אָנגעוויזען ווי ער האָט אין דעם פּרט מארקס'ען צו־סאָליעטשעט.

דער אָפּאָרטוניסט האָט אויף אזויפיעל פארגעסען צו דענ־קען רעוואָלוציאָנער און טראכטען וועגען אזא זאך ווי א רע־וואָלוציע, אז ס'איז ביי איהם רעכט צוצושרייבען צו מארקס'ען אזא זאך ווי „פעדעראליזם" און איהם אויסמישען מיט דעם בא־גרינדער פון'ם אנארכיזם פּרודאָן. און די עררען קאָוטסקי און פּלעכאנאָוו, וועלכע ווילען דוקא זיין שטרענגע מארקסיסטען און אָנהענגער פון מארקס'עס רעוואָלוציאָנערער לעהרע, מאכען גאָר א שווייג וועגען דעם! און דאָ ליגט איינער פון די עיקרים פון יענער שלעכטער אויסטייטשונג פון מיינונגען וועגען דעם אונ־טערשייד צווישען מארקסיזם און אנארכיזם — די שלעכטע אויס־טייטשונג, וועלכע איז אזוי אייגען פאר די קאָוטסקיאנער און אָפּאָרטוניסטען, וועגען וועלכע עס וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדען.

אין די געבראכטע אויסצוגען מארקס'עס וועגען דער ער־פאהרונג פון דער קאָמונע, איז ניטאָ אפילו קיין שום וואונק אויף פעדעראליזם. מארקס געהט זיך צונויף מיט פּרודאָנ'ען דוקא דאָרט, וואו דער אָפּאָרטוניסט בערנשטיין זעהט עס גאָר ניט. און מארקס געהט זיך פאנאנדער מיט פּרודאָנ'ען דוקא דאָרטען, וואו בערנ־שטיין זעהט, אז זיי געהען זיך צונויף.

מארקס געהט זיך צונויף מיט פּרודאָנ'ען אין דעם, וואָס זיי ביידע זיינען דערפאר אז מען דארף „צוקלאַפּען" די היינטיגע שטאַאטליכע מאַשין. אָט די עהנליכקייט צווישען דעם מארקסיזם און דעם אַנארכיזם (און אויך צווישען פּרודאָנ'ען און באַקונינ'ען) ווילען די אָפּאָרטוניסטען און קאָוטסקיאַנער גאָר ניט זעהן, ווייל אין דעם פּרט זיינען זיי אַוועק פון'ם מאַרקסיזם.

דוקא אין דער פראַגע וועגען פעדעראַליזם געהט זיך מאַרקס פאַנאַנדער אי מיט פּרודאָנ'ען אי מיט באַקונינ'ען (שוין אָפּגערעדט פון דער דיקטאַטור פון'ם פּראָלעטאַריאַט). פון די קליינבירגער־ליכע אַנשויאונגען פון'ם אַנאַרכיזם קומט ארוים דער פעדעראַליזם פּרינציפּיעל. מאַרקס איז אַ צענטראַליסט. און אין די אויסצוגען וואָס מיר האָבען אויבען געבראַכט האַלט ער זיך פעסט אָן'ם צענטראַליזם. בלויז אַזעלכע מענשען, וואָס זיינען פול און פיל מיט דעם קליינבירגערליכען „אָבערגלויבען" אין שטאַאַט, קענען פאַרבייטען די יוצרות און אָננעמען די פאַרניכטונג פון דער בור־זשואַזנער מאַשין אַלס די פאַרניכטונג פון'ם צענטראַליזם.

נו און אויב דער פּראָלעטאַריאַט און דער אָרימסטער פּויער וועלען איבערנעמען די שטאַאטליכע מאַכט אין זייערע אייגענע הענט, וועלען זיך אָרגאַניזירען אין קאָמונעס פאָלשטענדיג פריי און פ א ר א י י נ י ג ע ן די טעטיגקייט פון אַלע קאָמונעס געגען קאַפּיטאַל, צושטערען דעם ווידערשטאַנד פון די קאַפּיטאַ־ליסטען און איבערגעבען דאָס אייגענטום־רעכט פון די אייזענ־באַנען, פאַבריקען, ערד און די אַלע אַנדערע זאַכען דעם גאַנצען פאָלק, דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועט דאָס דען ניט זיין קיין צענטראַליזם? וועט דאָס דען ניט זיין דער אויסגעהאַלטענסטער דעמאָקראַטישער צענטראַליזם? און דערצו נאָך אַ פּראָלעטאַרישער צענטראַליזם.

בערנשטיינ'ען קען זיך גאָר אויפ'ן שכל נישט לעגען, אַז ס'איז מעגליך אַזאַ זאַך ווי אַ פרייוויליגער צענטראַליזם, אַ פריי־ווילינע פאַראייניגונג פון קאָמונעס אין דער נאַציע, אַ פרייווי־

לינע צונויפשמעלצונג פון פראָלעטאַרישע קאָמונעס, אויף צו צו־שטערען די בורזשואזנע ממשלה און די בורזשואזנע שטאַאַטליכע מאַשין. ווי יעדער פיליסטער, שטעלט זיך בערנשטיין פאַר דעם צענטראַליזם ווי אַ מין זאַך וואָס דאַרף זיין פון אויבען, ווי אַ מין קליקע פון טשינאָווניקעס און אַ סאָלדאַטשינע, וואָס קען אַרויפגע־צוואונגען ווערען און וואָס דאַרף אָפּגעהיט ווערען.

און פונקט ווי מאַרקס וואָלט פאָראויסגעזעהען די מעגליכ־קייט, אַז עס וועלען זיך שוין געפינען אַזעלכע, וואָס וועלען זייערע מיינונגען שלעכט אויסטייטשען און זיי איבערדרעהען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, שטרייכט ער אומיסטען אונטער, אַז באַשולדיגען די קאָמונע אין דעם, אַז זי' האָט געוואָלט מאַכען אַ תל פון דער איינינגקייט פון דער נאַציאָן און אָפּשאַפען די צענטראַלע מאַכט, הייסט פשוט באַוואוסטזיניג פאַלשעווען פאַקטען. מאַרקס געברויכט אומיסטען דעם אויסדרוק „אָרגאַניזירען די איינינגקייט פון דער נאַציאָן", כדי אַוועקצושטעלען דעם באַוואוסטזיניגען, דעמאָקראַטישען, פראָ־לעטאַרישען צענטראַליזם געגען דעם בורזשואזנעם, מיליטערישען, קנעפּעלדיגען צענטראַליזם.

אָבער עס איז שוין אַ כלל, אַז אַ מענש, וואָס וויל ניט הערען, איז נאָך ערגער ווי אַ טויבער. און די אָפּאָרטוניסטען פון דער היינטיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווילען גאָר ניט הערען וועגען אַזאַ זאַך ווי די פאַרניכטונג פון דער שטאַאַטליכער מאַכט און וועגען אָפּשניידען די מכה.

## 5. די פאַרניכטונג פון'ם פּאַראַזיט — דעם שטאַאַט.

מיר האָבען דאָ אויבען געבראַכט מאַרקס'עס יווערטער, וואָס ריהרען אָן דעם ענין וואָס מיר באַהאַנדלען און מיר מוזען דאָ ברענגען נאָך.

יעדע נייע זאַך, וואָס די געשיכטע שאַפט, האָט שוין אַזאַ מזל — האָט מאַרקס געשריבען — אַז מען נעמט זי אָן פאַר אַ

מין עהנליכקייט צו די אַלטע און זאַגאר אָפּגעלעבטע פאָרמען פון׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען, אָן וועלכע די נייע איינריכטונגען זיינען אבּיסעל נעראָטען. דאָס זעלבע איז מיט דער נייער קאָמונע, וועלכע צוברעכט די היינטיגע שטאַאַטליכע מאַכט. זי האָט מען אויך באַטראַכט ווי אַ מין תחית המתים פון די קאָמונעס, וואָס זיינען געוועזען נאָך אין מיטעלאַלטער... ווי אַ מין בונד פון קליינע שטאַאַטען (אַזוי איז געוועזען די מיינונג פון מאָנטעסקיע און די זשיראָנדיסטען)... ווי אַ גרעסערע פאָרמע פון׳ם אַלטען קאַמפּף געגען אָן איבערגע־טריבענער צענטראַליזאַציע...״

...„ אַ קאָמונאַלע אָרדנונג וואָלט דעם געזעלשאַפטליכען קער־פּער אָפּגעגעבען צוריק די אַלע כוחות, וואָס זיינען פאַרצעהרט געוואָרען פון דער בלוטזויגענדער מכה, דעם „שטאַאט״, וואָס ער־נעהרט זיך אויפ׳ן חשבון פון דער געזעלשאַפט און פאַרהאַלט איהר יעדער פרייע באַוועגונג. בלויז דורך דעם אַליין וואָלט פראַנקרייך׳ס אויפלעבונג זיך אַ רוק געטאָן פאָראויס.

...„אַ קאָמונאַלע אָרדנונג וואָלט געבראַכט די דאָרפישע פּראָ־דוצירער אונטער דער גייסטיגער פיהרערשאַפט פון די הויפּט שטעדט אין יעדער געגענד און וואָלט זיי דאָרט פאַרזאָרגט, דורך די שטאָדטישע ארבייטער ,וועלכע זיינען די נאַטירליכע פאַרטרעטער פון זייערע אינטערעסען. דאָס עקזיסטירען גופא פון דער קאָמונע האָט לאָגישערווייזע געפיהרט צו לאָקאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אָבער שוין נִיט אַלס אַ געגענגעוויכט צו דער שטאַאַטליכער מאַכט, וועלכע וועט שוין איצט איבעריג...״

„די פאַרניכטונג פון דער שטאַאַטליכער מאַכט״, וועלכע איז געוועזען אַ „בלוטזויגענדע מכה״, „אָפּשניידען״ זי, „פאַרניכטען״ זי; „די שטאַאַטליכע מאַכט ווערט שוין איצט איבעריג״ — אָט וועלכע אויסדריקען מאַרקס געברויכט ווען ער שאַצט אָפּ און אַנאַליזירט די ערפאַהרונג פון דער קאָמונע.

אָט דאָס אַלעס איז געשריבען געוואָרען מיט אַ קנאַפּען האַלבען יאָהרהונדערט צוריק, און איצט קומט אויס איבערצוקערען בערג

THIS BOOK BELONGS TO
LEN WAGA

ווען מען דאַרף פאַר די ברייטע מאַסען ווייזען אַ ניט צו'הרג'עטען טאַרקסיזם. די אויספיהרען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען פון די באַטראַכטונגען אויף דער לעצטער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס מאַרקס האָט איבערגעלעבט, האָט מען פאַרגעסען פונקט דאַן ווען עס איז געקומען די צייט פון די נאָכפאָלגענדע גרויסע רעוואָלוציעס פון'ם פראָלעטאַריאַט.

„די פאַרשיידענאַרטיגע אויסטיימשונגען, וואָס די קאָמונע האָט אַרויסגערופען און די פאַרשיידענאַרטיגקייט פון די אינטע־רעסען, וועלכע האָבען אין איהר זייער אויסדרוק געפונען, באַווייזען, אַז זי אַזי ביז'ן העכסטען גראַד געווען אַ ווייכע פאָליטישע פאָרמע, בעת די אַלע פריהערדיגע רעגירונגס פאָרמען זיינען אין עצם געווען אונטערדריקענדע. איהר ווירקליכער סוד איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: זי איז אין תוך געווען די רעגירונג פון דעם אַרבייטער קלאַס, דער רעזולטאַט פון'ם קאַמפף פון דעם פראָדוצירענדען קלאַס געגען דעם ערקבערישען קלאַס, זי איז געווען ענדליך די אָפענע פאָליטישע פאָרמע, ביי וועלכער עס האָט געקענט פאַרווירקליכט ווערען די עקאָנאָמישע באַפרייאונג פון אַרבייט"...

„אָהן אָט דעם לעצטען באַדינג וואָלט אַ קאָמונאַלע אָרדנונג געווען אוממעגליך און אַ נאַרעריי"...

די אוטאָפּיסטען האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט דער אַרבייט צו „ענטדעקען" פּאָליטישע פאָרמען, דורך וועלכע עס זאָל פאָרקומען דער סאָציאַליסטישער איבערבוי פון דער געזעלשאַפט. די אַנאַר־כיסטען האָבען זיך אינגאַנצען אָפּגעטרייסעלט פון דער פראַגע ווע־גען פּאָליטישע פאָרמען. די אָפּאָרטוניסטען פון דער היינטיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבען אָנגענומען די בורזשואַזנע פּאָלי־טישע פאָרמען פון דעם פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישען שטאַאַט פאַר אַזאַ מיטעל, אָהן וועלכען מען קען זיך ניט באַגעהן, און דערביי האָבען זיי זיך צוקלאַפּט די שטערענס בוקענדיג זיך פאַר דער

ראָזינער געמשקע, און יעדע שטרעבונג *צוצוברעכען* אַט די פאָרמען האָט ביי זיי געהייסען אַנאַרכיזם.

פון דער גאַנצער געשיכטע פון׳ם סאָציאַליזם און דעם פּאָליטישען קאַמפּף איז מאַרקס געקומען צום שלוס, אַז דער שטאַאַט מוז פאַרשווינדען, אַז די איבערגאַנגס־פאָרמע פון זיין פאַרשווינדען (דער איבערגאַנג פון שטאַאַט צו ניט־שטאַאַט) וועט זיין „דער פּראָלעטאַריאַט, אָרגאַניזירט אַלס דער הערשענדער קלאַס״. *אָבער ענטדעקען* די פּאָליטישע פאָרמען פון דער צוקונפט האָט זיך מאַרקס ניט אונטערגענומען. ער האָט זיך באַגנוגענט דערמיט, וואָס ער האָט פּינקטליך בעאָבאַכטעט די פראַנצויזישע געשיכטע, זי אַנאַליזירט און געקומען צום שלוס, צו וועלכען דאָס 1851טע יאָהר האָט געפיהרט: עס דערנענטערט זיך די צייט ווען די בורזשואַזנע שטאַאַטליכע מאַשין וועט *פאַרניכטעט ווערען*.

און ווען די רעוואָלוציאָנערע מאַסען באַוועגונג פון׳ם פּראָלעטאַריאַט האָט אויסגעבראָכען, האָט מאַרקס, ניט קוקענדיג אוי׳ף דעם דורכפאַל פון דער באַוועגונג, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס זי האָט זיך אַזוי ווייניג געהאַלטען און געווען אַזוי שוואַך, אָנגעהויבען צו שטודירען וואָס פאַר אַ פאָרמען זי האָט *ענטדעקט*.

די קאָמונע איז געווען די „ענדליך אָפענע״ פאָרמע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, דורך וועלכער עס קען פאָרקומען די עקאָנאָמישע באַפרייאונג פון ארבייט.

די קאָמונע איז געווען דער ערשטער פאַרזוך פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע *צו צוקלאַפּען* די בורזשואַזנע שטאַאַטליכע מאַשין און איינפיהרען אַ „ענדליך אָפענע״ פּאָליטישע פאָרמע, מיט וועלכער מען קען און מען מוז *פאַרבייטען* די צוקלאַפּטע.

## פיערטער קאַפּיטעל.

# ווי די אָפּאָרטוניסטען האָבען צוקאַליעטשעט מאַרקס'ען.

מיט דער פראַגע וועגען דער באַציהונג פון'ם שטאַאַט צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און די באַציהונג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע צום שטאַאַט, האָבען זיך די אָנגעזעהענסטע טעאָרעטיקער און פובליציסטען פון צווייטען אינטערנאַציאָנאַל (1889—1914), וועניג וואָס אָפּגעגעבען, פונקט ווי זיי האָבען זיך וועניג וואָס אָפּגעגעבען מיט דער פראַגע וועגען רעוואָלוציע בכלל. אָבער דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע אין דעם פּראָצעס פון'ם בהדרגה'דיגען וואוקס פון'ם אָפּאָרטוניזם, וועלכער האָט געבראַכט די נידערלאַגע פון'ם 2טען אינטערנאַציאָנאַל אין 1914, באַשטעהט אין דעם וואָס אפילו ווען מען איז שוין צוגעקומען נאָהענט צו אָט דער פראַגע, האָט מען זיך געסטאַרעט זי אויסצומיידען, אָדער אינגאַנצען ניט באַמערקען.

אין סך הכל קען מען זאָגען, אַז דאָס אויסדרעהען זיך פון דער פראַגע וועגען דער באַציהונג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע צום שטאַאַט, דאָס אויסדרעהען זיך, וואָס לוינט זיך דעם אָפּאָרטוניזם, האָט געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל דעם מאַרקסיזם אַזוי צוקאַליעטשען און אַזוי באַשמוצען.

כדי צו געבען כאָטש אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק וועגען דעם וועלען מיר נעמען די אָנגעזעהענסטע טעאָרעטיקער פון'ם מאַרקסיזם, פּלעכאַנאָוו'ן און קאַוטסקי'ן.

### 1. פּלעכאַנאָוו'ס פּאָלעמיק מיט די אַנאַרכיסטען.

פּלעכאַנאָוו האָט דער פראַגע וועגען דער באַציהונג פון'ם אַנאַרכיזם צום סאָציאַליזם געווידמעט אַ באַזונדער בראָשורע:

„אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם“, וואָס איז ערשינען אין דייטש, אין 1894טען יאָהר.

פּלעכאַנאָוו האָט די דאָזיגע טעמא באַהאַנדעלט אויף אַ כיט־רען אופן. ער האָט אויסגעמיטען צו רעדען וועגען דעם סאַמע שאַרפסטען און סאַמע וויכטיגסטען פּונקט אין׳ם קאַמפּף געגען אַנאַרכיזם, נעמליך, דעם פּונקט וועגען דער באַציהונג פון דער רעוואָלוציע צום שטאַט און די פראַגע וועגען שטאַט בכלל! אין זיין בראָשורע זעהען זיך מעהרסטענטיילס אָן צוויי טיילען: איינע — אַ היסטאָריש־ליטעראַרישע, מיט אַ טייערען מאַטעריאַל איבער דער געשיכטע פון די אידעען פון שטירנער׳ן, פּרודאָנ׳ען און אַנדערע; די צווייטע טייל: אַ פיליסטערישע, מיט אומגע־לומפּערטע חקירות און סברות, אַז ס׳איז אוממעגליך צו דערגעהן אַ טאָלק און מאַכען אַן אונטערשייד צווישען אַן אַנאַרכיסט און אַ באַנדיט.

דאָס צונויפמישען די יוצרות איז גלאַט זעהר כאַראַקטערים־טיש פאַר דער גאַנצער טעטיגקייט פּלעכאַנאָוו׳ס אין דער צייט פון ערב דער רעוואָלוציע און אין׳ם משך פון דער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָדע אין רוסלאַנד: אין די יאָהרען 1905 און 1917 האָט זיך פּלעכאַנאָוו טאַקי אַרויסגעוויזען אַלס אַ האַלבער דאָקטרינער און אַ האַלבער פיליסטער אין דער פּאָליטיק פון נאָכשלעפּען זיך ביים עק פון דער בורזשואַזיע.

„מיר האָבען געזעהן ווי מאַרקס און ענגעלס, פּאָלעמיזירענדיג מיט די אַנאַרכיסטען, האָבען אַלץ קלאָרער אַרויסגעבראַכט זייערע אַנשויאונגען אויף דער באַציהונג פון דער רעוואָלוציע צום שטאַט. אַרויסגעבענדיג אין 1891 מאַרקס׳עס „קריטיק פון דער גאָטהער פּראָגראַמע“, האָט ענגעלס געשריבען, אַז „מיר (ד. ה. מאַרקס און ענגעלס) זיינען דאַן געווען אין׳ם סאַמע ברען פון קאַמפּף מיט באַקונינ׳ען און זיינע אַנאַרכיסטען — נאָכ׳ן גאָטהער קאָנגרעס פון׳ם (ערשטען) אינטערנאַציאָנאַל זיינען קוים צוויי יאָהר אוועק“.

די אַנאַרכיסטען האָבען זיך מיט אַלע מעגליכקייטען געסטאַ־

רעט צו ערקלערען די פּאַריזער קאָמונע אַלס „זייערע", אַלס אַ זאַך, וואָס באַשטעטיגט זייער לעהרע, און דערביי האָבען זיי ניט פאַרשטאַנען דעם מוסר השכל פון דער קאָמונע און ווי מארקס אַנאַליזירט דעם מוסר השכל. זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען אפילו דאָס, וואָס ס'איז כמעט געווען נאָהענט צו דער ווירקליכקייט אין די ממשות'דיג־פּאָליטישע פראַגען: צי מען דאַרף צוקלאַפּען די אַלטע שטאַאַטליכע מאַשין און מיט וואָס מען זאָל זי פאַרבייטען — דאָס האָט דער אַנאַרכיזם ניט געגעבען.

אָבער רעדען וועגען „אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם", אויסמיידענדיג די גאַנצע פראַגע וועגען שטאַאַט, ניט באַמערקענדיג די גאַנצע ענטוויקלונג פון'ם מאַרקסיזם פאַר און נאָך דער קאָמונע, וואָלט געמיינט אומבאַדינגט זיך אַרונטערקלייבען צום אָפּאָרטוניזם. וואָרים דער אָפּאָרטוניזם דאַרף טאַקי מעהר ווי אַלעס, אַז די דאָזיגע צוויי אָנגעוויזענע פראַגען זאָלען נאָר ניט אָנגעשטעלט ווערען. דאָס אַליין איז שוין דער נצחון פון'ם אָפּאָרטוניזם.

## 2. קאַוטסקי'ס פּאָלעמיק מיט די אָפּאָרטוניסטען.

אין דער רוסישער ליטעראַטור זיינען קאַוטסקי'ס ווערק, אָהן צווייפעל, איבערזעצט מעהר ווי אין וועלכער ניט איז אַנדער ליטעראַטור. ניט אומזיסט וויצלען זיך איינינע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אַז אין רוסלאַנד לעזט מען קאַוטסקי'ן אַ סך מעהר ווי אין דייטשלאַנד.

קאַוטסקי איז ביי אונז אין רוסלאַנד באַריהמט ניט נאָר דורך דעם וואָס ער האָט פּאָפּולאַריזירט דעם מאַרקסיזם, נאָר אויך דורך דעם, וואָס ער האָט פּאָלעמיזירט מיט די אָפּאָרטוניסטען און מיט בערנשטיינ'ען אָן דער שפּיצע. און זעהר וועניג מענשען ווייסען דעם פאַקט ווי קאַוטסקי האָט זיך פאַרלאָרען און זיך גענומען פאַרטיידיגען דעם סאָציאַל־שאָוויניזם אין דער צייט פון'ם גרויסען קריזיס פון 1914—15. זעהר וועניג מענשען ווייסען דעם פאַקט,

אַז איידער קאַוטסקי האָט אַרויסגעטראָטען געגען די אַנגעזעהענסטע פאַרטרעטער פון׳ם אָפּאָרטוניזם אין פראַנקרייך (מילעראַן און זשאָרעס) און אין דייטשלאַנד (בערנשטיין), האָט ער אַרויסגעוויזען אַ ניט זיכערקייט און זיך שטאַרק געוואַקעלט. די מאַרקסיסטישע „זאַריאַ", וועלכע איז ערשינען אין שטוטגאַרט אין די יאָהרען 1901—02, די צייטונג, וועלכע האָט שטאַרק פאַרטיידיגט די פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע אַנשויאונגען, איז געווען געצוואונגען צו פּאָלעמיזירען מיט קאַוטסקי׳ן און זיך אויסדריקען, אַז זיין ניט אהין און ניט אהער רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויפ׳ן פּאַריזער אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין 1900 אין באַצוג צום אָפּאָרטוניזם, איז אַ „קאַוטשוקעווע". אין דער דייטשער ליטעראַטור זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען קאַוטסקי׳ס בריעף, און אין זיי זעהט מען נאָך קלאָרער, ווי ער האָט זיך שטאַרק געשלאָגען מיט דער דעה און זיך גע׳ישוב׳ט איידער ער איז אַרויסגעטראָטען געגען בערנשטיינ׳ען.

פון נאָך גרעסערער באַדייטונג איז דאָס, וואָס אין דער פּאָליטיק גופא, אין דעם אופן ווי ער באַהאַנדעלט די פראַגע וועגען אָפּאָרטוניזם, זעהט מען ווי קאַוטסקי בויגט זיך צום אָפּאָרטוניזם אין דער פראַגע וועגען שטאַאַט.

פאַר אַ ביישפּיעל וועלען מיר נעמען זיין ערשטע גרויסע ווערק געגען אָפּאָרטוניזם, זיין בוך „בערנשטיין און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָגראַמע". קאַוטסקי לייקענט טאַקי אָפּ בערנשטיינ׳ען. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז אָט וואָס:

אין זיינע טרויעריג באַריהמטע „גרונדגעזעצען פון סאָציאַליזם" באַשולדיגט בערנשטיין דעם מאַרקסיזם אין „בלאַנקיזם" (די דאָזיגע באַשולדיגונג האָבען די אָפּאָרטוניסטען און אַלע בורזשואַזנע ליבעראַלען אין רוסלאַנד שוין אַ מאָל טויזענד באַנוצט געגען די פאַרטרעטער פון׳ם רעוואָלוציאָנערען מאַרקסיזם, די באָלשעוויקעס). דערביי שטעלט זיך בערנשטיין ספּעציעל אָפּ אויף

מאַרקס'עס „בירגער קריעג אין פראַנקרייך" און פּרואוווט — אויף אַ זעהר אומגעלונגענעם אופן — פאַרגלייכען מאַרקס'עס אנשויאונג אויף דעם מוסר השכל פון דער קאָמונע מיט דעם שטאַנדפּונקט פון פּרודאָנ'ען. ספּעציעל שטעלט זיך בערנשטיין אָפּ אויף מאַרקס'עס אויספיהר, וואָס ער האָט אונטערגעשטראָכען אין דער פאָררעדע, אין 1872טען יאָהר, צום „קאָמוניסטישען מאַניפעסט", און וועלכער לויט אַזוי: „דער ארבייטער קלאַס קען ניט גלאַט איבערנעמען אין זיינע אייגענע הענט די פאַרטיגע שטאַאַטליכע מאַשין און זי לאָזען ווייטער ארבייטען פאַר זיינע אייגענע צוועקען".

בערנשטיינ'ען זיינען אָט די ווערטער אַזוי „געפעלען" געוואָרען, אַז ער האָט זיי אין זיין בוך איבערגעחזר'ט ניט ווייניגער ווי דריי מאָל, אויסטייטשענדיג זיי אויף אַ צודרעהטען אָפּאָרטוניסטישען אופן.

ווי מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, אַז דערמיט האָט מאַרקס געמיינט צו זאָגען, אַז דער ארבייטער קלאַס מוז צוקלאַפּען, צוברעכען, אויפרייסען די גאַנצע שטאַאַטליכע מאַשין. און ביי בערנשטיינ'ען קומט גאָר אויס, אַז מיט אָט די ווערטער האָט מאַרקס געוואָרענט דעם ארבייטער קלאַס געגען צו שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען בעת זיי פאַרכאַפּען די מאַכט.

קיין מעהר אומגעלומפּערטע און צודרעהטע אויסטייטשונג פון'ם מאַרקסיזם קען מען זיך שוין ניט פאָרשטעלען.

און וואָס האָט קאָוטסקי געטאָן אָפּלייקענענדיג דעם בערנ־שטייניזם?

ער האָט זיך קונציג אויסגעדרעהט, און אינגאַנצען ניט אָנ־געריהרט די פראַגע ווי דער אָפּאָרטוניזם צוקאַליעטשעט דעם מאַרקסיזם אין דעם פּרט. ער האָט בלויז געבראַכט דעם אויבענ־דערמאָנטען אויסצוג פון ענגעלס'עס פאָררעדע צו מאַרקס'עס „בירגער קריעג", זאָגענדיג דערביי, אַז לויט מאַרקס'ען, קען דער

אַרבייטער קלאַס נים באַהערשען די פאַרטיגע שטאַאַטליכע מאַשין, נאָר ער קען בכלל זי פאַרכאַפּען, און דאָס אַלעס. און וועגען דעם וואָס בערנשטיין שרייבט צו מאַרקס׳ען פּונקט דעם היפּוך פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט, וועגען דעם, אַז מאַרקס האָט פון 1852טען יאָהר אָן ווידער און אָבער באַהויפּטעט, אַז די אויפגאַבע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז צו צוקלאַפּען די שטאַאַטליכע מאַשין, וועגען דעם דערמאָנט קאַוטסקי אַפילו אַ וואָרט ניט.

און עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דער סאַמע תוך, דער סאַמע עיקר, וואָס אונטערשיידעט דעם מאַרקסיזם פון׳ם אָפּאָר־טוניזם אין דער פראַגע וועגען די אויפגאַבען פון דער פּראָלע־טאַרישער רעוואָלוציע, איז ביי קאַוטסקי׳ן אַרויסגעקומען פאַר־שמירט!

„די לעזונג פון דער פראַגע וועגען דער פּראָבלעם פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור — האָט קאַוטסקי געשריבען „געגען" בערנשטיינ׳ען — קענען מיר גאַנץ רוהיג איבערלאָזען פאַר דער צוקונפט" (זייט 172, דייטשע אויסגאַבע).

דאָס איז ניט קיין פּאָלעמיק געגען בערנשטיינ׳ען, נאָר אין תוך גענומען, גאָר אַ מין פשרה, אַ מין אויפגעבען די פּאָזיציע דעם אָפּאָרטוניזם. ווארים וואָס נאָך דאַרפען די אָפּאָרטוניסטען אויב ניט דאָס, אַז מען זאָל „גאַנץ רוהיג איבערלאָזען פאַר דער צוקונפט" די סאַמע וויכטיגסטע פראַגען וועגען דער אויפגאַבע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

מאַרקס און ענגעלס האָבען פון 1852טען יאָהר ביז׳ן 1891טען יאָהר, אין אַ משך פון פערציג יאָהר צייט, געלערנט דעם פּראָלע־טאַריאַט, אַז ער דאַרף צוקלאַפּען די שטאַאַטליכע מאַשין. און קאַוטסקי האָט אין 1899, בעת די אָפּאָרטוניסטען האָבען אין דעם פּונקט אַזוי פאַראַטען דעם מאַרקסיזם, אָפּגעטאָן אַ קונציג שטיקעל אַרבייט און צודרעהט די פראַגע אַזוי, אַז עס איז אויסגעקומען אַ פראַגע צי עס איז בכלל גאָר נויטיג צוצוברעכען די שטאַאַטליכע

מאשין, און דערביי האָט ער זיך באהאלטען אונטער'ן שוין פון דעם בירגערליכען „אומשטרייטבארען" (און אומפורכטבארען) אמת, אז די קאָנקרעטע פאָרמען פון א אידעע קענען מיר קיינמאָל פריהער ניט וויסען!

צווישען מארקס'ען און קאוטסקי'ן ליגט א גאנצער תהום אין זייער באציהונג צו דער אויפגאבע ווי די פּראָלעטארישע פּארטיי דארף צוגרייטען דעם ארבייטער קלאס פאר א רעוואָלוציע.

איצט לאָמיר נעמען אן אנדערע, מעהר צייטיגע ווערק קאוטסקי'ס, וואָס איז אויך אין א באדייטענדער מאָס געווידמעט דער אָפּלייקענונג פון'ם אָפּאָרטוניזם. דאָס איז זיין בראָשורע וועגען דער „סאָציאלער רעוואָלוציע". דאָ האָט דער מחבר גע־נומען אלס זיין ספּעציעלע טעמא די פראגע וועגען דער „פּראָלע־טארישער רעוואָלוציע" און וועגען דעם „פּראָלעטארישען רעזשים". דער מחבר האָט דאָ געגעבען זעהר א סך אומגעהויער וויכטיגע מאַטעריאַלען, אָבער גראַד פון דער פראגע וועגען שטאַאט האָט ער זיך אויסגעדרעהט. אין דער בראָשורע רעדט ער בלויז וועגען פארכאפּען די שטאאטליכע מאכט, דאָס הייסט, ער רעדט אויף אזא אופן, אז עס קומט אויס דאָס ער גיט נאָך דעם אָפּאָרטוניזם, ער גיט צו, אז די שטאאטליכע מאכט דארף מען פארכאפּען, אָבער די שטאאטליכע מאשין דארף מען ניט צו־קלאפּען. גראַד דאָס וואָס מארקס האָט אין 1872 ערקלערט אלס „אָפּגעלעבט" אין דער פּראָגראמע פון'ם „קאָמוניסטישען מאני־פעסט", האָט קאוטסקי' אָפּגעפרישט אין 1902.

אין דער בראָשורע איז א באזונדער פּאראגראף געווידמעט די „פאָרמען און די וואפען פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע". דאָ רעדט זיך אי וועגען א פּאָליטישען מאסען־סטרייק, אי וועגען א בירגער קריעג און אפילו וועגען אזעלכע „באוואפענטע כחות פון דעם היינטיגען גרויסען שטאאט, ווי א ביוראָקראטיע און אן אַרמעע", אָבער וועגען דעם וואָס די קאָמונע האָט שוין אויסגע־לערנט די ארבייטער, ווערט אפילו א וואָרט ניט דערמאָנט. הפנים,

אַז ענגעלס האָט ניט אומזיסט געוואָרענט, ספּעציעל די דייטשע סאָציאַליסטען, געגען דעם „אַבערגלויבערשען רעספּעקט" צום שטאַאַט.

קאַוטסקי שטעלט פאָר דעם גאַנצען ענין אַזוי: דער זיעגרייכער פּראָלעטאַריאַט „וועט פאַרווירקליכען די דעמאָקראַטישע פּראָגראַמע" און וועט אַליין אויסאַרבייטען איהרע פּאַראַגראַפען. און וועגען דעם, וואָס דאָס 1871טע יאָהר האָט געגעבען נייעס אין דער פראַגע וועגען אויסבייטען די בורזשואַזנע דעמאָקראַטיע אויף אַ פּראָלעטאַרישער — וועגען דעם ווערט אַפילו אַ וואָרט ניט דערמאָנט. קאַוטסקי קומט דאָ אָפּ מיט אַזעלכע „סאָלידע" איינגע'חזר'טע באַנאַליטעטען:

„עס איז במילא קלאָר, אַז ביי די איצטיגע פאַראַנדקעס וועלען מיר זיך ניט צושלאָגען צו הערשאַפט. די רעוואָלוציע אַליין לעגט פאָר אַ לאַנגען און טיעף־פאַרכאַפּענדען קאַמפּף, וועלכער וועט שוין באַוויייזען צו ענדערען אונזער איצטיגע פּאָליטישע און סאָציאַלע סטרוקטור".

עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז דער דאָזיגער „עס איז שוין במילא קלאָר" איז פּונקט אַזוי אמת ווי דער פאַקט, אַז פערד עסען האָבער און אַז די וואָלגאַ שטראָמט אריין אין קאַספּישען ים. עס איז נאָר אַ שאַדע וואָס דורך אַזאַ פּוסטער און אָנגעבלאָזענער פראַזע וועגען דעם „טיעף־פאַרכאַפּענדען" קאַמפּף, דרעהט מען זיך אויס פון דער פראַגע, וואָס איז אַמוויכטיגסטען פאַר'ן רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט, און דאָס איז: **אין וואָס זשע דריקט זיך אויס די „טיעפקייט" פון זיין** רעוואָלוציע אין באַצוג צום שטאַאַט, אין באַצוג צו דער דעמאָקראַטיע, ניט אַזוי ווי אין די פריהערדיגע, ניט פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס?

דערמיט אַליין, וואָס קאַוטסקי דרעהט זיך אויס פון אָט דער פראַגע, גיט ער אין דער אמת'ען נאָך דעם אָפּאָרטוניזם אין'ם סאַמע וויכטיגסטען פּונקט, בעת ער ערקלערט איהם קריעג **מיט'ן מויל**, אונטערשטרייכענדיג די באַדייטונג פון די „אידעען פון

דער רעוואלוציע" (א סך האט די דאזיגע „אידעע" די וועלט, אויב מען זאל מורא האבען אגיטירען די ארבייטער די ממשות'דיגע אידעען פון דער רעוואלוציע?) אדער זאגענדיג: „דער רעוואלוציאנער אידעאליזם איז קודם כל", אדער מעלדענדיג, אז די ענגלישע ארבייטער שטעלען מיט זיך איצטער פאר „קוים־קוים עטוואס מעהר ווי די קליין־בורזשוא".

„אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט — שרייבט קאוטסקי — קענען עקזיסטירען זייט ביי זייט, איינער לעבען אנדערען... די סאמע פארשיידענסטע אונטערנעמונגס־פארמען: א ביוראקראטישע (?!), א טרייד־יוניאניסטישע, א קאאפעראטיווע און א איינגעשטאלטיגע"...

„עס זיינען, למשל, פאראן אזוינע אונטערנעמונגען, וועלכע קענען זיך ניט באגעהן אהן א ביוראקראטישער (?!) ארגאניזאציע, — למשל אייזענבאהנען. דא קען די דעמאקראטישע ארגאניזאציע אננעמען אזא פארמע: די ארבייטער קלייבען אויס דעלעגאטען, וועלכע בילדען א מין פארלאמענט, און דער דאזיגער פארלאמענט צוטיילט די ארבייט און גיט אכטונג אויף דער פארוואלטונג פון'ם ביוראקראטישען אפאראט. אנדערע אונטערנעמונגען קען מען איבערגעבען דער פיהרערשאפט פון די ארבייטער פארבאנדען, ווידער אנדערע קען מען ארגאניזירען אויף קאאפעראטיווע יסודות" (זייטען 148 און 115 פון דער רוסישער איבערזעצונג, זשענעווער אויסגאבע פון 1903טען יאהר).

אט די אלע חקירות זיינען ניט ריכטיג, און זיי שטעלען מיט זיך פאר א שפאן צוריק אין פארגלייך מיט דעם אויספיהר, וואס מארקס און ענגעלס האבען געמאכט אין די 70ער יאהרען, שטיצענדיג זיך אויף דעם מוסר השכל, וואס זיי האבען ארויסגענומען פון דער קאמונע.

די אייזענבאהנען אונטערשיידען זיך לחלוטין ניט פון אלע אנדערע אונטערנעמונגען פון דער גרויסער מאשינען אינדוסטריע, זיי אונטערשיידען זיך אבסאלוט מיט גארניט פון וועלכער עס איז

ניט פאַבריק, גראָסער קראָם, גרויס־קאַפּיטאַליסטישער דאָרפס־ווירטשאַפטליכער אונטערנעמונג. אין אַלע אַזעלכע אונטערנע־מונגען פאָדערט די טעכניק אָהן צווייפעל די שטרענגסטע דיס־ציפּלין, די גרעסטע פּינקטליכקייט פון יעדען איינעם, וואָס טוט דערביי אַ געוויסען טייל פון דער ארבייט, ווייל אַנדערש קען דאָס גאַנץ שטערען דעם גאַנצען גאַנג פון דער ארבייט און אַלעס קאַליע מאַכען. אין אַלע אַזעלכע אונטערנעמונגען וועלען די ארבייטער, אוראי, „אויסקלייבען דעלעגאַטען, וועלכע בילדען אַ מ י ן פ א ר ל א מ ע נ ט".

אָבער אין דעם איז דאָך דער גאַנצער עיקר, וואָס דער דאָ־זיגער „מין פּאַרלאַמענט" וועט נ י ט זיין פון יענעם מין פּאַר־לאַמענטען ווי אין די בורזשואַזנע־פּאַרלאַמענטאַרישע איינריכ־טונגען. אין דעם איז דאָך דער גאַנצער עיקר, וואָס דער דאָזיגער „מין פּאַרלאַמענט" וועט ניט נאָר „צוטיילען די ארבייט און אכ־טונג געבען אויף דער פּאַרוואַלטונג פון'ם ביוראָקראַטישען אַפּאַ־ראַט", ווי קאַוטסקי האָט זיך פאָרגעשטעלט. אין אַ סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט וועט דער דאָזיגער „מין פּאַרלאַמענט" פון ארבייטער דעפּוטאַטען טאַקי צוטיילען די ארבייט און אכטונג געבען אויף דער פּאַרוואַלטונג פון'ם „אַפּאַראַט", אָבער דער אַפּאַ־ראַט וועט נ י ט זיין קיין „ביוראָקראַטישער". באַקומענדיג די פּאָליטישע מאַכט, וועלען די ארבייטער צוקלאַפּען דעם אַלטען ביוראָקראַטישען אַפּאַראַט, זיי וועלען איהם צוברעכען ביז'ן גרונד, קיין שטיין אויף אַ שטיין וועלען זיי ניט איבערלאָזען, און אויף זיין פּלאַץ וועלען זיי אויסבויען אַ נייעם, וואָס וועט באַשטעהן פון ארבייטער און אָנגעשטעלטע, וועלכע וועלען בשום אופן ניט קענען ווערען קיין ביוראָקראַטען, ערשטענס, דערפאַר וואָס מען וועט זיי ניט באַשטימען, נאָר ערוועהלען, און דערצו נאָך קענען צוריקרופען צו יעדער צייט; צווייטענס, דערפאַר, וואָס זיי וועלען פאַר זייער ארבייט קריגען ניט מעהר ווי אַן ארבייטער קריגט געוועהנליך, און דריטענס, דערפאַר, וואָס עס וועט אויסקומען אַזוי,

אַז די אַרבייט צו קאָנטראָלירען און אויפּפּאַסען וועט אויספּאַלען אַלע מאָל אויף אַן אַנדערען, וואָס וועט ערוועהלט ווערען, און ווייל עס וועט אויסקומען יעדען איינעם אַמאָל צו זיין אַ „ביוראָ־קראַט", וועט שוין קיינער קיין „ביוראָקראַט" ניט זיין.

קאַוטסקי האָט זיך לחלוטין ניט אַריינגעטראַכט אין מאַרקס'עס ווערטער: „די קאָמונע איז ניט געווען קיין פּאַרלאַמענטאַרישע, נאָר אַן אַרבייטענדע קאָרפּאָראַציע, וואָס גיט און פיהרט דורך געזעצען אין איין און דערזעלבער צייט".

קאַוטסקי האָט גאָרניט פאַרשטאַנען דעם אונטערשייד צווי־שען אַ בורזשואַזנעם פּאַרלאַמענטאַריזם, וואָס פאַראייניגט דעמאָ־קראַטיע (ניט פאַר'ן פאָלק) מיט ביוראָקראַטיזם (געגען פאָלק), — און אַ פּראָלעטאַרישען דעמאָקראַ־טיזם, וועלכער וועט גלייך אָננעמען מיטלען אינגאַנצען אויסצוראָ־טען דעם ביוראָקראַטיזם, און וועלכער וועט זיין אימשטאַנד דורכ־צופיהרען די דאָזיגע מיטלען ביז צום סוף, ביז מען וועט אינגאַנצען פּטור ווערען פון'ם ביוראָקראַטיזם, ביז מען וועט איינפיהרען דעמאָקראַטיע פאַר'ן פאָלק.

קאַוטסקי האָט דאָ אַלץ אַרויסגעוויזען דעם „אָבערגלויבע־רישען יראת הכבוד" פאַר'ן שטאַאַט, און די „אָבערגלויבערישע אמונה" אין'ם ביוראָקראַטיזם.

איצט לאָמיר איבערגעהן צו קאַוטסקי'ס לעצטען און בעסטען ווערק געגען די אָפּאָרטוניסטען, צו זיין בראָשורע „דער וועג צו מאַכט" (דאַכט זיך, אַז אין רוסיש איז דאָס נישטאָ, ווייל די בראָשורע איז ערשינען פונקט דאַן ווען די רעאַקציע איז געווען אין סאַמע ברען, אין 1909). די דאָזיגע בראָשורע איז אַ גרויסער שריט פאָרווערטס אויף וויפיעל עס ווערט אין איהר נאָר אָנגע־ריהרט די פראַגע וועגען דער רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַמע בכלל.

דער מחבר ווייזט קלאָר אָן דאַרויף ווי די קלאַסען־געגענזאַצען בכלל ווערען אַלץ שאַרפער, און דאַרויף וואָס דער אימפּעריאַליזם שפּיעלט דאָ אין דעם פּרט זעהר אַ באַדייטענדע ראָלע. נאָך דער

„רעוואָלוציאָנערער פעריאָדע פון די יאָהרען 1789—1781", הויבט זיך אָן פאַר מערב איירָאפּא, פון 1905 אָן, א אנאַלאָגישע פעריאָדע פאַר'ן מזרח. אָן אַלוועלטליכע קריעג רוקט זיך שנעל אַלץ נעהנ־טער און נעהנטער. „דער פּראָלעטאַריאַט קען מעהר ניט רעדען וועגען א פריהצייטיגער רעוואָלוציע". „מיר זיינען שוין אריינ־געטראָטען אין דער רעוואָלוציאָנערער פעריאָדע". „די רעוואָלו־ציאָנערע תקופה הויבט זיך שוין אָן".

אָט דאָס זיינען קלאָרע דיבורים. אָט די בראָשורע קאוטסקי'ס דאַרף אויסגענוצט ווערען אַלס א מאָס צו פאַרגלייכען דאָס וואָס די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט פ א ר ש פּ ר אָ כ ע ן צ ו ז י י ן איידער די אימפּעריאַליסטישע מלחמה האָט אויסגעבראָכען, דערמיט ווי נידעריג זי איז געזונקען (און קאוטסקי אַליין אויך) בעת די מלחמה האָט אויסגעבראָכען. „די איצטיגע לאַגע — האָט קאוטסקי געשריבען אין דער בראָשורע, פון וועל־כער מיר ריידען איצט — שלעפּט מיט זיך די סכנה, אז מען זאָל אונז (דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען) גאַנץ לייכט קענען אָנ־נעמען פאַר נאָך מעהר מעסיגער ווי מיר זיינען אין דער אמת'ען". און ארויסגעוויזען האָט זיך, אז אין דער אמת'ען איז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נאָך מעהר מעסיג און אָפּאָרטוניסטיש ווי מען האָט געדענקט!

און כאַראַקטעריסטיש איז אָט וואָס: רעדענדיג וועגען דעם, אז ס'הויבט זיך שוין אָן א רעוואָלוציאָנערע תקופה, איז אפילו אין דער בראָשורע, וואָס ער ווידמעט, ווי ער אַליין זאָגט, דער פראַגע וועגען דער „ פּ אָ ל י ט י ש ע ר רעוואָלוציע", האָט ער זיך אויך אויסגעדרעהט פון דער פראַגע וועגען שטאַאַט.

און אָט דער גאַנצער סך הכל פון אויסדרעהען זיך און אויס־מיידען רעדען וועגען דער סאַמע וויכטיגסטער פראַגע, האָט גע־פיהרט צו דעם גאַנצען איבערגאַנג צום אָפּאָרטוניזם, וועגען וואָס מיר וועלען באַלד רעדען.

עס קומט אויס, אז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט

דורך קאוטסקי'ן געמעלדעט אזוי: איך בלייב ביי די רעוואָלו־ציאָנערע אנשויאונגען (1899טען יאָהר). איך אנערקען ספּעציעל די אומפּארמיידליכקייט פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע פון'ם פּראָלעטאריאט (1902). אָבער איך געה דאָך צוריק געגען דעם, וואָס מארקס האָט שוין געזאָגט אין 1852טען יאָהר, אויב די פראגע ווערט אוועקגעשטעלט וועגען די אויפגאבען פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע אין באצוג צום שטאאט (1912).

און אזוי איז די פראגע טאקי אוועקגעשטעלט געוואָרען אין דער פּאָלעמיק מיט פּאנעקוק'ן.

## 3. קאוטסקי'ס פּאָלעמיק מיט פּאנעקוק'ן.

פּאנעקוק איז ארויס געגען קאוטסקי'ן, אלס איינער פון די פארטרעטער פון יענער לינקער ראדיקאלער שטרעמונג, וואָס האָט אין איהרע רייהען געצעהלט ראָזע לוקסעמבורג, קארל ראדעק און אנדערע, און וועלכע איז געשטאנען פעסט פאר רעוואָלוציאָנערער טאקטיק און געגלויבט, אז קאוטסקי געהט איבער אויף דער פּאָזיציע פון'ם „צענטר", וואָס וויגט זיך פּרינציפּענלאָז צווישען מארקסיזם און אָפּאָרטוניזם. אז דאָס איז ניט געווען קיין טעות האָט באוויזען די מלחמה, ווען די שטרעמונג פון'ם „צענטר" (וואָס רופט זיך ניט ריכטיג אָן מארקסיסטישער) אָדער „קאוט־סקיאניזם" האָט זיך ארויסגעוויזען מיט זיין גאנצער מיאוסער אָרימקייט.

אין דעם ארטיקעל „מאסען אקציאָן און רעוואָלוציע" („נייע צייט", 1912), וואו עס ווערט אָנגעריהרט די פראגע וועגען שטאאט, האָט פּאנעקוק כאראקטעריזירט קאוטסקי'ס פּאזיציע אלס די פּאָזיציע פון'ם „פּאסיווען ראדיקאליזם", אלס די „טעאָריע פון דער אונטעטיגער ערוואַרטונג". „קאוטסקי וויל ניט זעהן דעם פּראָצעס פון דער רעוואָלוציע" (זייט 616), שטעלענדיג די פראגע אויף אזא אופן, איז פּאנעקוק צוגעגאנגען צו דער טעמא, וואָס

אינטערעסירט אונז, וועגען די אויפגאַבען פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין באַצוג צום שטאַאַט.

„דער קאַמפּף פון'ם פּראָלעטאַריאַט — האָט ער געשריבען — איז ניט בלויז אַ קאַמפּף געגען דער בורזשואַזיע פאַר דער שטאַאַטליכער מאַכט, נאָר אַ קאַמפּף געגען דער שטאַאַטליכער מאַכט... דער תוך פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז די פאַרניכטונג פון די שטאַאַטליכע כחות און זייער אויפלעזונג דורך די כוחות פון'ם פּראָלעטאַריאַט... דער קאַמפּף הערט אויף בלויז דאַן, ווען עס ווערט פאַרווירקליכט דער ענדציעל און עס ווערט אינגאַנצען פאַרניכטעט די שטאַאַטליכע אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַציע פון דער מאַיאָריטעט באַווייזט איהר אויבערמאַכט מיט דעם, וואָס זי פאַרניכטעט די אָרגאַניזאַציע פון דער הערשענדער מינאָריטעט" (זייט 548).

דער אופן ווי פּאַנעקוק האָט פאָרמולירט זיינע געדאַנקען, ליידעט פון גרויסע חסרונות, אָבער דער געדאַנק איז דאָ דאָך ארויסגעקומען קלאָר, און עס איז אינטערעסאַנט ווי אַזוי קאַוטסקי לייקענט דאָס אָפּ.

„ביז איצט — האָט ער געשריבען — איז דער געגענזאַץ צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די אַנאַרכיסטען באַשטאַנען אין דעם, וואָס די ערשטע האָבען געוואָלט אויסקעמפּפען די שטאַאַטליכע מאַכט, און די אַנדערע האָבען זי געוואָלט צושטערען. און פּאַנעקוק וויל ביידע זאַכען צוזאַמען — —אי אויסקעמפּפען די שטאַאַטליכע מאַכט אי צושטערען זי" (זייט 724).

אויב פּאַנעקוק'ס אַרגומענטען ליידען פון ניט קלאָרקייט און עס פעהלט אין זיי אביסעל דאָס ממשות'דיגע און בולט'ע (שוין ניט רעדענדיג וועגען אַנדערע חסרונות, וואָס האָבען מיט אונזער טעמאַ קיין שייכות ניט), האָט קאַוטסקי גענומען דוקא דעם פּרינציפּיעלען עיקר, וואָס פּאַנעקוק האָט אָנגעצייכענט, און אין דעם סאַמע פּרינציפּיעלען עיסר פון דער פראַגע

האָט קאוטסקי איננאַנצען פארלאָזט די פּאָזיציע פון׳ם מארקסיזם און איז איננאַנצען אַוועק צום אָפּאָרטוניזם. דעם אונטערשייד צווישען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די אַנאַרכיסטען האָט ער באַשטימט זעהר ניט ריכטיג, ער האָט דעם מארקסיזם דאָ צו־קאַליעטשעט און פארבילינט.

דער אונטערשייד צווישען די מארקסיסטען און אַנאַרכיסטען באַשטעהט אין דעם, וואָס 1) די ערשטע, שטעלענדיג פאַר זיך די אויפגאַבע די פאָלשטענדיגע פארניכטונג פון׳ם שטאַאט, אנער־קענען דעם דאָזיגען ציעל אַלס פארווירקליכט ערשט נאָכדעם ווי די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע וועט פארניכטען די קלאַסען, ווי א רעזולטאַט פון דעם איינפיהרען דעם סאָציאַליזם, וואָס פיהרט דערצו, אז דער שטאַאט זאָל אָפּשטאַרבען; די צווייטע, די אַנאַר־כיסטען, ווילען די פאָלשטענדיגע פארניכטונג פון׳ם שטאַאט באַלד, ניט פארשטעהענדיג די באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיג פאַר אזא פארניכטונג. 2) די ערשטע, די מארקסיסטען, אנערקענען אַלס נויטווענדיג, אז דער פּראָלעטאַריאַט, נאָכדעם ווי ער האָט שוין ארייננעקראָגען די פּאָליטישע מאַכט, זאָל איננאַנצען פארניכטען די אַלטע שטאַאַטליכע מאַשין, און זי אויסבייטען אויף א נייער, וואָס באַשטעהט פון א אָרגאַניזאַציע פון באַוואָפענטע ארבייטער, אויף דעם שטייגער פון דער קאָמונע; די צווייטע אָבער, די אַנאַרכיסטען, באַשטעהענדיג פעסט דאַרויף, אז די שטאַאַטליכע מאַשין מוז פארניכטעט ווערען, שטעלען זיי זיך פאַר זעהר ניט קלאָר, אויף וואָס דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זי אויס־בייטען און ווי אַזוי ער וועט זיך באַנוצען מיט דער רעוואָלוציאָ־נערער מאַכט; די אַנאַרכיסטען לייקענען גאָר איננאַנצען, אז דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך באַנוצען מיט דער שטאַאַטליכער מאַכט, און זיי אנערקענען גאָרניט די רעוואָלוציאָ־נערע דיקטאַטור פון׳ם פּראָלעטאַריאַט. 3) די ערשטע, די מארק־סיסט׳ען, פאָדערען, אז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל צוגעגרייט ווערען פאַר א רעוואָלוציע דורך דעם וואָס מען וועט זיך באַנוצען מיט

דעם איצטיגען שטאַאט; די אנאַרכיסטען אנערקענען ניט אַזאַ זאַך.

געגען קאוטסקי'ן האָט פאַנעקוק אוריסגעשטעלט דוקא דעם מאַרקסיזם. וואָרים מאַרקס האָט אונז געלערנט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קען ניט גלאַט אויסקעמפּפען די שטאַאטליכע מאַכט אין דעם זין אַז דער אַלטער שטאַאטליכער אפּאַרט זאָל בלויז איבערגעהן אין נייע הענט, נאָר ער דאַרף דעם אַלטען אפּאַראַט צוקלאַפּען און אויף זיין פּלאַץ צונויפשטעלען אַ נייעם.

קאוטסקי געהט אוועק פון'ם מאַרקסיזם צו די אָפּאָרטוניסטען, מחמת דער סאַמע עיקר, די פאַרניכטונג פון דער שטאַאטליכער מאַשין, איז ביי איהם גאָרניט. אַזאַ זאַך, ווי די פאַרניכטונג פון דער שטאַאטליכער מאַשין, לעגט זיך די אָפּאָרטוניסטען ניט אויפ'ן שכל, דאָס קלעפּט זיך עפּיס ניט צו זיי; דער גאַנצער ענין איז ביי זיי אַ קליינינגקייט, און זיי זיינען יוצא דערמיט, וואָס זיי טייטשען אויס דאָס וואָרט „אויסקעמפּפען" אויף זייער אייגענעם שטייגער און עס קומט ביי זיי אויס, אַז דאָס מיינט מען גלאַט קריגען די מאַיאָריטעט אין דער שטאַאטליכער מאַשין.

כדי צו פאַרדעקען דעם אופן ווי ער צוקאַליעטשעט דעם מאַרקסיזם, פאַלט קאוטסקי אויף אַזאַ שכל: ער ברענגט אַ פּסוק פון מאַרקס'ען אַליין. אין 1850 האָט מאַרקס געשריבען וועגען דער נויטווענדיגקייט פון דער „ענטשידענער צענטראַליזאַציע פון די כוחות און די הענט פון דער שטאַאטליכער מאַכט". כאַפּט זיך קאוטסקי אָן אָן דעם און פרעגט מיט נצחון: צי וויל ניט פאַנעקוק צושטערען דעם „צענטראַליזום"?

דאָס איז שוין פּשוט מעשה קונצענמאַכער, פּונקט ווי בערנשטיין'ס פאַרגלייכט דעם מאַרקסיזם און דעם פּרודאָניזם אין די אנזיכטען אויף פעדעראַציע אנשטאָט פעדעראַליזם.

דער „פּסוק", וואָס קאוטסקי האָט אַרויסגענומען פון מאַרקס'ן, קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צום וואַנט. צענטראַליזם איז מעגליך אי אין דער אַלטער אי אין דער נייער שטאַאטליכער מאַשין. אויב

די ארבייטער וועלען פּריוווילינג פאַראייניגען זייערע באוואפּענטע כחות, וועט דאָס זיין צענטראַליזם, אָבער ער וועט זיין געגרינדעט אויף דער „פּאָלשטענדיגער פאַרניכטונג” פון דעם שטאַאטליכען צענטראַליזירטען אַפּאַראַט, מיט דער שטענדיגער ארמעע, פּאָליציי און ביוראָקראַטיע. קאוטסקי האַנדעלט דאָ מעשה שווינדלער דערמיט, וואָס ער דרעהט זיך איינגאַנצען אויס צו דערמאָנען די גוט באַקאַנטע אויספירען פון מאַרקס'ן און ענגעלס'ן וועגען דער קאָמונע, און שלעפּט ארויס א פּסוק, וואָס קערט זיך גאָרניט אָן מיט'ן גאַנצען ענין, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

„אפשר וויל נאָר פּאַנעקוק פאַרניכטען די שטאַאטליכע פונקציעס פון מלוכה בעאַמטע (טשינאָווניקעס)?” — געהט קאוטסקי ווייטער אָן מיט זיינע אַרגומענטען — אָבער מיר קענען זיך דאָך ניט באַגעהן אָהן טשינאָווניקעס, ניט אין פּאַרטיי און ניט אין פּראָפּעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, היינט ווער שמועסט שוין אין א שטאַאטליכער פאַרוואַלטונג! אונזער פּראָגראַמע פאָדערט ניט די פאַרניכטונג פון מלוכה בעאַמטע, נאָר אַז זיי, די מלוכה בעאַמטע, זאָלען ערוועהלט ווערען פון'ם פאָלק...

„דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דעם, וואָס פאַר א פּנים דער פאַרוואַלטענדער אַפּאַראַט וועט האָבען אין'ם „צוקונפטיגען שטאַאט”, נאָר וועגען דעם, צי אונזער פּאָליטישער קאַמפּף פאַרניכטעט די שטאַאטליכע מאַכט *נאָך איידער מען האָט זיי אויסגעקעמפפט*. (די אונטערשטרייכונג איז קאוטסקי'ס). וואָס פאַר א מיניסטעריום מיט זיינע אָנגעשטעלטע (טשינאָווניקעס) וואָלט געקענט פאַרניכטעט ווערען?” עס ווערט אויסגערעכענט די מיניסטעריומס פון בילדונג, יוסטיץ, פינאַנצען און קריעג. „ניין, קיין איינע פון די איצטיגע מיניסטעריומס וועט ניט אויפגעלעזט ווערען דורך אונזער פּאָליטישען קאַמפּף געגען דער רעגירונג... און איך ווידערהאָל, כדי אויסצומיידען מיספאַרשטענדניסע: דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דעם וואָס פאַר א פאָרמע די זיעגרייכע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט צוגעבען

דעם „שטאַאַט פון דער צוקונפט", נאָר וועגען דעם, ווי אונזער אָפּאָזיציע וועט ענדערען דעם איצטיגען שטאַאַט (זייט 725).

פשוט גערעדט הייסט דאָס זיך שטעלען יענעם אין מיטען וועג און פאַרדרעהען דעם גאַנצען ענין אין א זייט. פּאַנעקוק האָט אוועקגעשטעלט די פראַגע גראָד וועגען דער רעוואָלוציע. דאָס איז קלאָר פון דעם קעפּעל פון זיין אַרטיקעל און אויך פון די אויסציגע, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען. און איבערשפּרינגענדיג אין מיטען דערינען צו דער פראַגע וועגען דער „אָפּאָזיציע", בייט קאַוטסקי אויס דעם רעוואָלוציאָנערען שטאַנדפּונקט אויף אַן אָפּאָרטוניסטישען. ביי איהם קומט אויס אזוי: איצט איז אַן אָפּאָזיציע, און נאָכדעם, ווען מיר וועלען שוין האָבען אויסגעקעמפּפט די מאַכט, וועלען מיר א שמועס טאָן וועגען דעם. די רעוואָלוציע פאַרשווינדט... און דאָס ווילען טאַקי די אָפּאָרטוניסטען.

דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דער אָפּאָזיציע און ניט וועגען פּאָליטישען קאַמפּף בכלל, נאָר דוקא וועגען א רעוואָלוציע. א רעוואָלוציע באַשטעהט אין דעם, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט פאַרניכטעט דעם „פאַרוואַלטענדען אַפּאַראַט" און דעם גאַנצען שטאַאַטליכען אַפּאַראַט, און בייט איהם אויס אויף א נייעם, וואָס באַשטעהט פון באַוואַפענטע אַרבייטער. קאַוטסקי ווייזט דאָ אַרויס אַן „אַבערגלויבישען יראת הכבוד" פאַר „מיניסטעריומס". אָבער, פרעגען מיר, פאַרוואָס קען מען זיי ניט אויסבייטען, לאָמיר זאָגען, אויף קאָמיסיעס פון ספּעציאַליסטען, וואָס זאָלען זיין ביי די פולהערשענדע סאָוועטען פון אַרבייטער און סאָלדאַטען דעפּוטאַטען?

דער עיקר פון דעם ענין באַשטעהט לחלוטין ניט אין דעם, צי די „מיניסטעריומס" וועלען בלייבען, צי עס וועלען זיין „ספּעציאַליסטען קאָמיסיעס", אָדער אַנדערע איינריכטונגען. דאָס איז לחלוטין ניט וויכטיג. דער עיקר פון דעם ענין באַשטעהט אָבער יאָ אין דעם, צי עס בלייבט די אַלטע שטאַאַטליכע מאַשין (וועלכע

איז מיט טויזענטערליי פעדים צונעבונדען צו דער בורזשואַזיע און דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט שימעל און פולקייט) אָדער צי זי ווערט פאַרניכטעט און ווערט אויסגעביטען אויף אַ נייער. אַ רעוואָלוציע דאַרף ניט באַשטעהן אין דעם, וואָס אַ נייער קלאַס זאָל נעמען פיהרען די גרענדע מיט דער הילף פון דער אַלטער שטאַאַטליכער מאַשין, נאָר אין דעם, אַז ער זאָל צוקלאַפּען די אַלטע מאַשין און פיהרען די גרענדע מיט דער הילף פון אַ נייער מאַשין — אָט דעם גרונד־געדאַנק פון'ם מאַרקסיזם האָט קאַוטסקי פאַרשמירט, אָדער ער האָט איהם גאָר גיט פאַרשטאַנען.

די פראַגע, וואָס ער האָט געשטעלט וועגען די מלוכה בעאַמטע (טשינאָווניקעס), באַווייזט קלאָר, אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם מוסר השכל פון דער קאָמונע און מאַרקס'עס לעהרע. „מיר באַגעהען זיך ניט אָהן טשינאָווניקעס ניט אין פּראָפעסיאָנעלע און ניט אין פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס"...

מיר באַגעהען זיך ניט אָהן טשינאָווניקעס אונטער'ן קאַפּיטאַליזם, אונטער דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. דער פּראָלעטאַריאַט איז אונטערדריקט, די האַראַפּאַשנע מאַסען זיינען פאַרשקלאַפט פון'ם קאַפּיטאַליזם. אונטער'ן קאַפּיטאַליזם איז דער דעמאָקראַטיזם באַשרענקט, צוגויפגעדריקט, ארומגעשניטען און צוקאַליעטשעט דורך דער געדונגענער שקלאַפעריי און דורך די נויטען און דער אָרימקייט פון די מאַסען. דערפאַר, און נאָר דערפאַר ווערען אָרונ־טערגעפיהרט פון'ם וועג די בעאַמטע אין אונזערע פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס (אָדער בעסער געזאָגט, זיי האָבען אַ נייגונג קאַליע צו ווערען) איבער די ארומיגע קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען, זיי באַקומען די נייגונג צו ווערען ביוראָקראַטען, ד. ה. אַזעלכע, וואָס רייסען זיך אָפּ פון די מאַסען, שטעלען זיך אַוועק איבער די מאַסען און ווערען גאַנצע יחסנים.

אין דעם באַשטעהט דער עיקר פון ביוראָקראַטיזם, און ביז

וואנען מען וועט ניט פּטור ווערען פון די קאפּיטאליסטען, ביז וואנען מען וועט ניט מאכען קיין סוף פון דער בורזשואזיע, וועט מען זיך ניט קענען באַגעהן אָהן א „ביוראָקראַטיזאציע“ ביז א געוויסען גראד אפילו צווישען די פּראָלעטארישע בעאמטע.

ביי קאוטסקי׳ן קומט אויס אזוי: אויב עס וועלען בלייבען די ערוועהלטע בעאמטע, הייסט עס, אז אפילו ביים סאָציאַליזם וועלען אויך זיין טשינאָווניקעס, וועט אויך זיין א ביוראָקראַטיע! און גראָד דאָס איז ניט ריכטיג. אויפ׳ן ביישפּיעל פון דער קאָמונע האָט מארקס אָנגעוויזען, אז ביים סאָציאַליזם ווערען די בעאַמטע אויס „ביוראָקראטען“, אויס „טשינאָווניקעס“. זיי הערען דאָס אויף צו זיין לויט דער מאָס וואָס מען פיהרט איין, אז אויסער דעם, וואָס זיי ווערען ניט באַשטימט, נאָר ערוועהלט, קען מען זיי נאָך צו יעדער צייט צוריקרופען. חוץ דעם פיהרט מען דאָך איין, אַז זיי זאָלען באקומען שכירות ניט מעהר ווי אַן ארבייטער באַקומט געוועהנליך. חוץ דעם מאַכט מען דאָך פון די פּארלאַמענטארישע אינסטיטוציעס „ארבייטענדע אינסטיטוציעס“, ד. ה. אזעלכע, וואָס געבען ארויס געזעצען און פיהרען זיי דורך אין לעבען.

אין תוך גענומען איז קאוטסקי׳ס גאַנצע ארגומענטאַציע געגען פּאַנעקוק׳ן, און באַזונדערס זיין אויסגעצייכענטע טענה, אז אפילו אין פּראָפעסיאָנעלע און פּארטיי אָרגאַניזאַציאָנען קענען מיר זיך אויך ניט באַגעהן אָהן טשינאָווניקעס, ניט מעהר ווי א ווידערהאָלונג פון בערנשטיין׳ס „ארגומענטען“ געגען דעם מארקסיזם בכלל. אין זיין רענעגאַטישען בוך „די גרונדגעזעצען פון׳ם סאָציאַליזם“, פיהרט בערנשטיין א קאמפּף געגען דער אידעע פון „פּרימיטיווער“ דעמאָקראַטיע, געגען דעם, וואָס ער רופט אָן „דאָקטרינערישער דעמאָקראַטיזם“ — בינדענדע מאַנדאַטען, בעאַמטע, וואָס קריגען ניט קיין באַלוינונג, צענטראַלע פּארטרעטערשאַפט, א. אז. וו. אויף צו באַווייזען די ניט אויסגעהאַלטענקייט פון׳ם „פּרימיטיווען דעמאָקראַטיזם“ שטיצט זיך בערנשטיין אויף

דער ערפאַהרונג פון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס, ווי וועב טייטשט זי אויס. פאַר די אומגעפעהר קנאַפּע 70 יאָהר פון זייער ענטוויקלונג, האָבען די טרייד־יוניאָנס, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט כלומרשט „פאָלקאָם פריי" (זייט 137, דייטשע אויסגאַבע), זיך איבערצייגט אין דעם, אז דער פּרימיטיווער דעמאָקראַטיזם טויג ניט, און דערפאַר האָבען זיי איהם אויסגעביטען אויף אַ נעוועהנליכען: אויף אַ פּאַרלאַמענטאַריזם, וואָס איז פאַראייניגט מיט ביוראָקראַטיזם.

דער אמת איז אָבער, אז די טרייד־יוניאָנס האָבען זיך ניט ענטוויקעלט „פאָלקאָם פריי", נאָר אונטער אַ פאָל־קאָמענער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפעריי, ביי וועלכער מען קען זיך טאַקי „ניט באַגעהן" אָהן הנחות דער ערשענדער צרה, געוואַלט, אומרעכט, און אָהן אויסשליסען די אָרימקייט פון די מאַסען פון די עסקים פון דער „העכסטער" פאַרוואַלטונג. ביים סאָציאַליזם וועלען אַ סך זאַכען פון'ם „פּרימיטיווען" דעמאָקראַטיזם אָפּגעפרישט ווערען. אנדערש וועט עס ניט קענען זיין, ווייל דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון ציוויליזירטע געזעלשאַפטען, הויבען זיך אויף די מאַסען פון דער באַפעלקערונג צו דער מדרגה פון זעלבסטשטענדיגען באַטייליגען זיך ניט נאָר אין שטימען און וועהלען, נאָר אויך אין דער פאַרוואַלטונג. ווען דער סאָציאַליזם וועט קומען, וועלען אַלע רעגירען נאָך דער רייהע נאָך, און אַלע וועלען זיך שנעל צוגעוועהנען דערצו, אז קיינער זאָל ניט רעגירען, אז קיינער זאָל ניט הערשען.

מיט זיין גאונ'ישען קריטיש־אַנאַליטישען שכל האָט מאַרקס אין די פּראַקטישע מיטלען פון דער קאָמונע געזעהען יענעם איבערברוך, וואָס די אָפּאָרטוניסטען ווילען ניט און האָבען מורא צו אָנערקענען, דערפאַר וואָס זיי זיינען טרוסען, דערפאַר וואָס זיי האָבען קיין חשק ניט אינגאַנצען איבערצורייסען מיט דער בורזשואַזיע; מאַרקס האָט אין דער קאָמונע געזעהען יענע

איבערברוך, וואָס די אנאַרכיסטען ווילען ניט זעהן, צי רערפאַר וואָס זיי איילען זיך צופיעל, אָדער דערפאַר, וואָס זיי פאַרשטעהען בכלל ניט די באַדינגונגען פון סאָציאַלע מאַסען־איבערקרעענישען. „אז מען דאַרף נאָר ניט קלערען וועגען פאַרניכטען די אַלטע שטאַאַטליכע מאַשין, וואָרים ווי וועלען מיר קענען אויסקומען אָהן מיניסטעריומס און אָהן טשינאָווניקעס" — אזוי טענה'ט אַן אָפּאָרטוניסט, וואָס איז דורך און דורכגעדרונגען מיט בעל־הבית'עלדיגקייט און וועלכער איז פון יענעם מין מענשען, וואָס ניט נאָר גלויבט ער ני טאָין דער רעוואָלוציע און אין איהר נצחון, נאָר ער ציטערט גאָר פאַר איהר אימת מות (פונקט ווי עס האָבען פאַר איהר מורא אונזערע מענשעוויקעס און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען)).

„מען דאַרף דענקען בלויז וועגען פאַרניכטען די אַלטע שטאַאַטליכע מענשען, מען דאַרף זיך ניט גריבלען אין דעם ממשות'דיגען מוסר השכל פון די פריהערדיגע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס און אַנאַליזירען אויף וואָס און ווי אזוי מען זאָל די פאַרניכטעטע מאַשין אויסבייטען — אזוי טענה'ט דער אַנאַרכיסט (דער בעסערער אַנאַרכיסט, ס'פאַרשטעהט זיך, און ניט אַזעלכער, וואָס שלעפּט זיך נאָך דער בורזשואַזיע צוזאַמען מיט די הערן קראַפּאָטקין און קאָמפּ.); און ביי'ם אַנאַרכיסט קומט דאַריבער אַרויס אַ טאַקטיק פון פאַרצווייפעלטער נעוואַנטקייט, און ניט קיין אונ'רחמנות'דיגע דרייסטע באַוועגונג, וועלכע רעכענט זיך מיט די פּראַקטישע באַדינגונגען פון דער מאַסענבאַוועגונג, פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט איבער די ממשות'דיגע אויפגאַבען.

מאַרקס לערענט אונז אויסצומיידען ביידע טעות'ען, ער לערענט אונז צו זיין דרייסט אין דער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער אַלטער שטאַאַטליכער מאַשין, און אין דערזעלבער צייט לערענט ער אונז אַוועקצושטעלען די פראַגע קאָנקרעט: די קאָמונע האָט געקענט אין פאַרלויף פון עטליכע וואָכען צייט אנהויבען

בויען אַ נייע פּראָלעטאַרישע, שטאַאַטליכע מאַשין, און אַזוי דאַרף מען דורכפיהרען די אָנגעוויזענע מיטלען צו אַ גרעסערען רעמאָקראַטיזם און צו אַ פאַרניכטונג פון ביוראָקראַטיזם. לאָמיר זיך ביי די קאָמונאַרען לערנען רעוואָלוציאָנערע דרייסטקייט, לאָמיר אין זייערע פּראַקטישע מיטלען זעהן די אָנדייטונג פון פּראַקטיש־ממשותדיגע און באַלד מעגליכע מיטלען, און דאַן, נעהענדיג אויף אַזאַ וועג, וועלען מיר צוקומען צו דער פאָלשטענדיגער פאַרניכטונג פון ביוראָקראַטיזם.

די מעגליכקייט פון אַזאַ פאַרניכטונג איז פאַרזיכערט דערמיט, וואָס דער סאָציאַליזם וועט פאַרקירצען דעם אַרבייטס־טאָג, וועט דערהויבען די מאַסען צו אַ נייעם לעבען, וועט אַוועקשטעלען די מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס וועלען מאַכען מעגליך, אַז אַלע אָהן אַן אויסנאַהם, זאָלען אויספילען „שטאַאַטליכע פונקציעס“, און דאָס וועט ברענגען דערצו, אַז דער שטאַאַט זאָל בכלל אין גאַנצען אָפּשטאַרבען.

„די אויפגאַבע פון אַ מאַסען־סטרייק — זאָגט קאַוטסקי ווייטער — קען קיינמאָל ניט באַשטעהן אין דעם, אַז מען זאָל פאַרניכטען די שטאַאַטליכע מאַכט, נאָר אין דעם, אַז מען זאָל די רעגירונג ברענגען דערצו, אַז זי זאָל מאַכען הנחות אין וועלכע ס'ניט איז באַשטימטער פראַגע, אָדער אויסבייטען די רעגירונג, וואָס איז פיינדליך צום פּראָלעטאַריאַט, אויף אַ רעגירונג, וואָס נעהט דעם פּראָלעטאַריאַט אַקעגען („ענטגעגענקאָמענדע“)... אָבער קיינמאָל און אונטער קיינע אומשטענדען קען דאָס (ד. ה. דער זיעג פון'ם פּראָלעטאַריאַט איבער דער פיינדליכער רעגירונג) ניט פיהרען צו דער פאַרניכטונג פון דער שטאַאַטליכער מאַכט, נאָר בלויז צו אַ געוויסער ענדערונג אין די באַציהונגען פון די כוחות אין דער שטאַאַטליכער מאַכט גופא...

און דער ציעל פון אונזער פּאָליטישען קאַמפּף בלייבט דאָ, פּונקט ווי ביז איצט, אויסצוקעמפּפען די שטאַאַטליכע מאַכט דורך קריגען

אַ מאַיאָריטעט אין פּאַרלאַמענט און דורך דעם פּאַרוואַנדלען דעם פּאַרלאַמענט אין אַ בעל הבית איבער דער רעגירונג" (זייטען 726, 727, 732).

דאָס איז שוין טאַקע דער סאַמע רעכטער און סאַמע ביליגער אָפּאָרטוניזם, זיך אָפּזאָגנען פון אַ רעוואָלוציע אין דער פּראַקטיק און זי אָנערקענען מיט'ן מויל. קאַוטסקי'ס געדאַנק געהט ניט ווייטער פון אַ „רעגירונג, וואָס געהט דעם פּראָלעטאַריאַט אָקעגען" — אַ שריט צוריק צו בירגערליכקייט אין פאַרגלייך מיט דעם 1847טען יאָהר, ווען דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט האָט ערקלערט די „אָרגאַניזאַציע פון'ם פּראָלעטאַריאַט אלס דעם הערשענדען קלאַס".

קאַוטסקי'ן וועט אויסקומען צו פאַרווירקליכען זיין באַליעבטע „איינינגקייט" מיט די שיידעמאַנס, פּלעכאַנאָווס, וואַנדערוועלדעס, וועלכע שטימען אויך איין צו קעמפּפען פאַר אַ רעגיערונג, וואָס „געהט דעם פּראָלעטאַריאַט אָקעגען".

און מיר וועלען זיך אָפּרייסען פון די דאָזיגע פאַררעטער פון'ם סאָציאַליזמוס און וועלען קעמפּפען פאַר דער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער אַלטער שטאַאַטליכער מאַשין, אז דער באַוואָפענטער פּראָלעטאַריאַט אליין **זאָל זיין די רעגיערונג**. דאָס זיינען „צוויי גרויסע אונטערשיעדען".

קאַוטסקי'ן וועט אויסקומען צו זיין אין דער אנגענעמער געזעלשאַפט פון די לעגיענס און דאַווידס, פּלעכאַנאָווס, פּאָטרעסאָווס, צערעטעלים, טשערנאָווס, וועלכע שטימען איין צו קעמפּפען פאַר דער „ענדערונג אין די באַציהונגען פון די כוחות אין דער שטאַאַטליכער מאכט נופא", פאַר „קריגען אַ מאַיאָריטעט אין פּאַרלאַמענט און פאַר דער אויבערמאכט פון'ם פּראָלעטאַריאַט איבער דער רעגיערונג", דאָס איז דער סאָלידער, בעל־הבית'ישער ציעל, וואָס איז פאַר די אָפּאָרטוניסטען ווי אָנגעמאָסטען, אַ ציעל, וואו אַלעס בלייבט זיך אזוי פיין אין די ראַהמען פון דער בורזשואַזנער פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּובליק.

און מיר וועלען זיך נעהן אונזער וועג און מיט די אָפּאָרטוניסטען וועלען מיר זיך ניט אָנקערען; און דער גאַנצער אויפגעקלערטער פּראָלעטאַריאַט וועט זיין מיט אונז אין׳ם קאַמפּף, וואָס מיר פיהרען, ניט פאַר דער „ענדערונג אין די באַציהונגען פון די כוחות אין דער שטאַאַטליכער מאַכט גופא“, *נאָר פאַר דער פאַרניכטונג פון דער בורזשואַזיע, פאַר דער צושטערונג* פון דעם בורזשואַזנעם פּאַרלאַמענטאַריזם, פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק אויף דעם שטייגער ווי די קאָמונע איז געווען, אָדער אַ רעפּובליק פון סאָוויעטען פון ארבייטער און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען, פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור פון׳ם פּראָלעטאַריאַט.

* * *

נאָך רעכטער פאַר קאַוטסקי׳ן אין׳ם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם זיינען אַזעלכע שטרעמונגען ווי די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפטען“ אין דייטשלאַנד (לעגיען, דאַוויד, קאָלב און אַ סך אַנדערע, איינגעשלאָסען אויך די סקאַנדינאַווער סטאַונינג און בראַנטינג), די זשאָרעניסטען און וואַנדערוועלדע אין פראַנקרייך און בעלגיען, טוראַטי, טרעוועס און אַנדערע פאָרשטעהער פון׳ם רעכטען פליגעל אין דער איטאַליענישער פּאַרטיי, די פאַביאַנער און „אונאַפּהענגיגע“ („אונאַפּהענגיגע ארבייטער פּאַרטיי“, וואָס איז אין דער אמת׳ען שטענדיג געווען אָפּהענגיג פון די ליבעראַלען) אין ענגלאַנד, און דאָסגלייכען. אָט די אַלע העררען, שפּילענדיג אַ גרויסע, און גאַנץ אָפט, די גרעסטע ראָלע אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער ארבייט און אויך אין דער פּובליציסטיק פון דער פּאַרטיי, לייקענען אָפּ די דיקטאַטור פון׳ם פּראָלעטאַריאַט און זיינען אויסגעשפּראָכענע חסידים פון׳ם אָפּאָרטוניזם. ביי די דאָזיגע העררען קומט אויס, אַז אַ דיקטאַטור פון׳ם פּראָלעטאַריאַט איז אַ „ווידערשפּרוך“ צו דעמאָקראַטיע!! אין עצם זיינען זיי פונקט דאָס זעלבע וואָס די קליינבירגערליכע דעמאָקראַטען.

נעמענדיג אָט דאָס אַלעס אין אַכט, האָבען מיר אַ רעכט צו

קומען צום שלום, אַז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, אין דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון זיינע אָפיציעלע פאָרשטעהער, האָט זיך ארונטערגעקייקעלט צום אָפּאָרטוניזם. די ערפאַהרונג פון דער קאָמונע האָבען זיי ניט נאָר פארגעסען, נאָר צוקאַליעטשעט אויך. די ארבייטער מאסען האָט מען ניט נאָר גענעבען צו פארשטעהען, אַז עס איז נאָהענט די צייט, ווען זיי וועלען מוזען ארויסטרעטען און צוקלאַפּען די אַלטע שטאַאַטליכע מאשין, אויסבייטענדיג זי אויף אַ נייער און פארוואנדלענדיג אויף אַזאַ׳ן אופן זייער פּאָליטישע הערשאַפט אין אַ פונדאמענט פון אַ סאָציאַליסטישען איבערבוי פון דער געזעלשאַפט, — די מאַסען האָט מען אריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אריין פונקט דעם היפוך, און די ווערטער „אויסקעמפּפען די מאכט“ האָט מען אויסגעטייטשט אזוי, אַז עס זיינען געבליבען טויזענדער ווענען צו פיהרען צום אָפּאָרטוניזם.

דאָס צוקאַליעטשען און דאָס פארשווייגען די פראַגע וועגען דער באַציהונג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע צו הערשאַפט, האָט נעמוזט שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע דאַן, ווען די שטאַאַטען זיינען, דורך דעם אימפּעריאַליסטישען קריגס־אַפּאַראַט, געוואָרען מלחמה מאָנסטערס, וואָס פרעסען אויף מיליאָנען מענשען צוליעב דעם, אַז עס זאָל ענטשיידעט ווערען די פראַגע צי ענגלאַנד אָדער דייטשלאַנד, אָדער אַן אנדער קאַפּיטאַל זאָל באַהערשען די וועלט.

MAR 0 6 1995
UNIVERSITY OF TORONTO



THIS BOOK BELONGS TO
LEN WAGA

# שלום־וואָרט.

די דאָזיגע אָפּהאַנדלונג האָב איך אָנגעשריבען אין פאַרלויף פון די צוויי חדשים אויגוסט און סעפּטעמבער, 1917. איך האָב שוין געהאַט צונויפגעשטעלט דעם פּלאַן פאַר אַ קאַפּיטעל, וואָס זאָל הייסען : „די ערפאַהרונג פון די רוסישע רעוואָלוציעס פון 1905 און 1917“. אָבער מעהר ווי דאָס קעפּעל האָב איך ניט אויסגעפייעט אָנצושרייבען אפילו אַ שורה. מיר האָט „געשטערט“ דער פּאָליטישער קריזיס, דאָס אָנקומען פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, 1917. מיט אַזאַ „שטערונג“ קען מען זיך בלויז פרעהען. אָבער אויף דעם קאַפּיטעל „די ערפאַהרונג פון די רוסישע רעוואָלוציעס פון 1905 און 1917“ וועט מען לאַנג דאַרפען וואַרטען, ווייל איך דענק, אַז דאָס וועט מיר אויסקומען אָפּצולעגען אויף אַ גאַנץ היבשער צייט ; אָבער וואָס קען מען זיך העלפען ! עס איז אַ סך אַנגענעמער און אַ סך ניצליכער דורכצומאַכען די „ערפאַהרונג פון אַ רעוואָלוציע“, איידער צו שרייבען וועגען איהר.

דער 30טער נאָוועמבער, 1917.
פעטראָגראַד.

THIS BOOK BELONGS TO
LEN WAGA